# זכרונות פון גולאַג

## מיינע זכרונות פון סאָוועטן פאַרבאַנד

**אַ קורצליכער איבערזיכט פון דער געשיכטע פון מיין געבורט; מיין געבורטס-שטאָט; מיין עלטערן-היים; מיין יוגנט און מיינע 60 יאָר אין סאָוועטן-פאַרבאַנד אונטערן קאָמוניסטישן רעזשים**

פון

**ברוך מרדכי ליפשיץ**
("מאָטל דער שוחט")

קראַון-הייטס, ברוקלין, ניו יאָרק
שנת חמשת אלפים שבע מאות ששים וחמש לבריאה

# זכרונות פון גולאַג

## מפתח כללי

אַריינפיר ........ III
מפתח פרטי ........ V
ערשטער טייל ........ א
צווייטער טייל ........ כט
דריטער טייל ........ קיב
פערטער טייל ........ קכד
פינפטער טייל ........ קפג

ספר זה נדפס באדיבות
נכדתי **נחמה דינה** ובעלה **יצחק** שי׳ **הומינער**
בניהם **מנחם מענדל** ו**משה דוד**
ובתם **דבורה** שיחיו

**"MEMOIRS OF THE GULAG"**
*"ZICHRONOS FUN GULAG"*

© 2004 By Rabbi Levi Haskelevich

*Published by Lubavitch House at the University of Pennsylvania*
4032 Spruce Street, Philadelphia, PA 19104
Telephone: 215.222.3130 • Fax: 215.222.9635
E-mail: rabbi@pobox.upenn.edu
www.LubavitchHouse.com

Typesetting and layout by Tzvi H. Notik • סדר ועימוד ע"י
Tel: (718) 773-4552 / 363-0045 • E-mail: hirshel@netzero.net
Photo editing and layout: Rabbi Levi Haskelevich
Cover design: Asher Hecht, (brightideasinc@optonline.net)
Cover photos: Courtesy of the Gulag Museum (perm36@permonline.ru)
Back cover photo: Alfred Savarani Photography (www.alfredfoto.com)

# אַריינפיר

**למען ידעו דור אחרון בנים יולדו**
**יקומו ויספרו לבניהם**
**(תהילים עח, ו)**

**שאל אביך ויגדך, זקניך ויאמרו לך**
**(האזינו לב, ז)**

מיט לויב און דאַנק צו השי״ת בין איך צופרידן צו טיילן זיך מיט אייך, חשוב׳ע לייענער, מיינע זכרונות פון קאָמוניסטישן סאָוועטן-פאַרבאַנד.

אין די פאָלגענדע זכרונות ווערט דערציילט, אין קורצן, די געשיכטע פון מיין געבורט; מיין געבורטס-שטאָט; מיין עלטערן-היים; מיין יוגנט; די ״**שנות ראינו רעה**״: מיינע איבערלעבענישן במשך פון 60 יאָר אין סאָוועטן-פאַרבאַנד אונטערן קאָמוניסטישן רעזשים, און די יאָרן אין וועלכע עס איז טיילווייז מקויים געוואָרן דער ״**שמחנו כימות עיניתנו**״... – מיינע ״פריילעכערע יאָרן״: דאָס אַרויספאָרן פון סאָוועטן-פאַרבאַנד און אָנקומען קיין אַמעריקע, צום **ליובאַוויטשער רבי׳ן**.

וואָס עס האָט מיך מאָטיווירט צו דערציילן און פאַרשרייבן מיינע זכרונות – איז:

1) די באַוואוסט אנווייזונג פון ליובאַוויטשער רבין צו פאַרהיטן די זכרונות פון עלטערע חסידים און די מסירות-נפש פון אידן אין סאוועטן-פאַרבאַנד.

2) באַקאַנט צו מאַכן מיינע קינדער, אייניקלעך און אור-אייניקלעך מיט דער געשיכטע פון זייער פאָטער, זיידע און עלטער-זיידע, אין דער בחינה פון ״**למען ידעו דור אחרון בנים יולדו יקומו ויספרו לבניהם**״, און ״**שאל אביך ויגדך, זקניך ויאמרו לך**״ – לויטן אָפּטייטש פון תרגום אונקלוס: ״שאל אבוך ויחוי לך, סבייך ויימרון לך״.

3) דאָס מערסטע פון די פאָלגענדע זכרונות קען זיכער אינטערעסירן און דינען אַלס קוואַל פון אידיש-היסטאָרישער אינפאָרמאַציע אויך פאַר אַנדערע אידן, אויסער מיין אייגענער משפחה, און ספּעציעל – פאַר די וואָס זיי אַליין (אָדער זייערע עלטערן און אור-עלטערן) קומען פון געוועזענעם סאָוועטן-פאַרבאַנד.

* * *

אַ טייל פון די פאָלגענדע זכרונות זענען פאַרצייכנט געוואָרן שריפטליך דורך מיר אַליין, און אַ טייל האָב איך דערציילט און רעקאָרדירט אויף קאַסעטעס. דער גאַנצער מאַטעריאַל איז שפּעטער איבערגעשריבן געוואָרן, רעדאַגירט געוואָרן און צוגעגרייט געוואָרן צום דרוק דורך הרה״ת **ר׳ צבי הירש נאָטיק** שי׳, וועמען איך דאַנק זייער.

איך וויל אויך אויסניצן די געלעגנהייט צו באַדאַנקען מיינע אייניקלעך, הרה״ת **ר׳ לוי יצחק** שי׳ און זיין פרוי **נחמה איידל** תחי׳ **חזקלביץ׳**, שלוחים פון רבי׳ן אין אוניווערזיטעט פון פענסילוועניע, פאַר מיר מעורר זיין צו שרייבן מיינע זכרונות און ברענגען דעם געדאַנק צו א׳ פועל-ממש, און פאַר זיין אַריינלייגן גרויס מי און כוחות איבערצוקוקן דאָס ווערק און עס פאַרטיק צו מאַכן צום דרוק.

אויך וויל איך דערמאָנען און באַדאַנקען: הרה״ת **ר׳ יוסף יצחק** שי׳ **גוטניק**, הרה״ח הרה״ת **ר׳ בנימין** שי׳ **קליין**, סעקרעטאַר פון רבי׳ן און מיין אייניקל הרה״ת **ר׳ יצחק** און זיין פרוי **דיני** שיחיו **הומינער**, פאַר זייערע גוטהאַרציקייט זיך משתתף צו זיין אין די הוצאות פון דרוק; הרה״ת **ר׳ וועלעוועל** שי׳ **גופין** און הרה״ת **ר׳ לייזער** (בר״י) שי׳ **מישולבין**, פאַר זייער חלק אין איבערקוקן און רעדאַגירן דעם בוך; מיינע אייניקלעך **מנחם מענדל** און **יעקב יהודא ליב חזקלביץ׳**, פאַר זייער הילף מיט די בילדער. אַ ספּעציעלן דאַנק צום **גולאַג מוזעאום** אין רוסלאַנד פאַר דעם טאָוול-בילד און אַנדערע בילדער, און צו דעם אַרכיוו פון ביבליאָטעק פון **אגודת חסידי חב״ד** אין קראַון-הייטס.

ויהי רצון, אַז אַזוי ווי השי״ת האָט מיר געהאָלפן ביז איצט, וועט ער מיר זיכער העלפן אויך ווייטער, צו געזונטע לאַנגע יאָרן, און צו האָבן נחת פון מיינע קינדער, אייניקלעך און אור-אייניקלעך, לאורך ימים ושנים טובות.

**ברוך מרדכי ב״ר זלמן ע״ה ליפשיץ**
שו״ב דמוסקבה (״מאָטל דער שוחט״)

פורים תשס״ה, קראַון הייטס, ברוקלין

באַמערקונג פון מחבר: אומעטום אין די פאָלגענדע זכרונות (ביז פרק ס״ג) וואו עס ווערט דערמאָנט דער ״רבי״ (סתם), ווערט מיט דעם געמיינט דער פריערדיקער **כ״ק אדמו״ר ר׳ יוסף יצחק** נ״ע. אין די ווייטערדיקע פרקים ווערט דערמיט געמיינט דער ליובאַוויטשער רבי, **כ״ק אדמו״ר נשיא דורינו**.

**אַריינפיר**

# זכרונות פון גולאַג

## מפתח פרטי

### ערשטער טייל


פרק א: **מיין געבורט און מיין יוגנט** ............................................. **א**

די "אונטערגרונט-חדרים"

פרק ב: **די שטאָט קיעוו – דער "אונטערשטער" טייל** ....................... **ב**

די שולן אין "אונטערשטן" טייל פון קיעוו / ראש-השנה און יום-כיפור אין "אונטערשטן" טייל פון קיעוו / קאָמוניסטן באַפאַלן אידן שמחת-תורה אין שול

פרק ג: **די שטאָט קיעוו – דער "אויבערשטער" טייל** ....................... **ד**

די "בראָדסקע" און "קופעטשעסקע" שולן

פרק ד: **דער "סאָלאָמענקא" ראַיאָן פון קיעוו**.................................. **ו**

דער געזעץ פון די קאָלכאָזן / אידן באַזעצן זיך אין סאָלאָמענקא-ראַיאָן / ר' משה קאָליקאָוו, ר' ארי' ליב קאַפּלאַן, ר' חיים אייזיק קראַסניאַנסקי; ר' ברוך גאָד און ר' משה ווינאַרסקי / שמיני-עצרת און שמחת-תורה אין סאָלאָמענקא / דער "אַרטעל" פון שמאי באַראָן

פרק ה: **ליובאַוויטש אין "אונטערשטן" טייל פון קיעוו**................... **ט**

ר' יעקב מייזליק און די אונטערגרונט חדרים און ישיבות / הרב בנימין גאָראָדעצקי ווערט רב אין קיעוו / ר' בנימין גאָראָדעצקי שטעלט-אויף אַ מקוה אין ר' יעקב מייזליק'ס היים

פרק ו: **ישיבת תומכי תמימים ליובאַוויטש אין קיעוו**.....................**יא**

דער משפיע ר' בנימין ליפמאַן / די יעווסעקציע צעשמעטערט די שול אויף סאָלאָמענקא וואו עס האָט זיך געפונען די ליובאַוויטשער ישיבה / ישיבת תומכי-תמימים ליובאַוויטש אין קיעוו שליסט זיך

פרק ז: **די ישיבה אין קיעוו פאַר די אינגערע תלמידים**.................**יג**

די קיעווער ישיבה פאַר די אינגערע תלמידים שליסט זיך / די נישט-ליובאַוויטשע ישיבה אין פּאָדאָל

פרק ח: **די "קוסטאַרן", די "נאַדאָמיעס" און די "אַרטעלן"** ............**טו**

פרק ט: **דער עקאָנאָמישער מצב אין מיין עלטערן-היים**.................**טז**

איך פאַנג אָן צו אַרבעטן

פרק י: **"תפארת בחורים" אין קיעוו** ..............................................**יז**

שווערקייטן אין אַ געהעריקן פלאַץ פאַר "תפארת-בחורים" / חסידישע

פאַרברענגענס אין די ״תפארת-בחורים״ גרופּעס

פרק יא: **די מאַסן-אַרעסטן פון אנ״ש** .......... **יח**

די ״יעווסעקציע״ פאַרמעסט זיך צו פאַרניכטן חב״ד אין סאָוועטן-פאַרבאַנד / דער קיעווער מסור

פרק יב: **שמש פון ליובאַוויטשער שול אין קיעוו אַרעסטירט** .......... **כ**

דער שמש ווערט באַפרייט – אָבער ער ווערט פאַרדעכטיקט / וואלף בער טוט-אָן היזק אין קיעווער שול / וואלף בער דערציילט, אַז די ״יעווסעקציע״ ווייסט נעמען פון אנ״ש אין קיעוו / אַ י״ט כסלו פאַרברענגען אָן דער אָנוועזנהייט פון וואלף בער

פרק יג: **איך שטעל זיך צום פּריזיוו** .......... **כג**

איך לאָז וואַקסן אַ באָרד כדי פּטור צו ווערן פון אַרמיי-דינסט / מיין אויספאָרשונג ביי דער פּריזיוו-קאָמיסיע / מיין באַפרייאונג פון מיליטער-דינסט

פרק יד: פרק **האיש מקדש...** .......... **כז**

איך שליס אַ שידוך – און ווער גלייך אין דער זעלבער נאַכט אַרעסטירט

## צווייטער טייל

פרק טו: **מיין אַרעסט** .......... **כט**

מיינע חב״ד-ספרים ווערן קאָנפיסקירט / מיין ערשטע נאַכט אין טורמע / מען פירט מיר צו מיין ערשטער אויספאָרשונג / די אויספאָרשונג / איך גרייט זיך דורכצוגיין אַ שווערע צייט

פרק טז: **איך באַקען זיך מיט די אַנדערע אַרעסטאַנטן** .......... **לג**

מיינע מיט-אַרעסטאַנטן זענען ״נ.ק.וו.ד.״-נאַטשאַלניקעס! / די ענגשאַפט אין טורמע / דער אורטייל פון די נאַטשאַלניקעס פאַרהאַלט זיך...

פרק יז: **איך ׳פּייער׳ פסח אין טורמע** .......... **לו**

מען רופט מיר אויף אַן אויספאָרשונג די ערשטע נאַכט פסח / די אויספאָרשונגען אין די נאַכט-שעה׳ן / עס ענדיקט זיך מיין ערשטע ״גיהנום״-נאַכט / איך פּראַווע דעם ״סדר״ מיט פיל ״מרור״, אָבער אָן מצה! איך דערהאַלט זיך ביים לעבן גאַנץ פסח בלויז אויף צוקער

פרק יח: **די לאַנגע אויספאָרשונגען** .......... **מ**

איך ווער ווידער גערופן צו אויספאָרשונגען / ביים אויספאָרשער / דער אויספאָרשער בעט מיר פאַרלייענען פון דעם מאמר ״תשורי מראש אמנה״... / דער אויספאָרשער פּרובירט מיר ״מזכיר נשמות״ זיין... / דער אויספאָרשער סטראַשעט מיט ברענגען אַהער מיין כלה... / מען פאָרשט מיר וועגן דעם משפיע ר׳ בנימין ליפּמאַן / דער אויספאָרשער פרעגט מיר: פאַרוואָס האָט בנימין ליפּמאַן געמוסר׳ט אַ בחור וואָס האָט געהאַט אַ טשופּ? / ר׳ ארי׳ ליב קאַפּלאַן ווערט אַריינגעבראַכט צו מיין אויספאָרשונג! / צו וואָס נוצן זייערע אויספאָרשונגען? / מען פאָרשט מיר וועגן אַ באַמערקונג וואָס איך האָב געמאַכט

בעת דעם אַרעסט פון הרב מאָרגנשטערן / מען פאָרשט מיר וועגן אַ בילד וואָס איך האָב געשיקט צום רבי'ן

פרק יט: **דער געוועזענער אידישער "נ.ק.וו.ד."-נאַטשאַלניק דערציילט** ............ **נד**

דער דירעקטאָר פון דעם גרעסטן און שענסטן האָטעל אין קיעוו ווערט אַרעסטירט / אַן עלטערער גוי ווערט אַרעסטירט פאַרן קוקן אויפן "קרעמל"... / דער אַלטער גוי זאָגט, אַז איך דערמאָן אים די מעשה פון פפוס בן יהודה מיט רבי עקיבא... / דער טעגליכער שפּאַציר אין טורמע / מיין פריינט, דער "נ.ק.וו.ד."-נאַטשאַלניק בעט ביי מיר איך זאָל פאַר אים זינגען עפּעס פון "כל נדרי"...

פרק כ: **מיין שטראָף: פאַרשיקונג קיין סיביר אויף 3 יאָר!** ............ **נט**

מיין מוטער קומט זיך געזעגנען פון מיר / הויפּט-שטריכן פון דעם באַשולדיקונגס-אַקט

פרק כא: **אויפן וועג קיין גלות** ............ **סב**

אונזער ערשטע סטאַציע: נאָווא-סיבירסקי / מיין זעקל מיט עסנוואַרג ווערט צוגעגנב'עט! / אויפן וועג צו אונזער לעצטער סטאַציע

פרק כב: **אין גלות סיביר** ............ **סד**

מען מעלדעט אונזער וועגן אונזער אַרבעט אין לאַגער: זעגן בוימער און לאָדענען זיי אויף באַן-וואַגאָנען / מיר ווערן "דערצויגן" צו זיין מענטשן...

פרק כג: **די שווערע אַרבעט אין לאַגער** ............ **סז**

די אַרבעט ביים זעגן די בוימער / די אַרבעט ביים אָנלאָדן די בוימער אויף די באַן-וואַגאָנען

פרק כד: **פסח ת"ש (1940) אין סיביר** ............ **סח**

דער קאַלטער ווינטער פון 1940 / פסח דערנענטערט זיך. – מיין מוטער שיקט מיר מצות! / איך טייל זיך מיט מיין מצה מיט די אַנדערע פאַרשיקטע אידן אין סיביר / די התעוררות תשובה וואָס דער כזית מצה האָט גורם געווען

פרק כה: **איך ווער באשטראפט פאר נישט ארבעטן שבת** ............ **עא**

10 טעג אין קאַרצער פאַר נישט אַרבעטן שבת / איך ווער געשטעלט פאַר אַ דאָקטוירים-קאָמיסיע

פרק כו: **איך ווער פאַרשיקט צו אַן אַנדער לאַגער** ............ **עג**

מען שטאָפּט אונז אַריין אין וואַגאָנען פון בעלי-חיים! / דער העגייענישער צושטאַנד אין דעם וואַגאָן / מיר שפּעקולירן, אַז מען פירט אונז אין דעם שרעקליכן לאַגער פון קאַלימאַ / מענטשן דערוויסן זיך, אַז מען פירט זיי אין דעם שרעקליכן לאַגער פון קאַלימאַ און זיי נעמען זיך דאָס לעבן / מיר פאָרן ווייטער

פרק כז: ................................ **וולאַדיוואַסטאָק – די לעצטע סטאַציע אויפֿן וועג קיין קאַלימאַ** ........................................ **עח**

מיר קומען אָן קיין וולאַדיוואָסטאָק / מיר פּילן נישט דעם רעגן בעת אונזער שלאָף / מיט אַ שיף אויפֿן וועג קיין קאַלימאַ

פרק כח: **איך קום אָן אין דעם שרעקליכן לאַגער אין קאַלימאַ!** ....... **עט**

מען טיילט אונז פֿאַנאַנדער אויף גרופּעס און מען שיקט אונז גראָבן גאָלד אין די טייגאַ-בערג / מיר קומען-אָן צו די טייגאַ-בערג

פרק כט: **די שווערע אַרבעט ביי די טייגאַ-בערג אין קאַלימאַ**.......... **פא**

דאָס גראָבן פֿאַר גאָלד / די מאַשין וואָס טיילט-פֿאַנאַנדער דעם גאָלד פֿון דער ערד / מיר ווערן געהאַלטן ביי דער אַרבעט פֿאַר גאַנצע דרייסיק שעה! / מיר לייגן זיך שלאָפֿן מיט אונזערע נאַסע קליידער / די צוויי זומער'דיקע אַרבעטס-חדשים / די אַרבעט אין די זומער-חדשים – אָן אַ רו-טאָג / געוועזענע קאָמוניסטישע רעוואָלוציאָנערן אַרבעטן נישט און פֿאַלן טויט ווי די פֿליגן!

פרק ל: **ווינטער תש"ב (1941-42) אין קאַלימאַ** ............................ **פה**

עס פֿאַנגט-אָן צו ווערן ווינטער / מיר האַקן האָלץ אויף צו אָנוואַרימען אונזערע באַראַקן / ווער געניסט פֿון דעם אָנגעהייצטן אויוון אין באַראַק? / די אַרבעט בעת עס ווערט גאָר שטאַרק קאַלט / דאָס אויפֿרייסן די פֿאַרפֿרוירענע ערד מיט דינאַמיט / מיר אַרבעטן אין 49- דיגריס צעלסיוס! / די הענט ווערן פֿאַרפֿרוירן ביי דער אַרבעט / דער נאָז ווערט פֿאַרפֿרוירן פֿון קעלט! / מענטשן באַפּוצן זיך מיט גאָלד צוליב וועלכן אַנדערע מענטשן זענען געפֿאַלן קרבנות / די וואָס אַרבעטן נישט – באַקומען נישט קיין עסן, און שטאַרבן פֿון הונגער / איך באַשליס צו אַרבעטן גוט כדי צו בלייבן לעבן!

פרק לא: **מען שניידט ביי מיר אָפּ אַ פֿינגער פֿון פֿוס**...................... **צא**

אַ באָד איין מאָל אין וואָך! / איך אַנטדעק אַן אינפֿעקציע אין פֿינגער פֿון פֿוס / מען האַקט מיר אָפּ אַ האַלבן פֿינגער / איך דערהאַל זיך אין לאַגער-שפּיטאָל / דער דאָקטאָר באַשליסט, אַז מען דאַרף נאָכאַמאָל שניידן דעם פֿינגער! / איך פֿאַנג אָן אַרבעטן צוביסלעך אין שפּיטאָל

פרק לב: **דער באַן וואָס פֿירט אַוועק די טויטע פֿון די לאַגערן**...........**צד**

די באַן-ליניע וואָס שניידט-דורך די לאַגערן אין קאַלימאַ / דער קוילן-באַן פֿירט אַרויס די טויטע קערפּערס פֿון די לאַגערן / רבונו של עולם: ברענג מיר כאָטש צו קבר ישראל!

פרק לג: **דאָס זיין אין שפּיטאָל האָט מיך געראַטעוועט פֿון טויט** ...... **צו**

איך ווער פֿולקאָם געזונט און איך קער זיך אום צו דער אַרבעט / רוב לאַגערניקעס זענען געשטאָרבן פֿון דעם קאַלטן ווינטער! / דאָס זיין אין שפּיטאָל אין די קאַלטער ווינטער-חדשים האָט מיך געראַטעוועט פֿון טויט

פרק לד: **איך בין זיך משתדל נישט צו דאַרפֿן אַרבעטן שבת**............. **צז**

איך באַקען זיך מיטן לאַגער-דאָקטאָר – אַ איד / דער אידישער לאַגער-דאָקטאָר העלפֿט מיר איך זאָל נישט דאַרפֿן אַרבעטן שבת / אַ הויכע קאָמיסיע באַזוכט דעם לאַגער און וואונדערט זיך, הלמאי יעדן שבת ווער איך פּלוצלונג "קראַנק"!

**מפתח**

/ דער לאַגער דאָקטאָר קען מיר מער נישט העלפן איך זאָל זיין פטור פון אַרבעטן שבת

פרק לה: **איך ווער זייער אָפּגעשוואַכט פון דער אַרבעט**.................**צט**

אימפּראָוויזירטע "שיך" ווען אונזערע פיס ווערן געשוואָלן פון קעלט און הונגער / מען באַשליסט מיך אַריבערצופירן צו אַ גרינגערע אַרבעט

פרק לו: ................................ **ווינטער תש"ב ביים רייניקן דעם שניי פון דער קאַלימסקער וועג**...................................................**ק**

די קאַלימסקע וועג / די שטאַרקע שנייען וואָס דעקן-צו דעם קאַלימסקער וועג

פרק לז: **פרילינג תש"ב – מיין פאַרשיקונגס-טערמין ענדיקט זיך** ..**קא**

צוליב דער אָנגייענדער וועלט-מלחמה ווערן נישט באַפרייט פאַרשיקטע וועמענס טערמין עס האָט זיך פאַרענדיקט / דער נאַטשאַלניק מעלדעט מיר, אַז מען פירט מיר איבער צו אַרבעטן אין מיין פאַך

פרק לח: **איך פאַנג-אָן אַרבעטן אין אַן אויטאָמאָבילן-גאַראַזש** .......**קב**

מיין פאַך אין מאַגאַדאַן: צונויפצושמעלצן צעבראָכענע מעטאַלענע זאַכן / דער נאַטשאַלניק פּרואווט מיר אויס צי איך קען די נייע מלאכה / די מענטשליכע אַרבעטס-אומשטענדן אין דעם נייעם פּלאַץ / דער "לאַנגער רובל" / איך ווער באַצאָלט פאַר מיין אַרבעט; איך קויף זיך לייטישע קליידער און שיך

פרק לט: **איך באַקום אַ באַגרעניצטן פּאַספּאָרט** ...........................**קד**

פרק מ: **ראש-השנה און יום-כיפור תש"ג אין מאַגאַדאַן**................**קה**

איך פּרוביר אויסגעפינען ווען עס איז ראש-השנה און יום-כיפור / איך באַקען זיך מיט אַ רומענישן אידן און מיט אַ פּוילישן אידן – אָבער אויך זיי ווייסן נישט ווען עס איז ר"ה און יוהכ"פ / מיר באַשטימען אַ טאָג אין וועלכן מיר האַלטן יום-כיפור

פרק מא: **איך דערוויס זיך, אַז מיין משפחה איז אומגעקומען אין "באַבי-יאַר"** ............................................................**קו**

איך גיב-אָן אין מאָסקווע אין ביוראָ פאַר אויפזוכן קרובים, צו זוכן מיין מוטער און מיין ברודער / מען מעלדעט מיר פון מאָסקווע, אַז מיין משפחה איז אומגעקומען אין דער שחיטה אין "באַבי יאַר"!

פרק מב: **דער קיעווער יונגערמאַן טענענבוים**..............................**קח**

מען אַרעסטירט דעם נאַטשאַלניק און צוזאַמען מיט אים אויך זיין ווייב און קינדער און... זיין שאָפער – טענענבוים / פרישע פירות און גרינצייג – אַ זעלטענהייט אין מאַגאַדאַן / טענענבוים ברענגט צוריק אין באַראַק אַ פרישע אוגריקע!

פרק מג: **תש"ה (1945) – די מלחמה פאַרענדיקט זיך** .....................**קי**

מען פאַנגט-אָן באַפרייען פאַרשיקטע וואָס האָבן פאַרענדיקט זייער טערמין / דער נאַטשאַלניק גיט-אָן קיין מאָסקווע מען זאָל אַראָפּנעמען פון מיר די שולד און מיר אַרויסגעבן אַ פּאַספּאָרט, איך זאָל קענען צוריקפאָרן אַהיים / מאָסקווע

נעמט פון מיר אַראָפּ די שולד און מען גיט מיר אַרויס אַ נייעם רעגולערן פּאַספּאָרט

## דריטער טייל

פּרק מד: **תש״ו (1946) – איך פאָר צוריק אַהיים קיין קיעוו**...........**קיב**

איך באַזוך דעם הויף אין קיעוו וואו מיין משפּחה האָט אַמאָל געוואוינט; איך געפין, אַז דער הויף איז געוואָרן ״יודענריין״! / גוי׳אישע שכנה דערציילט ווי אַזוי די דייטשן האָבן אָפּגענאַרט די אידן פון קיעוו און זיי דערמאָרדעט אין ״באַבי יאַר״

פּרק מה: **באתי ואין איש**...........**קיג**

איך טרעף נישט אין קיעווער שול קיינעם פון די אַמאָליקע ליובאַוויטשער חסידים / מיין ערשטער אידישער שבת נאָכן צוריקקומען פון פאַרשיקונג / איך פרעג מיין גאַסט-געבער וואו עס זענען אַהינגעקומען מיינע ליובאַוויטשער חברים פון אַמאָל

פּרק מו: **איך דערוויס זיך, אַז די ליובאַוויטשער חסידים געפינען זיך אין לעמבערג**...........**קטו**

דער יונגערמאַן מיט דער געלער באָרד דערציילט מיר, אַז זיי וואַרטן דאָרט אַריבערצופאָרן קיין פּוילן! / איך שרעק זיך איבער אומזיסט / דער יונגערמאַן מיט דער געלער באָרד אַנטפּלעקט זיך צו מיר, אַז ער איז פון אנ״ש

פּרק מז: **תש״ז (1947) – איך פאָר קיין לעמבערג**...........**קטז**

איך באַקום אַ בריוו פון יחיאל מיכל ראַפּאָפּאָרט / איך קום-אָן קיין לעמבערג ביינאַכט און איך געפין קוים די הויז פון חיים וואָלאָוויק (ראָמענער) / איך באַגעגן זיך מיט מיין טייערן פריינט מיכל ראַפּאָפּאָרט / יחיאל מיכל ראַפּאָפּאָרט דערציילט מיר וואָס עס טוט זיך אין לעמבערג

פּרק מח: **ר׳ שמואל קריסלאַווער (נאָטיק)**...........**קיט**

ר׳ שמואל נאָטיק (קריסלאַווער) מיט זיין משפּחה וואַרטן איבערצופאָרן דעם גרעניץ / עס קומט נישט אָן קיין ענטפער פון ר׳ שמואל נאָטיק / ר׳ שמואל קריסלאַווער (נאָטיק) מיט זיין משפּחה איז אַראָפּגענומען געוואָרן פון באַן און אַרעסטירט געוואָרן / ר׳ שמואל קריסלאַווער (נאָטיק) – אַ טייערער איד

פּרק מט: **די עשאַלאָנען פון לעמבערג שטעלן זיך אָפּ**...........**קכב**

אנ״ש וואָס געפינען זיך אין לעמבערג ווערן אַרעסטירט

## פערטער טייל

פּרק נ: **איך האָב חתונה און באַזעץ זיך אין לעמבערג**...........**קכד**

איך האָב חתונה / מיין אַרבעט אין לעמבערג / דער געשעפט וואו איך האָב געאַרבעט שליסט זיך

פרק נא: **תש״ח (1948) – מיין נייער אַרבעטס-פּלאַץ אין לעמבערג קכה**

איך רעד אָפּ מיט מיין בעה״ב ער זאָל מיר באַפרייען פון צו אַרבעטן שבת און יום-טוב / איך ווער גערופן פאַר אַ קאָמוניסטישע קאָמיסיע פאַר נישט אַרבעטן שבת

פרק נב: **איך בין געצוואונגען צו אַנטלויפן פון לעמבערג ............... קכח**

איך ווער ״באַפרייט״ פון מיין אַרבעט / רביצין חיה׳קע סעגאַל טענה׳ט, אַז ס׳איז פאַר מיר אַ סכנה צו בלייבן אין לעמבערג / איך אַנטלויף קיין חאַרקאָוו

פרק נג: **תש״ט (1949) – איך פאָר קיין טשערנאָוויץ צו לערנען זיך שחיטה ........................................................ קל**

מיין שוואָגער פסח משה זיידה שלאָגט-פאָר, אַז איך זאָל ווערן אַ שוחט און אַ מוהל / איך קום-אָן קיין טשערנאָוויץ / איך באַקום ״הודעה״ און ״קבלה״ אויף שחיטה פון טשערנאָוויצער רב

פרק נד: **איך ווער אַ שוחט אין חאַרקאָוו ..................................... קלב**

איך פאָר צוריק אַהיים קיין חאַרקאָוו /ביידע חאַרקאָווער שלאַכט-הייזער ווילן מיר נישט אָננעמען אַלס שוחט! / איך וועיז צוריק אָנבאָט צו גיין שחט׳ן איבער די הייזער / איינער פון די חאַרקאָווער שוחטים איז געשטאָרבן – און מען נעמט מיך אויף אַלס שוחט אויף זיין פּלאַץ

פרק נה: **תשי״ז (1957) – די ישיבה פאַר רבנים אין מאָסקווע........קלג**

איך קום-אָן קיין מאָסקווע און איך ווער אויפגענומען פון הרב שלייפער, דער הויפּט-רב פון מאָסקווע / מען פאַרהערט מיר און איך ווער אָנגענומען אַלס תלמיד אין דער מאָסקווער ישיבה / תלמידים פון איבעראַל קומען-צופאָרן צו לערנען אין דער נייער מאסקווער ישיבה / דער מלמד און דער ראש-ישיבה אין דער נייער ישיבה / הרב שלייפער נפטר געוואָרן; הרב לעווין ווערט דער נייער הויפּט-רב פון מאָסקווע און הרב טרעבניק ווערט ראש-ישיבה / מיר פּראַקטיצירן שחיטת עופות און שחיטת גסות

פרק נו: **מיר לערנען זיך צו ווערן מוהלים .................................. קלח**

די פּראַקטיקע וואָס עס פאָדערט זיך פון אַ מוהל / מיר פּראַקטיצירן מילה ביי יאַנקל דעם מוהל / די שוועריקייטן ביים פּראַקטיצירן אַ ברית-מילה / מיר באַקומען אַ געלט-סטיפּענדיע פון דער מאָסקווער ישיבה

פרק נז: **תשי״ח (1958) – מיר פאַרענדיקן דאָס לערנען און שטעלן זיך צו די פאַרהערן..........................................קמ**

די קעגנערשאַפט פון ליעפּליער רב צו דער מאָסקווער ישיבה / דער ליעפּליער רב באַטייליקט זיך אין די פאַרהערן און ווערט באַאיינדרוקט פון די תלמידים פון דער מאָסקווער ישיבה / מיר ווערן מוסמך אַלס שוחטים און מוהלים

פרק נח: **איך ווער שוחט און מוהל אין פרונזה ............................ קמג**

איך פאָר צוריק קיין חאַרקאָוו צו מיין משפחה / הרב לעווין שלאָגט מיר פאָר איך זאָל ווערן שוחט און מוהל אין פרונזה / אידן פון פרונזה האַלטן זיך צוריק פון לאָזן מיר מַל זיין זייערע קינדער

**מפתח**

פרק נט: **מיין ערשטע ברית-מילה אין פרונזה**............................ **קמה**

אליהו מלאך הברית איז מצליח מיין אַרבעט / מען לאַדענט מיך איין צו מַל זיין קינדער אין אַלמאַ אַטאַ

פרק ס: **איך פאַנג-אָן אַרבעטן אין אַן אַרטעל**..............................**קמו**

איך אַרבעט אין אַן אַרטעל וואו מען מאַנופעקטירט קנעפלעך פאַר ווייבערשע קליידער

פרק סא: **איך ווער גערופן צו דער מיליציע**.................................**קמח**

איך ווער באַשולדיקט אין באַשעפטיקן זיך מיט "טריפה" אַרבעט און עס דראָט מיך צען יאָר פאַרשיקונג! / די "נ.ק.וו.ד." שלאָגט מיר פאָר, איך זאָל פאַר זיי "אַרבעטן"... / איך דערציילט נישט די בעלי-בתים פון פרונזה וואָס מען האָט פון מיך געוואָלט אין מיליציע / איך באַשליס, אַז יעבור עלי מה, אָבער איך ווער נישט ח"ו קיין "מסור" און מלשין אויף אידן!

פרק סב: **איך בין געצוואונגען צו פאַרלאָזן פרונזה**.........................**קנ**

איך בין מודיע דעם נאַטשאַלניק, אַז איך פאַרלאָז פרונזה און פאָר צוריק קיין חאַרקאָוו / עס קאָסט מיך אָפּ אַ בכבודיקע מטבע כדי צוריקצובאַקומען מיין פּאַספּאָרט פון דער מיליציע / איך בין מודיע די גבאים פון פרונזה אַז איך פאַרלאָז תיכף פרונזה

פרק סג: **תש"כ – צוריק אין חאַרקאָוו**.......................................**קנב**

איך נעם-איבער אָרט פון חאַרקאָווער שוחט / איך אַראַנזשיר אימיצער זאָל איבערנעמען מיין אָרט אין פרונזה

פרק סד: **איך פיר-אָן מיט דער אידישער קהילה אין סווערדלאָווסק קנג**

הרב לעווין ווענדעט זיך צו מיר, איך זאָל אָננעמען אַמט אין סווערדלאָווסק / איך פיר-אָן מיט די אידישקייט-אַנגעלעגנהייטן אין סווערדלאָווסק / איך גיי זיך רעגיסטרירן אין דער סווערדלאָווסקער מיליציע אַלס היגער תושב / דער נאַטשאַלניק פאָדערט, די קהילה זאָל קויפן אַ הויז פאַר מיין משפחה איידער מען רעגיסטרירט מיך אַלס תושב / דער הויפּט-נאַטשאַלניק אַנטזאָגט זיך צו רעגיסטרירן מיר אַלס תושב פון סווערדלאָווסק / סווערדלאָווסקער בעלי-בתים רופן אסיפה

פרק סה: **איך בין געצוואונגען צו פאַרלאָזן סווערדלאָווסק** ............ **קנז**

איך ווער גערופן צום נאַטשאַלניק / איך בין מודיע די בעלי-בתים, אַז איך פאַרלאָז סווערדלאָווסק / מען טאָר נישט איבערכאַפּן די מאָס!

פרק סז: **תשכ"ז – איך ווער שוחט און מוהל אין מאָסקווע** ............**קס**

הרב לעווין רופט מיך אַרויס קיין מאָסקווע איבערצונעמען דעם פלאַץ פון יאַנקל אלישביץ / איך האָב חתונה – בזיווג שני – מיט אַ בראַסלעווער אייניקל

פרק סח: **די מאָסקווער אידישע קהילה**....................................**קסב**

אַריינפיר / די אידישע רעליגיעזע קהילה פון מאָסקווע אונטער קאָמוניסטישער אויפזיכט... / דער מאָסקווער ראש-הקהל – אַ געוועזענער "ק.ג.ב."-נאַטשאַלניק / די תשמישי-קדושה קלייטל אין דער מאָסקווער שול

**מפתח**

פרק סט : **דער ״ק.ג.ב.״-אַגענט אין דער מאָסקווער שול** .............**קסד**

דער ״ק.ג.ב.״-אַגענט פון שול פרעגט ביי מיר, צי איך שטיי אין בריוון-קאָנטאַקט מיט שניאורסאָן אין אַמעריקע / דער ״ק.ג.ב.״-אַגענט פון שול פאָרשט מיר, ווער עס האָט מיך באַזוכט שפּעט אין אָוונט / דער ״ק.ג.ב.״-אַגענט פון שול האָט טענות, הלמאי די יוגנט גיט נישט אָפּ דעם געהעריקן ״כבוד התורה״ צו הרב שאַיעוויטש

פרק ע : **טויזנטער ספרים אין דער מאָסקווער שול** .......................**קסז**

פון וואַנען קומען אַזויפיל ספרי-קודש אין דער מאָסקווער שול? / די יונגע בעלי-תשובה אין רוסלאַנד ״גנב׳ענען״ ספרים פון דער מאָסקווער שול כדי צו קענען לערנען / ״ק.ג.ב.״ באַפעלט גבאי פון מאָסקווער שול צו פאַרשליסן די ספרים, כדי אידישע יוגנטליכע זאָלן זיי ח״ו נישט נוצן

פרק עא : **ברית-מילה׳ס אין סאָוועטן-פאַרבאַנד** .........................**קסט**

ברית-מילה אָן פרסום / ״עת לעשות לה׳ הפרו תורתך״ – אמירת תחנון אין אַ טאָג ווען איך פיר דורך אַ ברית / מאָסקווער ראש-הקהל פאָדערט, אַז אַלע בריתין זאָלן דורכגיין דורך דער מאָסקווער אידישער קהילה / דער ראש-הקהל האָט צו מיר טענות, הלמאי מענטשן קומען זיך נישט רעגיסטרירן צו אים פאַר ברית-מילה׳ס

פרק עב : **1972 – פּרעזידענט ניקסאָנ׳ס באַזוך אין מאָסקווע** ........ **קעב**

מאָסקווער ראש-הקהל ווערט אויפגעפאָדערט צו געפינען אַ נייעם הויפּט-רב / טעאַטער-אָנגעשטעלטער ווערט הויפּט-רב פון מאָסקווע! / נייער ״רב״ בלייבט הויפּט-רב אויך נאָך ניקסאָנ׳ס באַזוך

פרק עג : **רבנים פון אויסלאַנד באַזוכן רוסלאַנד** ............................**קעה**

אויסלענדישע רבנים ברענגען-מיט כשר׳ע שפּייז-פּראָדוקטן / הרב טייץ ברענגט-מיט מאמרים און שיחות פון רבי׳ן / די שוועריקייטן פון די אויסלענדישע באַזוכער ביים איבערגעבן די כשר׳ע שפּייז-פּראָדוקטן צו די רוסישע אידן / די ״משרתים״ פון דעם ״ק.ג.ב.״-אַגענט אין שול / הרב משה דאַווידאָוויטש (משה בן גיטל) פון בעלגיע

פרק עד : **תשל״ג – מיין טאָכטערס חתונה** ..................................**קפ**

אין קען זיך נישט באַטייליקן אין מיין טאָכטערס חתונה / דער רבי איז נישט מסכים איך זאָל פאַרלאָזן רוסלאַנד אפילו אויף אַ קורצע ווילע

## פינפטער טייל

פרק עה : ........................**תשמ״ז – איך גרייט זיך צו פאָרן צום רבי׳ן אויף ר״ה תשמ״ח** ................................................. **קפג**

״אַז דער אויבערשטער וועט געבן געזונט און לעבן, וועלן מיר פאָרן צום רבי׳ן״... / איך לערן-אויס משה תמרין די אומנות הזביחה והמילה / איך קום צופאָרן צום רבי׳ן!

**מפתח**

פרק עו : **חודש תשרי תשמ״ח ביים רבי׳ן**..................................**קפה**

איך בין עולה-לתורה ראש-השנה ביים רבינ׳ס מנין / איך בלייב אויף דער בימה צו דעם רבינ׳ס תקיעות / איך זיץ אויף דעם רבינ׳ס פאַרברענגען-בימה / דער רבי גיט מיר אַ שטיקל מזונות ביים פאַרברענגען פון שבת שובה

פרק עז : **איך באַקום ד׳ מינים פון רבי׳ן**....................................**קפח**

די חלוקה פון ד׳ מינים דורכן רבי׳ן ערב סוכות / איך באַקום פון רבי׳ן אַ לולב, אַן אתרוג און 18 הדסים! / איך ווינטש דעם רבי׳ן ער זאָל האָבן נחת פון די חסידים / מען איז מיר מכבד מיט דאַווענען פאַרן עמוד ביים רבינ׳ס מנין די ערשטע נאַכט סוכות

פרק עח : **שמיני-עצרת און שמחת-תורה ביים רבינ׳ס הקפות**.......**קצא**

מיין פלאַץ ביי הקפות נעבן דעם רבינ׳ס בימה / מען איז מיר מכבד מיט אַ ספר-תורה ביי דער ערשטער הקפה

פרק עט : **איך געזעגן זיך מיטן רבי׳ן** .......................................... **קצד**

דער רבי גיט מיר אַ פלעשל משקה און 36 דאָלאַר! / דער רבי זאָגט מיר, איך זאָל איבערגעבן אין מאָסקווע, אַז ״משיח גייט, און מ׳זאָל זיך גרייטן צו זיין קומען״! / ברוקלינער אידן בעטן מיר מיטנעמען געלט א.ד.גל. פאַר זייערע קרובים אין מאָסקווע

פרק פ : **די נסיעה צוריק קיין מאָסקווע** ...................................... **קצו**

עראָפּלאַן פאַרהאַלט זיך אין פראַנקפורט צוליב שלעכטן וועטער / פּאַסאַזשירן נעכטיקן-איבער אין אַ האָטעל אין פראַנקפורט / ״לופטהאַנזאַ״ איז גרייט צו פליען קיין מאָסקווע / עראָפּלאַן באַשליסט אין לעצטער מינוט, אַז עס איז אוממעגלעך צו לאַנדן אין מאָסקווע און קערט זיך אום קיין פראַנקפורט! / איך האָב נישט געגנוג כשר׳ע עסן אויף דער פאַרלענגערטער רייזע / מען מעלדעט אונז, אַז מיר וועלן פאָרזעצן אונזער רייזע ערשט פרייטאָג נאָך מיטאָג! / עס איז מער נישטאָ קיין אָרט אין די האָטעלן – און מיר זענען געצוואונגען צו נעכטיקן אין לופט-פעלד / איך פּרוביר – אָן הצלחה – באַקומען אַ פלאַץ אין אַ האָטעל איבערצונעכטיקן / איך דאַווען מעריב מיט בכיות / דער אויבערשטער הערט מיינע תפילות און איך ווער געהאָלפן / איך פלי קיין מאָסקווע מיט ספּעציעלן עראָפּלאַן / אַלץ איז בהשגחה-פּרטית! / איך נעם-אָפּ מיין באַגאַזש מוצ״ש פון מאָסקווער לופט-פעלד / איך טייל-פאַנאַנדער דעם רבינ׳ס משקה און דעם רבינ׳ס דאָלאַרן

פרק פא : **תשמ״ט – דער סאָוועטן-פאַרבאַנד צעברעקלט זיך** ..........**רד**

אידן, כאַפּט אַריין מסירת נפש!

פרק פב : .................................... **תשנ״ג – איך פאַרלאָז רוסלאַנד און באַזעץ זיך אין אַמעריקע**....................................................**רה**

כ׳ שבט תשנ״ג – מיין פרוי איז נפטר געוואָרן / דער רבי דערלויבט מיך צו פאַרלאָזן רוסלאַנד / איך באַזעץ זיך אין קראָון-הייטס

# זכרונות פון גולאַג

## זכרונות פון סאָוועטן-פאַרבאנד

# ערשטער טייל

– פרק א –

## מיין געבורט און מיין יוגנט

איך בין געבוירן געוואָרן ל׳ אב תרע״ו (אגוסט דעם 29טן, 1916), אין דער שטאָט קיעוו, צו מיינע עלטערן **ר׳ זלמן** און **פרומא שרה** עליהם השלום. מיין פאָטער איז געווען פון די טשערנאָבילער חסידים, און מיין מוטער האָט געשטאַמט פון די האָרענסטייפּעלער חסידים.

בעת איך בין געוואָרן לערך 6 יאָר אַלט, האָבן מיינע עלטערן מיך געשיקט לערנען אין חדר.

### די ״אונטערגרונט-חדרים״

ווי באַוואוסט[1], איז אונטערן קאָמוניסטישן רעזשים (אין די אָנפאַנג צוואַנציקער יאָרן) זענען געשלאָסן געוואָרן די חדרים (און ישיבות), און עס איז געווען שטרענג פאַרבאָטן אָנצוהאַלטן אַ רעליגיעזן חדר. די חדרים וועלכע האָבן יאָ עקזיסטירט – זענען געווען ״**אונטערגרונט-חדרים**״, וועלכע זענען געגרינדעט געוואָרן דורך ליובאַוויטשער חסידים, אין שליחות פון דעם פריערדיקן

---

1) מער אויספירליך זעט ״**תולדות חב״ד ברוסיא הסובייטית**״, פרק א.

ליובאַוויטשער רביין, **כ״ק אדמו״ר מהוריי״צ נ״ע**, אויף וועמענס בקשה זיינע חסידים האָבן זיך מוסר-נפש געווען צו גרינדן אַזלעכע ״אונטערגרונט-חדרים״ און צו ווערן מלמדים אין די דאָזיקע חדרים[2].

און אין אַזאַ ״אונטערגרונט-חדר״ טאַקע האָבן מיך מיינע עלטערן געשיקט לערנען.

דאָס מסירות-נפש צו לערנען מיט קינדער אין אַלגעמיין, און ספּעציעל צו זיין אַ מלמד אין אַן ״אונטערגרונט-חדר״ – איז אין לשער. עס האָט פּשוט געדראָט מיט טויט-שטראָף, אויב מען זאָל ח״ו געכאַפּט ווערן דורך די מאַכט-אָרגאַנען לערנענדיק מיט אידישע קינדער.

איך אַליין געדענק ווי אַזוי מיין מלמד, **ר׳ אליעזר (לייזער) פאיקן**, איז געכאַפּט געוואָרן לערנענדיק אין אַזאַ חדר מיט אידישע קינדער. די ״יעווסעקציע״[3] האָט דורכגעפירט אַן עפנטליכן פּראָצעס[4], ״למען ישמעו וייראו״. – איך געדענק נישט איצט פּינקטליך וואָס עס איז דעמאָלט געווען דער שטראָף פון דעם מלמד, וואָרום דער מלמד איז געווען אַ בן תשעים... אָבער נאָכדעם, פאַרשטייט זיך, איז שוין מער קיין מלמד נישט געווען.

[מער וועגן די ״אונטערגרונט״-חדרים אין קיעוו – זעט ביטע ווייטער, אין פרק ג׳].

– פרק ב –

## די שטאָט קיעוו – דער ״אונטערשטער״ טייל

איך וויל אַביסל אויסמאָלן ווי אַזוי קיעוו האָט אויסגעזען אין מיינע קינדערשע יאָרן.

קיעוו איז געווען פאַנאַנדערגעטיילט אויף צוויי טיילן: דער ״אויבערשטער״ טייל פון שטאָט און דער ״אונטערשטער״ טייל פון שטאָט (״פּאָדאָל״), צווישן די צוויי טיילן שטאָט טיילט פאַנאַנדער דער

2) מער אויספירליך וועגן דעם, זעט דאָרט פרק ז.

3) מער וועגן די אַנטי-רעליגיעזע אַקטיוויטעטן פון דער ״יעווסעקציע״ – זעט דאָרט פרקים יח; לז.

4) מער אויספירליך וועגן די עפנטליכע פּראָצעסן קעגן די מלמדים אין די חדרים – זעט דאָרט פרק ז (ע׳ לב ואילך).

ניעפּער-טייך.

ביז דער רעוואָלוציע, האָבן אידן אין קיעוו געמעגט וואוינען בלויז אין "אונטערשטן" טייל פון שטאָט, און דאָרט איז טאַקע געווען דאָס עיקר אידישקייט פון קיעוו. אויך די קיעווער חדרים און ישיבות, זענען אַלע געווען אין אונטערשטן טייל פון קיעוו. דאָרט בין איך אויך געבוירן געוואָרן.

## די שולן אין "אונטערשטן" טייל פון קיעוו

אין דעם "אונטערשטן" טייל פון קיעוו זענען געווען 20 שולן, אין וועלכע עס זענען אָפּגעהאַלטן געוואָרן מנינים אינדערפרי און ביינאַכט, ווי אויך תורה-שיעורים. בלויז אין דער יאַראָסלאַווסקע גאַס וואו איך האָב געוואוינט זענען געווען 8 שולן, און אין איין "הויף" זענען געווען 5 מקוואות.

עס פלעגן קיין קיעוו אויך קומען צופאָרן גרויסע חזנים פון איבער דער גאָרער וועלט, כדי דאָרט צו דאַוונען.

צום גרויסן באַדויערן זענען אין קיעוו אויך געווען צוויי שולן וועלכע זענען נישט געווען שטרענג-אָרטאָדאָקסיש. איינע האָט געהייסן "וואַדאַנאָיע" ("וואדא" מיינט וואסער. דארטן האבן געדאווענט די וואס האבן געארבעט אויף די טייכן). און די אַנדערע – "די שניידערישע שול". אין די דאָזיקע צוויי שולן איז דער ארון-הקודש מיט דער בימת הקריאה געווען אינאיינעם. בעת עס פלעגן קיין קיעוו קומען צופאָרן חזנים צו דאַווענען שבת, פלעגן די דאָזיקע צוויי שולן אַוועקשטעלן אימיצן ביי דער טיר פרייטיק צו נאַטכס, כדי קיינעם נישט אַריינלאָזן צו הערן די חזנים אָן פריער אָפּצאָלן. "דער חזן דאַרף געלט", – האָבן די אָנפירער פון די דאָזיקע שולן געטענה'ט.

## ראש-השנה און יום-כיפור אין "אונטערשטן" טייל פון קיעוו

ראש-השנה פלעגט מען פאַרענדיקן דאַווענען מנחה כמעט אין אַלע קיעווער שולן אין דער זעלבער צייט. אַזוי, אַז אַלע קיעווער אידן פלעגן זיך אַרויסלאָזן צו "תשליך" אין דער זעלבער צייט, און די קיעווער גאַסן זענען געווען שוואַרץ פון די אידן פון די לאַנגע סירטוקן. ס'איז געווען אַ בזיון אַ איד זאָל גיין מיט אַ קורצן רעקל (אַ "פּינדזשאַק").

ערב יום-כיפּור פלעגן די קיעווער אידן אויסשטעלן לענג-אויס דער גאַס טישלעך מיט "לעקאַח". וואָס עס האָט זיך אָפּגעטאָן מיט

״כפרות״ אין קיעוו איז אוממעגליך צו באַשרייבן.

## קאָמוניסטן באַפאַלן אידן שמחת-תורה אין שול

תשרי תרפ״ז (1926), אין די תקופה פון ״נעפּ״[5], האָט אין קיעוו געטראָפן אַ גרויסער אומגליק.

שמחת-תורה האָט אין דער טאַלנער שול געדאַוונט אַ חזן מיט אַ כאָר. די שול איז געווען געפּאַקט מיט פאַרמעגליכע אידן; אידן וועלכע האָבן געטראָגן גאָלדענע זייגערלעך, און זייערע פרויען זענען געווען באַפּוצט מיט גאָלדערע רינגעלעך אויף זייערע פינגער און אויף זייערע אויערן.

פלוצלונג זענען די קאָמוניסטן ימ״ש אַריינגעקומען אין שול און אָפּגעשניטן דעם לעקטריציטעט. אין שול איז געוואָרן חושך-פינסטער און עס האָט אויסגעבראָכן אַ גרויסער טומל און אַ פּאַניקע. אידן האָבן אָנגעפאַנגען שטראָמען צו דער טיר. אַזוי ווי די שול אויפן צווייטן שטאָק האָט געהאַט בלויז איין טיר, האָבן אידן אָנגעפאַנגען צו שפרינגען פון די פענסטער. עטליכע אידן זענען דורכדעם אומגעקומען. אין דער זעלבער צייט זענען 3 קאָמוניסטישע מערדער באַפאַלן די אַנטלויפנדע פרויען, און פון זיי אַראָפּגעריסן די גאָלדענע רינגעלעך.

– פרק ג –

# די שטאָט קיעוו – דער ״אויבערשטער״ טייל

איצט וויל איך אַריבערגיין צו דערציילן, אין קורצן, ווי אַזוי עס האָט אויסגעזען אין מיינע קינדערשע יאָרן דער צווייטער טייל פון קיעוו, דער ״אויבערשטער״ טייל (״אין דער הויך״).

ביז דער רעוואָלוציע האָבן אין דעם טייל שטאָט געוואוינט בלויז

5) אָנפאַנגענדיק פון יאָר תרפ״ג (ביז תרפ״ט), איז אין סאָוועטן-פאַרבאַנד איינגעפירט געוואָרן דער ״**נעפּ**״, די נייעווירטשאַפטליכע איינשטעלונג, וואָס האָט דערלויבט פּריוואַטע מענטשן אָנצופירן מיט אייגענע, קליינע מסחרים און האַנט-אַרבעט אָרטעלן. דאָס האָט געהאָלפן די פרומע אידן צו קענען האָבן פּרנסה, אָן צו דאַרפן אַרבעטן שבת און יום-טוב (ווי עס איז געווען איינגעשטעלט אין די גרעסערע פאַבריקן, וועלכע האָבן באַלאַנגט צו דער רעגירונג).

מער וועגן דעם ״נעפּ״ – זעט ״**תולדות חב״ד ברוסיא הסובייטית**״ פרקים ה; טז; כח.

**די שטאָט קיעוו – דער "אויבערשטער" טייל**

אידן וועלכע האָבן (צוליב מסחר און דאָס גלייכן) געמעגט וואוינען אויסערן "תחום המושב".

בכלל, אין דעם טייל פון קיעוו פלעג איך נישט אָפט זיין. איך האָב דאָרט פשוט נישט געהאַט וואָס צו טאָן, וואָרום דער עיקר אידישער לעבן איז געווען אויף "פּאָדאָל", דער "אונטערשטער" טייל פון שטאָט.

## די "בראָדסקע" און "קופּעטשעסקע" שולן

דעריבער טאַקע האָב איך נישט געוואוסט פּינקטליך וויפל שולן עס זענען דאָרט געווען. נאָר דאָס האָבן אַלע געוואוסט, אַז עס זענען דאָרט געווען צוויי גרויסע שולן. איינע איז געווען די "בראָדסקע" שול, און די צווייטע – די "קופּעטשעסקע" שול.

די **בראָדסקע שול** איז געבויט געוואָרן מיט לערך הונדערט יאָר צוריק, דורך אַ רייכן איד, מיטן נאָמען **בראָדסקי**. די דאָזיקע שול איז במשך יאָרן פאַררעכנט געוואָרן אַלס די גרעסטע שול אין אייראָפּע. כדי



די "בראָדסקע" שול צום היינטיקן טאָג

צו באַקומען דעם פּערמיט אויפצובויען די שול, איז בראָדסקי געצוואונגען געוואָרן דורך די סאָוועטישע מאַכט-אָרגאַנען צו בויען פאַר זיי, פון זיין אייגענעם געלט, פאַרשידענע בנינים, ווי צום ביישפּיל אַ גרויסן שפּיטאָל, און דאָס גלייכן.

די בראָדסקע-שול געפינט זיך אין צענטער פון קיעוו און זי

**די שטאָט קיעוו – דער "אויבערשטער" טייל**

פאַרנעמט גאַנצע צוויי גאַסן.

די **קופּעטשעסקע שול** איז געווען זייער אַ שיינע. פון אונטן איז געווען אַ קליין "שטיבל", און אין דער הויך האָבן געדאַוונט די שיינע בעלי-בתים, חסידים, בני-תורה און לומדים. דאָרט האָט געדאַוונט אַ חזן מיט אַ כאָר. זיין נאָמען איז געווען חזן קראָמסקי. ער האָט אין זיין כאָר אַריינגענומען אויך מיידלעך. דעריבער האָבן טאַקע אַלע ערליכע אידן אַריבער אין דער אונטערשטער "שטיבל", דאָרט צו דאַווענען און לערנען[6].

די בראָדסקע שול איז גלייך אין די אָנפאַנג צוואַנציקער יאָרן געשלאָסן געוואָרן דורך די קאָמוניסטישע מאַכט-אָרגאַנען. פריער איז די שול איבערגעגעבן געוואָרן צו דער אידישער קהילה צו באַנוצן זיך מיט דער שול פאַר "אידישער קולטור". אָבער במשך פון די שפּעטערדיקע יאָרן איז פון דער שול געוואָרן אַ קוקלע-טעאַטער[7].

די קופּעטשעסקע שול האָט געאָטעמט נאָך עטלעכע יאָר, אָבער אין מיטן די דרייסיקער יאָרן איז אויך די דאָזיקע שול געשלאָסן געוואָרן דורך די קאָמוניסטישע מאַכט-אָרגאַנען[8].

– פרק ד –

## דער "סאָלאָמענקא" ראַיאָן פון קיעוו

אין קיעוו נעבן וואַקזאַל (באַן-סטאַציע) איז פאַראַן אַ ראַיאָן, וועלכער הייסט "**סאָלאָמענקא**". אין 1933 (תרצ"ג) זענען דאָרט אָנגעפאָרן שיינע אידן, שוחטים און רבנים. ומעשה שהי' כך הי':

---

6) **ר' יחזקאל בראָד שי'** דערציילט אין זיינע זכרונות, אַז צווישן די פילע תורה-שיעורים וואָס זענען געלערנט געוואָרן אין דער דאָזיקער שול, איז אויך געווען אַ טעגליכער שיעור אין "חק לישראל", וואָס איז פאָרגעלערנט געוואָרן פון **ר' ארי' ליב קאַפּלאַן**. (זעט וועגן אים אין די ערטער צוגעצייכנט ווייטער הערה 10)

7) לעצטנס האָט חב"ד, אַלס רעפּרעזענטאַנט פון דער פאַרבליבענער אידישער קהילה אין קיעוו (וועלכע ציילט נאָך ביים היינטיקן טאָג אַרום 100 טויזנט אידן), צוריקבאַקומען די געגזל'טע שול.

8) מער אויספירליך וועגן דעם – אין די זכרונות פון **ר' יחזקאל בראָד שי'**, פאַרפענטליכט אין "**כפר חב"ד**" נומער 708 (י"א ניסן תשנ"ו).

## דער געזעץ פון די קאָלכאָזן

אין אָנפאַנג פון די דרייסיקער יאָרן, האָט סטאַלין ימ״ש אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, לויטן וועלכן אַלע שטחים פון לאַנד, אויך באָדן וואָס האָט פריער באַלאַנגט צו פריוואַטע מענטשן, גייט-איבער צום רשות פון דער רעגירונג, און אַלע מענטשן וועלן פון איצט אָן דאַרפן אַרבעטן צוזאַמען אין די קאָלכאָזן.

פאַרשטייט זיך, אַז נאָכדעם ווי דאָס ערד איז צוגענומען געוואָרן פון די פויערן, האָבן זיי מער נישט געוואָלט עס באַאַרבעטן אַלס קאָלכאָזניקעס. אַלס רעזולטאַט האָט די רעגירונג צוגענומען דאָס ברויט מיט אַלדאָס גוט פון די מענטשן. אין די דערפער און די שטעטלאַך האָט אויסגעבראָכן אַ הונגער און אין די גאַסן האָבן זיך געוואַלגערט מענטשן געשוואָלען פון הונגער[9].

אַלס רעזולטאַט דערפון, זענען אַלע מענטשן אַנטלאָפן פון די דערפער און שטעטלעך, וואו ס׳איז געווען אַ הונגער, קיין קיעוו. אין קיעוו האָט מען געקענט באַקומען אַ שטיקל ברויט, – טאַקע זייער טייער, אָבער ס׳איז געווען צו באַקומען.

## אידן באַזעצן זיך אין סאָלאָמענקא-ראַיאָן

אַ סך אידן, פליטים פון די שטעטלאַך, ווער ס׳האָט געהאַט אַביסל געלט, האָט זיך באַזעצט אין דעם סאָלאָמענקא-ראַיאָן, וואו עס זענען געווען אַ סך פריוואַטע הייזער, און מ׳האָט געקענט קויפן אָדער דינגען אַ הויז. בכלל זענען די הייזער אין קיעוו געווען פיינע הייזער, אין אַלע הינזיכטן.

אַזוי אַרום איז אין סאָלאָמענקא-ראַיאָן אויסגעוואָקסן אַ פיינער קיבוץ פון אידן.

## ר׳ משה קאָליקאָוו, ר׳ ארי׳ ליב קאַפּלאַן, ר׳ חיים אייזיק קראַסניאַנסקי; ר׳ ברוך גאָד און ר׳ משה ווינאַרסקי

צווישן די אידן וואָס האָבן זיך באַזעצט אין סאלאמענקא, איז אויך געווען אַ פיינער איד מיט נאָמען **ר׳ משה קאָליקאָוו**, און אַ חשוב׳ער רב מיטן נאָמען **ר׳ ארי׳ ליב קאַפּלאַן**[10], דער קסאַוואָראָווער

9) מער וועגן דעם הונגער – זעט ״**תולדות חב״ד ברוסיא הסובייטית**״, פרק כט.

10) זעט וועגן אים אין ׳כפר חב״ד׳ נומער 543 זייט 70. נומער 550 זייט 50. ר׳ ארי׳ לייב קאַפּלאַן איז שפּעטער אַרעסטירט געוואָרן און פאַרשיקט געוואָרן קיין

רב הי״ד.

אין סאלאמענקא זענען אויך געווען טייערער אידן, אזוי ווי: **ר׳ חיים אייזיק קראַסניאַנסקי**; **ר׳ ברוך גָד** און נאָך און נאָך.

ס׳איז דאָרט געווען נאָך אַ פיינע שטוב, די שטוב פון **ר׳ משה ווינאַרסקי**. טאַקע אַן אינטעליגענטע שטוב, אָבער אַ אידישע שטוב. שבת און יום-טוב פלעגן זיך דאָרט צונויפקלייבן יונגוואַרג, בחורים, מיידלעך און אידישע סטודענטן. מ׳פלעגט פאַרברענגען און זינגען צוזאַמען זמירות.

## שמיני-עצרת און שמחת-תורה אין סאָלאָמענקא

הושענא רבה ביינאַכט פלעגט מען גיין צו ר׳ ארי׳ ליב קאַפּלאַן אין דער היים. **משה אהרן גייסינסקי** האָט געהאַט יאָרצייט נאָך זיין מוטער. אינדערפרי האט מען זיך צפאָרן.

שמיני-עצרת בייטאָג פלעגט מען אַוועקגיין אויף סאָלאָמענקא צו ר׳ משה קאָליקאָוו אַהיים. בעת מען איז אַריין ביי אים אין שטוב, איז שוין די שטוב געווען געפּאַקט מיט פיינע אידן: רבנים, שוחטים און בכלל פיינע בעלי-בתים. מ׳האָט דאָרט זייער גוט פאַרבראַכט. ערשט שפּעט ביינאַכט איז מען געגאַנגען צו הקפות.

דער עולם איז געבליבן דאָרט נעכטיקן, און אויף מאָרגן, שמחת-תורה נאָכן דאַווענען פלעגט מען אַרומגיין איבער די הייזער. יעדערער האָט איינגעלאַדן צו זיך אַהיים, צו מאַכן אַ ״לחיים״ און דערלאַנגט אַ פיינעם כיבוד. אַזוי איז אַדורך דער גאַנצער שמחת-תורה טאָג. מ׳האָט אפילו נישט באַוויזן דורכצוגיין אַלע הייזער.

מוצאי שמחת-תורה איז מען געפאָרן אַהיים.

## דער ״אַרטעל״ פון שמאי באַראָן

אין די הונגער-יאָרן איז איינגעפירט געוואָרן דער סיסטעם, אַז מען פלעגט אויסטיילן ברויט לויט אַ ״ברויט-קאַרטע״ (״קאַרטעטשקע״). אַזאַ ברויט-קאַרטע האָבן באַקומען בלויז די וואָס האָבן געאַרבעט.

אַזוי ווי רבנים האָבן דאָך נישט געטאָן קיין אַנדער אַרבעט אויסער

---

קאַזאַכסטאַן, דאָרט האָבן די קאַזאַכער באַנדיטן אים פאַרשטיינערט ביז צום טויט, יום כיפור ביינאַכט, השם ינקום דמו. זעט זיין בילד וויטער אין בוך.

**דער "סאָלאָמענקא" ראַיאָן פון קיעוו**

זיין אַ רב, זענען זיי דעריבער געשטעמפּלט געוואָרן פון דעם קאָמוניסטישן רעזשים אַלס "לישענצעס" (רעכטלאָזע)[11], און אַזוי אַרום זענען זיי, צווישן אַנדערן, נישט געווען באַרעכטיקט צו "ברויט-קאַרטעס".

אין סאלאמענקא איז געווען אַ איד מיט נאָמען **שמאי באַראָן**, האָט ער אָרגאַניזירט אַ פּאַנטאָפל-אַרטעל פון אידן שומרי-שבת, פון וועלכן שמאי אַליין איז געווען דער פּאָרזיצער. מען האָט דאָרט געדאַרפט נייען שטעק-שיך. פאַרשטייט זיך וואָס פאַראַ שיכלעך די רבנים האָבן געקענט אויפנייען. אָבער דורך דעם אַרבעטן אין דעם אַרטעל איז מען געווען באַרעכטיקט צו באַקומען אַ "ברויט-קאַרטע".

מאַכט זיך אַמאָל, אַז עס איז אומדערוואַרטערהייט אונטערגעקומען אַ קאָמיסיע, אונטערצוזוכן די אַרבעט וואָס דער שומרי-שבת אַרטעל פאַבריצירט. פאַרשטייט זיך וואָס זיי האָבן דאָרטן געזען. אויסער די "אַרבעט" וואָס זיי האָבן דאָרט געפונען, האָבן זיי אויך געטראָפן ביי שמאי באַראָן אין טישל אַ פּאָר תפילין.

בקיצור, די מאַכט-אָרגאַנען האָבן דורכגעפירט אַ משפט. מיט וואָס דער משפט האָט זיך געענדיקט, געדענק איך נישט. ס'איז נישטאָ ביי וועמען צו פרעגן. ס'איז, צום באַדויערן, קיינער נישטאָ פון יענע מענטשן.

פאַרשטייט זיך, אַז דער אַרטעל איז בטל געוואָרן.

– פרק ה –

## ליובאַוויטש אין "אונטערשטן" טייל פון קיעוו

### ר' יעקב מייזליק און די אונטערגרונט חדרים און ישיבות

אין פּאָדאָל האָט געוואוינט אַ איד מיטן נאָמען **ר' יעקב מייזליק** ("יעקב דער סטאָליער"). ער פלעגט קלייבן געלט אויף אויסהאַלטן אַן אונטערגרונט-חדר און ישיבה און צאָלן די מלמדים זייער שכירות.

דאָס אָנפירן מיט רעליגיעזע חדרים און ישיבות איז, ווי אויבנדערמאָנט, געווען פאַרבאָטן אין סאָוועטן-פאַרבאַנד. ר' יעקב

11) זעט "**תולדות חב"ד ברוסיא הסובייטית**" – פרק מ.

מייזליק איז טאַקע געכאַפּט געוואָרן ביי דער ״עבירה״, און ער איז טאַקע דערפאַר געשטעלט געוואָרן צום משפט.

ביים משפט האָט ר׳ יעקב זיך מודה געווען, אַז ער האָט אָנגעהאַלטן חדרים, און אַז ער וועט עס אויך ווייטער טאָן. ר׳ יעקב איז פאַר׳משפט געוואָרן צו צוויי יאָר טורמע[12]. קיעוו איז דעמאָלט פאַרבליבן אָן אַ תלמוד-תורה און ישיבה.

### הרב בנימין גאָראָדעצקי ווערט רב אין קיעוו

ענדע זומער תרפ״ו איז קיין קיעוו אָנגעקומען הרב **ר׳ בנימין אליהו גאָראָדעצקי**, וועלכער איז געשיקט געוואָרן דורך דעם רבי׳ן מוהריי״צ צו ווערן רב אין קיעוו און אומגעגנט[13]. ער איז אויך געוואָרן רב אין דער ליובאַוויטשער שול אין קיעוו. מיטן אָנקומען פון הרב גאָראָדעצקי אין קיעוו, האָט ליובאַוויטש דאָרט אויפגעלעבט.


**הרב ר׳ בנימין אליהו גאָראָדעצקי**

ר׳ בנימין גאָראָדעצקי איז געווען אַ פּה מפיק מרגליות. בעת עס פלעגט אין קיעוו פאָרקומען אַ חסידישע פאַרברענגען, פלעגן אַלע ליובאַוויטשער חסידים (צווישן זיי אויך עלטערע חסידים) קומען פאַרברענגען צו ר׳ בנימינ׳ען. צווישן זיי געדענק איך די **באַס-ברידער**; **ר׳ מאיר יאסעלסאָן**, און נאָך.

### ר׳ בנימין גאָראָדעצקי שטעלט-אויף אַ מקוה אין ר׳ יעקב מייזליק׳ס היים

ענדע יאָר תרפ״ח האָבן די קאָמוניסטישע מאַכט-אָרגאַנען געשלאָסן די מקוה אין פּאָדאָל. צוויי יאָר שפּעטער האָבן זיי געשלאָסן אויך די אַנדער מקוה, אין צענטער פון קיעוו. ר׳ בנימין גאָראָדעצקי האָט זיך דאַן גענומען צו אויפשטעלן אומלעגאַלע מקוואות אין קיעוו.

---

12) ענליכעס צו דעם ווערט דערציילט אין ספר ״**זכרון**״ פון **ר׳ בנימין גאָראָדעצקי** (פּרק א זייט 21, איבערגעדרוקט אין ״**תולדות חב״ד ברוסיא הסובייטית**״ פּרק יג), אַז עטליכע יאָר פאַר זיין אָנקומען קיין קיעוו, האָט מען פאַר׳משפט די מנהלים פון דער קיעווער תלמוד-תורה, **ר׳ משה ווינערסקי** און **ר׳ יעקב מייזליק**, ווי אויך אויך צוויי פון די מלמדים, צו צוויי יאָר תפיסה.

13) מער אויספירליך זעט ספר ״**זכרון**״ פון ר׳ בנימין גאָראָדעצקי, פּרקים א-ב.

### ליובאַוויטש אין "אונטערשטן" טייל פון קיעוו

איינע אַזאַ מקוה האָט ר׳ בנימין אויפגעשטעלט אין דער וואוינונג פון ר׳ יעקב מייזליק. מען קען זיך פאָרשטעלן מיט וואָס פאַר אַ מורא׳דיקע מסירות-נפש דער בויען די מקוה איז געווען פאַרבונדן. אָבער ביי ר׳ בנימינ׳ען איז נישט געווען שייך קיין מורא. ער איז שוין געווען אַ ״מלומד״ אין נסיונות[14]; אַז מען דאַרף – דאַרף מען. אַנדערש קען נישט זיין!

– פרק ו –

## ישיבת תומכי תמימים ליובאַוויטש אין קיעוו

אין אָנפאַנג פון יאָר תרפ״ט, נאָכדעם ווי די ליובאַוויטשער ישיבה ״תומכי תמימים״ אין נעוול איז געשלאָסן געוואָרן[15], איז איינע פון די כיתות איבערגעפירט געוואָרן קיין קיעוו, אין דער גרויסער שול אויף סאלאמענקא[16].

אין די קיעווער ישיבה זענען אָנגעפאָרן גאַנץ פיינע בחורים[17], מתמידים און ״עובדים״, צווישן זיי אויך זייער אַ פיינער בחור מיטן נאָמען נחום וואָלאָסאָוו [מיט וועמען איך האָב זיך באַגעגנט נאָך מיין פאַרלאָזן דעם סאָוועטן-פאַרבאַנד און זיך באַזעצן אין קראַון-הייטס].

### דער משפיע ר׳ בנימין ליפמאַן

דער משפיע אין דער דאָזיקער ישיבה איז געווען **ר׳ בנימין ליפמאַן**[18] (בנימין מינסקער) הי״ד און דער משגיח – **ר׳ מיכאל ליפסקער**[19].

---

14) ר׳ בנימין גאָראָדעצקי איז אין מאָנאַט אדר תרפ״ז אַרעסטירט געוואָרן דורך דער ג.פ.או. און איז געווען אַרעסטירט פאַר לערך איין מאָנאַט, ווי ער דערציילט עס אויספירליך אין זיין ספר ״**זכרון**״, פרק ב.

15) מער אויספירליך וועגן דעם – זעט ״**תולדות חב״ד ברוסיא הסובייטית**״, פרק סח.

16) מער אויספירליך וועגן דעם – זעט דאָרט פרק פ.

17) די נעמען פון די תלמידים אין ישיבת תומכי תמימים אין קיעוו – זעט דאָרט.

18) עטלעכע בריוו פון אים זענען געדרוקט אין ״**תולדות חב״ד ברוסיא הסובייטית**״, זייטן מט. נד. קנז. רצו. שפו.

19) וועגן **מיכאל ליפסקער** ביטע זעט ווייטער הערה 51.

בנימין ליפּמאַן איז געווען אַן עובד. בעת עס פלעגט זיך מאַכן אַ יומא דפּגרא, פלעגן אַלע תלמידים פון דער קיעווער ישיבה אַוועקגיין אויף סאלאמענקא צו פאַרברייינגען ביי בנימינ'ען (הי״ד). מען האָט געוואוסט, אַז פון בנימינ'ען איז דאָ וואָס צו הערן. ער פלעגט אָבער אָנהויבן רעדן ביי אַ פאַרברענגען ערשט אַרום 3-4 אַזייגער פאַרטאָג.

עד היום קלינגט מיר אין קאָפּ בנימינ'ס ״עבודה״-ניגון וועלכן ער פלעגט זינגען ביי די חסידישע פאַרברענגענס. בעת מען איז אויף מאָרגן אינדערפרי אַרויס פון בנימינ'ס אַ פאַרברענגען – האָט די גאַס געהאַט ביי אונז אַ ווערט כקליפּת השום.


ר' בנימין ליפּמאַן הי״ד

[מער וועגן בנימין ליפּמאַן – זעט ווייטער אין פּרק יח].

## די יעווסעקציע צעשמעטערט די שול אויף סאָלאָמענקא וואו עס האָט זיך געפונען די ליובאַוויטשער ישיבה

די יעווסעקציע ימ״ש האָבן זיך באַטראַכט, אַז מען דאַרף חרוב-מאַכן די דאָזיקע ישיבה. אַזוי ווי די שול וואו עס האָט זיך געפונען די ישיבה איז געווען נעבן דעם וואַקזאַל (באַן-סטאנציע), איז די יעווסעקציע געקומען מיטן אויסרייד, אַז מען דאַרף ציען אַ באַן-ליניע וואָס וועט דורכגיין פונקט אויף דעם אָרט וואו עס שטייט די שול, אויף סאָלאָמענקא.

לאַנג האָבן די רשעים ימ״ש נישט געטראַכט. זיי האָבן געשלאָסן די ישיבה און צעשמעטערט די שול. ישיבת תומכי-תמימים אין קיעוו איז דאַן איבערגעגאַנגען אין אַן אַנדער שול, אין דער דימעיעווקע געגנט פון קיעוו.

[אגב, היינט דאַרף מען שוין נישט זאָגן ״ימח-שמם״ אויף דער יעווסעקציע, וואָרום זיי זענען שוין פון לאַנג אָפּגעמעקט געוואָרן. סטאַלין ימ״ש האָט זיי אַלעמען פאַרשיקט און דערשאָסן צום טויט. – אַזוי האָט טאַקע געדאַרפט זיין זייער סוף. ״על דאטפת אטפוך״!

די יעווסעקציע, וועלכע זענען אַלע געווען אידן (״מהרסייך

**ישיבת תומכי תמימים ליובאַוויטש אין קיעוו**

ומחריבייך ממך יצאו״), האָט געטראַכט, אַז דורך דעם וואָס זיי וועלן אָנטאָן וואָס מער צרות צו די ערליכע אידן, וועלן זיי מער נושא-חן זיין ביים רוצח. אָבער לבסוף האָט סטאַלין אויך זיי אומגעבראַכט].

### ישיבת תומכי-תמימים ליובאַוויטש אין קיעוו שליסט זיך

ביזן יאָר תרצ״ד האָט נאָך די ישיבה תומכי-תמימים אין קיעוו זיך געהאַלטן מיט צרות. אָנפאַנג יאָר תרצ״ד זענען די קאָמוניסטישע מאַכט-אָרגאַנען אין קיעוו געקומען צו אַרעסטירן די בחורים, פאַר זייער גרויסן ״חטא״ וואָס זיי לערנען תורה. די בחורים זענען אַלע אַנטלאָפן דורך די פענצטער, אָבער די מאַכט-אָרגאַנען האָבן פאַרשלאָסן די שול און פאַרריגלט אירע טירן[20].

אַזוי אַרום איז ישיבת תומכי-תמימים אין קיעוו געשלאָסן געוואָרן, און מערסטנס פון די בחורים זענען זיך צעפאָרן אין אַנדערע שטעט.

– פרק ז –

## די ישיבה אין קיעוו פאַר די אינגערע תלמידים

אויסער די עלטערע בחורים, וועלכע האָבן געלערנט אין דער קיעווער ישיבה ״תומכי תמימים״, זענען אין קיעוו אויך געווען נאָך עטלכע אינגערע בחורים, צווישן זיי אויך איך, וועלכע האָבן נישט געלערנט אין דער ישיבה, נאָר געהאַט אַ קלענערע ישיבה, אין פּאָדאָל. אָבער דעם גאַנצן חיות האָבן מיר געשעפּט פון דער ״גרויסער״ ישיבה.

אויך די קלענערע ישיבה אין קיעוו, האָט זיך געהאַלטן מיט צרות. מיר האָבן געדאַרפט האָבן אַ משפיע און אַ מגיד-שיעור. עס זענען טאַקע געווען עטלעכע מלמדים וועלכע האָבן זיך מוסר-נפש געווען דאָס צו טאָן, אָבער זיי האָבן זיך ניט לאַנג געהאַלטן, וואָרום ווער וויל עס ריזיקן מיט פאַרשיקט ווערן קיין סיביר?!

צווישן די מגידי-שיעור אין דער ״קליינער״ ישיבה זענען געווען **ר׳ יעקב לבוב**, **ר׳ יונה זשיטאָמירער** און **ר׳ אברהם דרייזין** (אברהם מאַיאָרער).

---

20) זעט אויספירליך ״**זכרונותי**״ (לוין?!) עמ׳ נז.


הרה״ח ר׳ אברהם דרייזין ע״ה

די מסירות-נפש פון ר׳ אברהם דרייזין, איז געווען אין-לשער. ער האָט איבערגעלאָזט זיין פאַמיליע אין מאָסקווע, און איז געפאָרן קיין קיעוו צו לערנען מיט די בחורים – אַ זאַך וואָס איז פאַרבונדן מיט סכנת-נפשות בפועל ממש. טאָמער וואָלט מען אים ח״ו געכאַפּט – וואָלט ער – אין בעסטן פאַל – פאַרמשפּט געוואָרן צו 10 יאָר פאַרשיקונג אין סיביר, אָדער – אין ערגסטן פאַל – דערשאָסן צו ווערן צום טויט!

## די קיעווער ישיבה פאַר די אינגערע תלמידים שליסט זיך

אַ צייט נאָכדעם וואס די קיעווער קאָמוניסטישע מאַכטהאָבער האָבן געשלאָסן די ישיבה ״תומכי-תמימים״ אין קיעוו, איז אויך די ישיבה פאַר די אינגערע תלמידים אונטערגעגאַנגען. און דאָס – צוליב עטלעכע סיבות: 1) עס זענען מער נישט געווען קיין מלמדים צו לערנען מיט די תלמידים, און 2) די גבאים פון די קיעווער שולן האָבן מער נישט דערלויבט, אַז מען זאָל נוצן זייער שולן פאַר אונטערגרונט-חדרים, וואָרום די רשעים ימ״ש האָבן זיי געהאַט געוואָרנט, אַז אויב זיי וועלן דאָרט כאַפּן קינדער לערנען, וועלן זיי פאַרשיקן די גבאים קיין סיביר.

## די נישט-ליובאַוויטשע ישיבה אין פּאָדאָל

אין פּאָדאָל איז געווען נאָך אַ ישיבה פאַר אונטערגעוואַקסענע תלמידים[21], אַ מתנגד׳ישע ישיבה, וועמענס ראש-ישיבה עס איז געווען **הרב מאָרגנשטערן**, און דער מנהל איז געווען **ר׳ אייזיק ליפשיץ**[22]. די תלמידים פון דער ישיבה זענען געווען פיינע בחורים.

אַרום תרצ״ז-תרח״צ איז הרב מאָרגנשטערן אַרעסטירט געוואָרן, און עס איז אומבאַקאַנט וואו ער איז אַהינגעקומען. השם ינקום דמו.

---

21) מער וועגן דער ישיבה – זעט ספר ״**זכרון**״ פון ר׳ בנימין גאָראָדעצקי, פרק א זייט 23.

22) מער אויספירליך וועגן ר׳ אייזיק ליפשיץ – זעט אין די זכרונות פון ר׳ יחזקאל בראָד שי׳ (״כפר חב״ד״ נומער 708).

**די ישיבה אין קיעוו פאַר די אינגערע תלמידים**

– פרק ח –

## די "קוסטאַרן", די "נאַדאָמיעס" און די "אַרטעלן"

אין סוף פון דער תקופה פון דעם "**נעפּ**"[23], האָבן אַ טייל פרומע אידן געצויגן זייער חיונה דורך אָנפירן מיט אייגענע האַנט-אַרבעט ווירטשאַפטן אין זייערע אייגענע היימען. די דאָזיקע היימישע האַנט-אַרבעט האָט מען גערופן "**קוסטאַרן**"[24]. די אָנפירער פון די "קוסטאַרן" פלעגן קויפן רוי-מאַטעריאַל, עס אויסאַרבעטן און פאַרקויפן.

די דאָזיקע סאָרט אַרבעט איז ספּעציעל צום-נוץ-געקומען פאַר די פרומע אידן, וואָרום אין די רעגירונגס-פאַבריקן וואָלטן זיי געוועזן געצוואונגען צו אַרבעטן אויך שבת און יום-טוב.

עטלעכע יאָר נאָכדעם ווי דער "נעפּ" איז בטל געוואָרן, זענען בטל-געוואָרן אויך די "קוסטאַרן". דאַן איז איינגעפירט געוואָרן די "**נאַדאָמיע**"[25]. דאָס הייסט, אַז די פאַבריקן (וועלכע האָבן באַלאַנגט צו דער רעגירונג) פלעגן אויסטיילן צו פּריוואַטע מענטשן רוי-מאַטעריאַל, וועלכע זיי פלעגן באַאַרבעטן אין זייער פּריוואַטער היים, לויט זייערע באַקוועמלעכקייטן, און דערנאָך דאָס אומקערן צו די פאַבריקן וועלכע פלעגן זיי פאַר דעם באַצאָלן. די דאָזיקע אַרבעטער האָבן געהייסן "נאַדאָמניקעס".

אויך אָט די סאָרט אַרבעט האָט געהאָלפן די פרומע אידן, נישט צו דאַרפן אַרבעטן שבת און יום-טוב.

עס זענען דאַן אויך אויפגעשטעלט געוואָרן "**אַרטעלן**"[26]. דאָס זענען געווען אַזעלכע בשותפות׳דיקע בתי-מלאכה (פאַבריקן), וואָס סיי די בתי-מלאכה (די פאַבריקן) און סיי די סחורות, האָבן ביידע באַלאַנגט צו דער רעגירונג, און די אַרבעטער האָבן געקראָגן באַצאָלט פון דער רעגירונג.

אין אָט די "אַרטעלן", פונקט ווי אין אַלע אַנדערע פאַבריקן וואָס

---

23) מער וועגן דעם "נעפּ" – זעט "**תולדות חב"ד ברוסיא הסובייטית**", פרקים ה, טז, כח.

24) מער וועגן דעם – זעט דאָרט, פרק טז.

25) מער וועגן דעם – זעט ספר "**זכרון**" פון ר׳ בנימין גאָראָדעצקי, פרק כח.

26) זעט אויך "**תולדות חב"ד ברוסיא הסובייטית**", פרק כח (זייט קלב).

האָבן באַלאַנגט צו דער רעגירונג, וואָלטן די אַרבעטער געמוזט אַרבעטן אויך שבת און יום-טוב. נאָר אַ טייל פון די דאָזיקע "אַרטעלן" זענען אָנגעפירט געוואָרן פון פרומע אידן, און זיי האָבן עס אויסגעשטעלט אַזוי, אַז לפועל האָט מען דאָרט נישט געאַרבעט שבת און יום-טוב.

– פרק ט –

## דער עקאָנאָמישער מצב אין מיין עלטערן-היים

צוליב פאַרשידענע סיבות, איז דער עקאָנאָמישער צושטאַנד אין אונזער היים אין יענע יאָרן געווען זייער אַ שווערער. ס'איז פשוט געווען אַ מאַנגל אפילו אויף אַ שטיקל ברויט. מיין פאָטער ע"ה איז ל"ע געווען קראַנק.

מיין פאָטער, ווי אַ סך אַנדערע אידן אין יענער תקופה, איז געווען אַ "נאַדאָמניק". זיין אַרבעט איז באַשטאַנען אין דרייען באָוול (בוימוואָל – צמר-גפן).

מיין פאָטער'ס אַרבעט איז געווען אַזאַ, אַז נאָכן אָפּאַרבעטן אַ גאַנצע וואָך, האָט ער פאַרדינט קוים פאַר אַ לעבל ברויט. עס פלעגט אָפט טרעפן, אַז עס איז נישט געווען אויף וואָס צו מאַכן "המוציא" שבת, ווער רעדט נאָך וועגן "לחם משנה"...

### איך פאַנג אָן צו אַרבעטן

אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם שווערן עקאָנאָמישן מצב אין מיין עלטערן-היים, האָב איך געמוזט זוכן עפּעס אַ שטיקל פאַך, כדי עפּעס צו פאַרדינען און קענען אויך אַרויסהעלפן מיינע עלטערן מיט פרנסה.

לויט די קאָמוניסטישע רעגולאַציעס, האָט מען אין די "קוסטאַרן" און "נאַדאָמיעס" געמעגט אַריינגעמען אַרבעטן אויך יוגענטליכע אין עלטער פון 16 ביז 18, כדי אויסצולערנען זיי אַ פאַך. אַזוי ווי איך בין דעמאָלט – אין יאָר תרצ"ב – געווען 16 יאָר אַלט, בין איך טאַקע אָנגענומען געוואָרן צו אַרבעטן אין אַזאַ "קוסטאַר".

אין קיעוו איז געווען אַ מפורסמ'דיקער סטאָלינער חסיד וואָס האָט געהאַט אַזאַ "קוסטאַר". זיין נאָמען איז געווען **מרדכי (מאָטל) עטינגער**. זיין אַרבעט איז באַשטאַנען אין צונויפשמעלצן צעבראָכענע כלי-מתכות (מעטאַלענע זאַכן). איך בין מאָטלען געפעלן געוואָרן, און

ער האָט מיך גענומען אַלס אַ תלמיד צו לערנען דעם פאַך, און ער פלעגט מיך אויך עפּעס אָפּצאָלן פאַר מיין אַרבעט.

נאָך דער אַרבעט, פלעג איך זיך באַטייליקן אין די ״תפארת-בחורים״ שיעורים.

[אגב, די דאָזיקע אַרבעט מיינע האָט מיך געראַטעוועט דאָס לעבן, ווי עס וועט אויספירליך דערציילט ווערן ווייטער (אין קאַפּיטל לח)].

– פרק י –

## ״תפארת בחורים״ אין קיעוו

ווי שוין דערמאָנט אויבן (ענדע פון זעקסטן קאַפּיטל), איז נאָכדעם ווי ישיבת ״תומכי-תמימים״ אין קיעוו האָט זיך צוגעמאַכט, זענען זיך מערסטנס תלמידים פאַנאַנדערגעפאָרן. בלויז אַ קליינע צאָל בחורים, ווי אויך דער משפיע ר׳ בנימין ליפמאַן אַליין, זענען פאַרבליבן אין קיעוו.

ר׳ בנימין ליפמאַן האָט פאָרגעשלאָגן די פאַרבליבענע קיעווער בחורים, צו זוכן אַן אַרבעט, און צוזאַמען דערמיט אויפצושטעלן אַ ״**תפארת בחורים**״[27], וואו די בחורים זאָלן זיך קענען צוזאַמענקלייבן נאָך דער אַרבעט צו לערנען און הערן שיעורים.

[אגב, אַ טייל פון די פאַרבליבענע קיעווער בחורים האָבן געמוזט אַרבעטן באַהאַלטענערהייט, וואָרום זיי זענען שוין געווען עלטער פון 18].

אויך ר׳ בנימין ליפמאַן אַליין האָט אָנגעפאַנגען צו אַרבעטן אַלס אַן איינבינדער. ער פלעגט איינבינדן דאָקומענטן און פאַרשידענע אַנדערע ביכער. אין זיין פרייער צייט, פלעגט ר׳ בנימין זאָגן שיעורים פאַר די ״תפארת-בחורים״ גרופּע אין קיעוו.

### שוועריקייטן אין אַ געהעריקן פלאַץ פאַר ״תפארת-בחורים״

פאַרשטייט זיך, אַז מען האָט געדאַרפט געפינען אַן אָרט פאַר דער ״תפארת-בחורים״ גרופּע, און דאָ האָט זיך אָנגעפאַנגען אַ נייע

27) מער וועגן די ״תפארת בחורים״ – זעט ״**תולדות חב״ד ברוסיא הסובייטית**״ פרק ט (זייט נב און ווייטער).

מאַטערניש: דאָ טאָר מען נישט לערנען, און דאָ לאָזט מען נישט לערנען. ר׳ בנימין ליפּמאַן דאַרף זאָגן אַ שיעור פאַר די בחורים – אָבער עס איז נישטאָ קיין אָרט וואו פאָרצולערנען דעם שיעור.

אַזוי האָט זיך די ״תפארת-בחורים״ גרופּע געוואַלגערט פון איין ״גלות״ צום צווייטן, און מ׳קען זיך שוין פאָרשטעלן, וואָס פאַראַ לערנען דאָס איז געווען!

**חסידישע פאַרברענגענס אין די ״תפארת-בחורים״ גרופּעס**

אויסער שיעורים, איז אין די ״תפארת-בחורים״ אויך אָפּגעהאַלטן געוואָרן – פון צייט צו צייט – חסידישע פאַרברענגענס[28], ביי וועלכע מען האָט אויך געזונגען חסידישע ניגונים און געגאַנגען חסידישע ריקודים (ווי קען דען זיין אַ חסידישע פאַרברענגען אָן אַ ריקוד?!...).

דאָס אַלץ איז פאַרבונדן מיט גאָר אַ גרויסע סכנה, וואָרום די ניגונים מיט די ריקודים קענען דאָך דערגיין צו די אויערן פון די אומגעוואונטשענע שכנים... אָבער מ׳מוז דאָך זינגען אַ ניגון און גיין אַ ריקוד!

פון צייט צו צייט פלעגן די ״תפארת-בחורים״ גרופּעס באַקומען ״גערוסן״ פון רבין מוהריי״צ, וועלכער פלעגט זיי מעודד-זיין צו האַלטן זיך צוזאַמען און שטאַרקן זיך.

אַזוי זענען דורך עטליכע יאָר. טאַקע שווערע יאָרן; יאָרן פון מאַטערנישן, אָבער מ׳האָט פאָרט עפּעס-וואָס געלערנט.

– פרק יא –

## די מאַסן-אַרעסטן פון אנ״ש

ווי שווער עס איז געווען דער מצב ביז דעמאָלט, זענען אָבער

---

28) אין ספר ״**תולדות חב״ד ברוסיא הסובייטית**״ (פרק לו, זייט קנז) איז געדרוקט אַ בריוול פון ר׳ בנימין ליפּמאַן (דאַטירט עש״ק נשא תרצ״ד), אין וועלכן ער שרייבט, צווישן אַנדערן:

״ביום ל״ג בעומר נאספנו על כוס של ברכה, ורוח של התעוררות לקביעות עתים לתורה בכל יום התחיל לנשב אז בין המסובין. גם הקביעות של לקו״ת בשבת קודש שנתרופפה, נתחזקו עמודיה אז. והשי״ת דסייען להוציא מכח אל הפועל ע״כ, הוא יחזק מעוזינו על להבא״.

אָנגעקומען די פינסטערע יאָרן פון תרצ״ו, תרצ״ז און תרח״ץ, ווען עס האָבן זיך אָנגעהויבן די מאַסן-אַרעסטן[29] פון ״כלי-קודש״. מען האט אָנגעהויבן אַרעסטירן רבנים, שוחטים, חזנים און אויך – להבדיל – גלחים און דאָס גלייכן. עס זענען דאַן אַרעסטירט געוואָרן אנ״ש אין קיעוו, אין מאָסקווע, אין לענינגראַד און נאָך און נאָך.

אונזער ״תפארת בחורים״ איז דעמאָלט כמעט בטל-געוואָרן. עס איז, פאַרשטייט זיך, נישט געווען וואו צו פאַרברענגען. דער פּחד איז געווען מורא׳דיק. פון צייט צו צייט פלעגן איינער אָדער צוויי חברים פון ״תפארת בחורים״ זיך טרעפן און לערנען, שטילערהייט, אַ מאמר אָדער לייענען אַ שיחה פון רביין ריי״ץ. **ר׳ יחיאל מיכל ראַפּאָפּאָרט**[30] פלעגט ברענגען פון מאָסקווע אַ בריוו אָדער אַ ״רייד״ וואָס איז אָנגעקומען פון רביין. פאַרשטייט זיך, אַז דאָס האָט געדאַרפט זיין בסודי-סודות.


**ר׳ יחיאל מיכל ראַפּאָפּאָרט**

## די ״יעווסעקציע״ פאַרמעסט זיך צו פאַרניכטן חב״ד אין סאָוועטן-פאַרבאַנד

ווי באַוואוסט, האָט די קאָמוניסטישע מלכות הרשעה, און ספּעציעל די ״יעווסעקציע״ ימ״ש, זיך פאַרמאָסטן עוקר מן השרש צו זיין (״כלחוך השור״) אידישקייט אין אַלגעמיין, און באַזונדערס חב״ד, היל״ת.

די ״יעווסעקציע״ האָט באַשלאָסן, אַז פאַר דעם ציל דאַרפן זיי

---

29) מער אויספירליך וועגן די מאַסן-אַרעסטן פון די ליובאַוויטשער חסידים אין די יאָרן – זעט ספר ״**תולדות חב״ד ברוסיא הסובייטית**״, פרק מג און ווייטער.

30) מער אויספירליך וועגן ר׳ יחיאל מיכל ראַפּאָפּאָרט׳ס לעבן און שפּאַן אין סאָוועטן-פאַרבאַנד – זעט ״**יהדות הדממה**״ (חלק א – ירושלים ה׳תשד״מ; חלק ב – ירושלים ה׳תשמ״ז).

וועגן זיין אַרבעט אין קיעוו – דאָרט זייט 290, איבערגעדרוקט אין ״**תולדות חב״ד ברוסיא הסובייטית**״ ענדע פרק פ (ענדע זייט ש׳).

וויסן געגוי אַלץ וואָס עס טוט זיך ביי אנ״ש; ביי זייערע חסידישע פאַרברענגענישן; וואָס זיי רעדן צווישן זיך וכו׳ וכו׳.

**דער קיעווער מסור**

אין קיעוו איז געווען אַ בחור, אַ יתום, מיטן נאָמען **ד. ג.** נו, בכלל דאַרף מען דאָך מקרב-זיין אידישע נשמות, האָבן מיר אים מקרב געווען.

ליידער אָבער, האָט אים די ״יעווסעקציע״ גענומען אונטער אירע ״פליגלען״, און אים געמאַכט פאַר אַ ״מסור״! ער פלעגט נאָכגיין יעדן איינעם פון אנ״ש, און שפּעטער איבערגעבן ״דאָרט״ אַלץ וואָס עס טוט זיך ביי אנ״ש[31].

פאַרשטייט זיך, אַז לכתחילה האָבן אנ״ש נישט געוואוסט, אַז ער איז געוואָרן אַ מלשין, במילא האָט מען זיך פון אים נישט אויסגעהיט. ערשט אין אַ צייט אַרום, ווען מען האָט איינגעזעען, אַז גלייך נאָכדעם ווי ד. באַזוכט אַ שטאָט, ווערן גאָר אַ סך פון אנ״ש אַרעסטירט, דאַן האָט מען זיך דערוואוסט ווער ער איז, און מ׳האָט זיך אָנגעפאַנגען צו היטן פון אים. אָבער דאָס איז שוין, ליידער, געווען צו שפּעט.

– פרק יב –

## שמש פון ליובאַוויטשער שול אין קיעוו אַרעסטירט

צווישן די אַרעסטירטע אין יאָר תרצ״ז-צ״ח, איז אויך געווען דער שמש אין דער ליובאַוויטשער שול (אין קיעוו). זיין נאָמען איז געווען וואלף בער פון פאַך איז ער געווען אַ גוטער סטאָליער (א ביינק בויער), און האָט געהאַט אַ ווייב מיט קינדער.

נאָך זיין אַרעסט, באַגעגנט מיך זיין פרוי, און זאָגט מיר, אַז מיר זענען שולדיק אין דעם אַרעסט פון איר מאַן, וואָרום ער פלעגט גיין מיט אונז פאַרברענגען. די פרוי האָט מיר געגעבן אָנצוהערן, אַז אויב מען וועט איר נישט געבן אויף הוצאות, וועט זי אונז אַלעמען מסר׳ן! [זי האָט געוויס געמיינט, אַז אָן איר מסר׳ן, ווייסן נישט די רשעים וועגן אונז...].

31) מער אויספירליך וועגן דעם – זעט ״**תולדות חב״ד ברוסיא הסובייטית**״ פרק מד און ווייטער.

בכל אופן, העלפן דאַרף מען דאָך סיי-ווי, צי זי וועט מסר'ן צי נישט. ס'איז דאָך אַ רחמנות אויף די קינדער. האָב איך דעריבער אָנגעפאַנגען צו קלייבן געלט, און עס אַריינגעשיקט צו איר.

## דער שמש ווערט באַפרייט – אָבער ער ווערט פאַרדעכטיקט

אין יענע יאָרן, אַז אימיצער איז אַרעסטירט געוואָרן, איז ער שוין נישט באַפרייט געוואָרן פון די לאַפּעס פון די רשעים. זיי פלעגן די אַרעסטירטע פאַראורטיילן צו טויט-שטראָף אָדער פאַרשיקט צו ווערן קיין סיביר. טאָמער איז אימיצער יאָ באַפרייט געוואָרן, איז אויף אים געפאַלן אַ פאַרדאַכט, אַז ער איז געוואָרן זייערער אַ מענטש. דאָס הייסט, אַז ער קאָאָפּערירט מיט זיי און גיט זיי איבער די נעמען פון אַנדערע "פאַרדעכטיקטע".

[פאַרשטייט זיך, אַז דער פאַרדאַכט איז נישט אַלעמאָל געווען קיין באַרעכטיקטער. אָפטמאָל פלעגט טאַקע דער "פאַרדעכטיקטער" מצליח זיין סוף-כל-סוף אויפצווייזן, אַז עס איז נישטאָ וואָס אים צו חושד זיין, און דער עולם פלעגט זיך פון אים מער נישט אויסהיטן. אַנדערע "פאַרדעכטיקטע", ווידער, זענען אַרומגעגאַנגען מיט דעם "אות קין" (כאָטש אומבאַגרינדעט) במשך פון יאָרן].

אַזוי איז אויך געשען מיט וואלף בער: וויבאַלד אַז ער איז באַפרייט געוואָרן אַ קורצע צייט נאָך זיין אַרעסט, האָט דאָס, פאַרשטייט זיך, אויף אים געוואָרפן אַ פאַרדאַכט, אַז ער איז געוואָרן "זייערער" אַ מענטש. דעריבער האָבן אנ"ש אין קיעוו באַשלאָסן, אַז מ'זאָל זיך פון אים אויסהיטן.

## וואלף בער טוט-אָן היזק אין קיעווער שול

דער שול אין פּאָדאָל איז געווען א מאדערנע שול וואו דער דער "בימה" און דער "עמוד" זיינען געווען מחובר צוזאַמען[32]. און דאָ קומט מען צוגיין תשעה-באב אינדערפרי אין שול, און מען באַמערקט, אַז אימיצער האָט צעזעגט די ברעטער, און אָפּגעטיילט די בימה און דעם עמוד!

די מתפללים האָבן זיך שטאַרק געוואונדערט: ווער האָט עס

32) די פוסקים פסק'ענען, אַז די בימה און דער ארון-קודש טאָרן ניט זיין באַהאָפטן. זעט שאלות ותשובות 'יגדיל תורה' זייט 55. מנחת יצחק ה, כב. אגרות משה או"ח ב, מא-מב. או"ח א, מב.

**שמש פון ליובאַוויטשער שול אין קיעוו אַרעסטירט**

געקענט אָפּטאָן אַזאַ שטיקל אַרבעט, און נאָך אין איין נאַכט. און ספּעציעל אַז די ברעטער זענען געווען זייער גראָבע. דעריבער האָט מען מחליט געווען, אַז דאָס האָבן געקענט טאָן נאָר מלאכים פון הימל.

תשעה-באב פאַרנאַכט, צו מנחה, לויפט אַריין אין שול וואלף בער דער ״סטאָליער״, אָנגעטאָן אין אַ זאַק, פון וועלכן בלויז זיין קאָפּ שטעקט אַרויס, און ער גיט אַ געשריי: ״איך בין עס דער וואָס האָט אָפּגעטאָן דאָס שטיקל אַרבעט אין שול. – שלאָגט מיך!״. (ער האט דאס געטאן אלס קנאות קעגען דער מאדערנע שול). פאַרשטייט זיך, אַז מ׳האָט אים נישט געשלאָגן, און מ׳האָט צוריק מחבר געווען די ״בימה״ מיטן ״עמוד״.

**וואָלף בער דערציילט, אַז די ״יעווסעקציע״ ווייסט נעמען פון אנ״ש אין קיעוו**

נאָכדעם ווי וואלף בער איז באַפרייט געוואָרן, האָט ער איבערגעגעבן דורך איינעם, אַז מ׳זאָל זיך היטן, וואָרום בעת ער איז געזעסן אין טורמע, האָבן זיי פאַר אים ״מזכיר נשמות״ געווען אַלע אונזערע חברים, און זיי ווייסן אַלץ וואָס עס טוט זיך ביי אונז.

די דאָזיקע פון אנ״ש וועלכע האָבן חושד-געווען, אַז זיי זענען ״קאַנדידאַטן״ אַרעסטירט צו ווערן, האָבן אויפגעהערט צו נעכטיקן אין דער היים, וואָרום די ״אַרבעט״ פון די חיות בצורת אדם (די אַרעסטן) פלעגט על-פי רוב דורכגעפירט ווערן אין די נאַכט-שעה׳ן – פונקט ווי דער פסוק זאָגט בנוגע צו די פיר-פיסיקע חיות: ״תשת חושך ויהי לילה בו תרמוש כל חיתו יער״. דעריבער האָט מען געמיינט, אַז אויב מ׳וועט נישט נעכטיקן אין דער היים, וועט עס העלפן.

**אַ י״ט כסלו פאַרברענגען אָן דער אָנוועזנהייט פון וואלף בער**

פאַרשטייט זיך, אַז צוליב דעם פּחד פון די אַרעסטן, האָבן זיך אָפּגעשטעלט די חסידישע פאַרברענגענישן. בעת עס האָט זיך אָבער דערנענטערט י״ט כסלו, האָט מען באַשלאָסן, אַז יעבור מה, אָבער מען מוז דורכפירן אַ חסידישע פאַרברענגען לכבוד דעם חג הגאולה.

אין עק שטאָט, אין דער דימיעווקער געגענט האָט געוואוינט ר׳ בן-ציון גייסינקי ע״ה. איך בין אַוועקגעפאָרן צו ר׳ בן-ציון, צו שמועסן מיט אים וועגן אַ פאַרברענגען י״ט כסלו. ר׳ בן-ציון האָט מסכים געווען. איך האָב אים געגעבן געלט אויף איינקויפן פאַר דער

פאַרברענגען, און אים אָנגעזאָגט ספּעציפיש ווען ער זאָל איינלאַדן צו דער פאַרברענגען. איך האָב אים אויך געבעטן, אַז ער זאָל יעדן פון די איינגעלאַדענע אָנזאָגן, אַז אויב וואלף בער וועט זיך נאָכפרעגן צי עס קומט-פאָר אין קיעוו אַ י"ט כסלו פאַרברענגען, זאָל מען אים נישט דערציילן.

ווי עס האָט זיך אָבער שפּעטער אַרויסגעוויזן, איז דער יונגערמאַן ד. וועלכער איז מיטגעפאָרן מיט מיר קיין דימיעוועקע צו ר' בן-ציון'ען – גאר אליין געווען אַ מסור! נו, פאַרשטייט זיך, אַז ער האָט גלייך איבערגעגעבן מיין וואָרנונג וועגן וואלף בער אין דעם געהעריקן אָרט...

[אגב, בעת איך בין שפּעטער אַרעסטירט געוואָרן (זעט ווייטער קאפיטל י"ח), איז איינע פון די פראַגעס וואָס דער אויספאָרשער האָט מיר געפרעגט האָט זיך באַצויגן צו יענער רייזע צו ר' בן-ציון צו אַראַנזשירן אַ י"ט כסלו פאַרברענגען. דער אויספאָרשער האָט צו מיר געמאַכט די פאָלגנדע באַמערקונג: "אַהה, דו האָסט מורא געהאַט, אַז וואלף בער וועט זיין אָנוועזנד ביים פאַרברענגען, און ער וועט שפּעטער באַריכטן וועגן אַלע אייערע טריפה'נע זאַכן וואָס איר טוט אָפּ..."].

שפּעטער האט זיך ארויסגעוויזן אז וואלף בער איז נישט געווען קיין מסור און ער פלעגט טאן ווילדע זאכן כדי אז די "נ.ק.וו.ד." זאל מיינען אז ער איז משוגע געווארן און אזוי זיך באפרייען פון זיין א פאַרדאַכט, און דעריבער (ווי דערציילט אויבן) האט ער צובראכן דער "עמוד" מיטן "בימה" אויף תשעה באב[33].

– פרק יג –

## איך שטעל זיך צום פּריזיוו

אַזוי האָט זיך דערנענטערט דער פינסטערער יאָר תרצ"ז, ווען עס האָט זיך ביי מיר אָנגעהויבן אַ נייע תקופה אין לעבן: איך האָב זיך

33) ר' **משה מרוזוב** שי' דערציילט, אַז **וואָלף בער** איז געווען אַ פייערדיקער יונגערמאַן. איין מאָל **ראש השנה** איז ער געגאַנגען מיט אַ שופר צו די פאַבריקן וואו עס האָבן געאַרבעט טויזענטער מענטשן, צווישן זיי הונדערטער אידן, און ער איז אַריינגעלאָפן אין יעדער פאַבריק און געבלאָזט דאָרט שופר און גלייך אַוועקגעלאָפן. די נ.ק.וו.ד. האָט אים דאַן געכאַפּט און אַרעסטירט. מיינענדיק אַז ער איז משוגע געוואָרן, האָבן זיי אים באַפרייט און אַזוי איז ער פטור געוואָרן פון די הענט פון די "נ.ק.וו.ד.".



דער פריערדיקער ליובאַוויטער רבי, כ״ק אדמו״ר מוה״ר יוסף יצחק זצוקללה״ה

דעמאָלט געדאַרפט שטעלן צום פּריזיוו, און פּרואוון זיך אויסדרייען פון צו דינען אין דער אַרמיי.

נו, פאַרשטייט זיך, אַז איידער מען שטעלט זיך צום פּריזיוו, דאַרף מען בעטן אַ ברכה ביים רבי׳ן, מ׳זאָל גערעאַטעוועט ווערן פון זיי. איך האָב געשריבן אַ בריוו צום רבי׳ן, און דער רבי האָט מיר טאַקע געגעבן זיין ברכה בזה הלשון: **״יתן ה׳ שיהי׳ עבד לה׳ ולא וכו׳״**. – דאָס פלעגט זיין דער נוסח הברכה פון רבי׳ן צו פּריזיווניקעס. [״ולא וכו׳.״ מיינט: ״ולא עבד לזרים״, אדער ״ולא עבד לעבדים״, דאָס הייסט, נישט צו זיין קיין קנעכט צו דער מדינה; צום מיליטער].

פאַרשטייט זיך, אַז נאָכן באַקומען די ברכה פון רבי׳ן, דאַרף מען עפּעס טאָן; מאַכן אַ ״כלי״ אויף וואָס עס זאָל שורה זיין די ברכה.

## איך לאָז וואַקסן אַ באָרד כדי פּטור צו ווערן פון אַרמיי-דינסט

דער סדר דאַן איז געווען, אַז אויב דער פּריזיווניק פלעגט דערקלערן פאַר דער פּריזיוו-קאָמיסיע, אַז ער איז אַ ״גלויביקער״ – אומאָפּהענגיק פון וועלכן גלויבן – און אַז זיין גלויבן שטערט אים פון צו דינען אין דער אַרמיי, פלעגט דאָס אים פּטר׳ן פון צו דינען אין דער אַרמיי. אַזאַ איינער פלעגט אָבער דאַרפן יעדן יאָר אַ חודש-צוויי (אין זומער) זיך צושטעלן יעדן טאָג (נאָך דער אַרבעט) צו דער קאָמיסיע, צו לערנען זיך מלחמה-אָנגעלעגנהייטן.

פאַרשטייט זיך, אַז בלויז דעקלאַרירן זיך אַלס ״גלויביקער״ איז נישט געווען גענוג; מען האָט געדאַרפט אויפווייזן פאַר דער קאָמיסיע, אַז מען איז טאַקע אַ גלויביקער מענטש.

נו, מיט וואָס האָב איך געקענט אויפווייזן אַז איך בין אַ גלויביקער איד? – מיט פאַרלאָזן אַ באָרד!

**איך שטעל זיך צום פּריזיוו**

ס'איז גאָר שווער צו באַשרייבן, וואָס עס האָט געמיינט אין יענע פינסטערע יאָרן צו טראָגן אַ באָרד. אָבער בלית ברירה, כדי צו ראַטעווען זיך פון דינסט, האָב איך פאַרלאָזט אַ באָרד.

**מיין אויספאָרשונג ביי דער פריזיוו-קאָמיסיע**

מיין ריי צו שטעלן זיך צו דער פריזיוו-קאָמיסיע איז געווען סוכות תרצ״ז.

אָנקומענדיק צום פריזיוו-ביוראָ, באַגעגנט מיך דאָרט אַ שומר ביים טיר.

זאָגט ער צו מיר: גיי אַהיים און שער אָפּ דיין באָרד!

ענטפער איך אים: איך בין אַ גלויביקער און איך טאָר נישט אָפּשערן די באָרד.

ער גיט אַ קוק אויף מיר, און פרעגט: וואָס, אַ גלויביקער?! – ער קוקט מיר אָן ווי ער וואָלט זיך געוואונדערט פון וועלכע וועלט איך קום. איך ענטפער אים: יאָ, אַ גלויביקער!

איך באַמערק, אַז ער פאַרשטייט נישט דעם ״פשט״ דערפון. ער זאָגט צו מיר: וואַרט דאָ צו. ער גייט אַוועק און קומט צוריק מיט אַ גאַנצע שיירה פון מלאכי חבלה.

זיי פרעגן ביי מיר: דו ביסט אַ מאמין?

– יאָ! ענטפער איך.

– נו, גיי אַריין.

איך גיי אַריין. זיי גיבן מיר אָפּ גרויס ״כבוד״. זיי באַטראַכטן מיר פון קאָפּ ביז די פיס, און עס הויבט זיך אָן אַ ריי פראַגן. איינער פון די מלאכי חבלה, אין ציווילע קליידער, פאַנגט אָן:

נו – זאָגט ער – הויב-אָן צו דערציילן ווער דו ביסט; פון וואַנען דו קומסט; ווער זענען דיינע עלטערן, און דער עיקר – ווער זיינען דיינע חברים; ווער איז דיין מחנך און וואו ביסטו אויפגעוואָקסן?

איך ענטפער ווער איך בין, פון וואַנען איך קום און ווער עס זיינען מיינע עלטערן. איך זאָג אים, אַז מיין מחנך איז געווען מיין פאָטער,

וועלכער איז נפטר געוואָרן מיט עטלעכע חדשים צוריק[34]. איך האָב אים אויך געזאָגט, אַז איך האָב נישט קיין חברים.

פאַרשטייט זיך, אַז דער אויספאָרשער האָט זיך צעלאַכט אויף מיינע ענטפערט, אָנרופנדיק זיך צו מיר: וואָס דערציילסטו אונז באָבע-מעשיות?! וואָס, דו ביסט אויסגעוואַקסן אין אַ וואַלד?!

איך האַלט זיך ביי מיינס און איך זאָג אים: אַזוי איז דאָס און גאָר.

דער אויספאָרשער זעצט-פאָר מיט זיינע פראַגן. אָבער איינזעענדיק, אַז ער וועט ביי מיר גאָרנישט אַרויסקוועטשן, איז געוואָרן ״הס קטיגור״.

דאַן איז געקומען די ריי פון אַן אַנדערן שד מיך אויסצופאָרשן. ער פאַנגט-אָן:

– נו, גוט, דו ווילסט גאָרנישט דערציילן. מילא! אין אַרמיי אָבער ווילסטו דינען?

– יאָ! – ענטפער איך אים. ״דינא דמלכותא דינא״. – ווען איך זאָל אים בלויז ענטפערן, אַז איך וויל **נישט** דינען אין אַרמיי, וואָלט איך שוין קיינמאָל אַהיים נישט געקומען. אין יענע זיסע יאָרן האָט דאָס געשמעקט מיט פאַרשיקונג אין סיביר. קיין סך דאַרף מען נישט אויף צו פאַרדינען זיך פאַרשיקט צוווערן קיין סיביר.

ער פרעגט מיר ווייטער:

– נו, גאַנץ פיין. אָבער אין אַרמיי וועט מען דאָך פאַר דיר נישט איינשטעלן קיין כשר׳ע קיך, איז וואָס וועסטו עסן?

איך ענטפער אים ווייטער דעם זעלבן ענטפער, אַז איך בין סיי-ווי גרייט צו דינען אין אַרמיי, וואָרום ״דינא דמלכותא דינא״!

נאָך אַזאַ שמועס זענען די אויספאָרשער געוואָרן אַביסל ווייכער.

– נו, – זאָגט ער צו מיר – גיי אַהיים און שרייב אויס דיין סדר-היום בפרטיות, און צי דו ווילסט דינען אין דער אַרמיי, און אין וועלכער אָפּטיילט פון דער אַרמיי דו ווילסט דינען.

34) מיין פאָטער ר׳ **זלמן** ע״ה איז נפטר געוואָרן ח״י תמוז תרצ״ז.

**איך שטעל זיך צום פריזיוו**

איך בין אַהיים געגאַנגען און אַלעס אָנגעשריבן אויספירליך. איך האָב אָנגעשריבן, אַז איך וויל דינען אין דער אַרמיי. וועגן דער אָפטיילונג האָב איך אָנגעשריבן, אַז איך לאָז עס איבער פאַר זיי צו באַשליסן.

### מיין באַפרייאונג פון מיליטער-דינסט

איך בין צוריקגעקומען און זיי אָפגעגעבן וואָס איך האָב אָנגעשריבן. זיי האָבן מיר גלייך אַרויסגעגעבן אַ ״בילעט״, אַז אין דער אַרמיי וועט מען מיר נישט אָננעמען, נאָר איך וועל אַלע זומער, במשך פון צוויי חדשים, דאַרפן יעדן טאָג (נאָך דער אַרבעט) קומען זיך לערנען מלחמה-אָנגעלעגנהייטן.

נו, אַזוי בין איך, ברוך השם, פטור געוואָרן פון דינען אין דער אַרמיי.

אַזוי זענען דורכגעגאַנגען די יאָרן תרח״צ-תרצ״ט.

– פרק יד –

## פרק האיש מקדש...

זייענדיק שוין 23 יאָר אַלט, האָב איך געדאַרפט נעמען טראַכטן וועגן אַ שידוך.

ובכן, אין קיעוו האָט געלעבט אַ איד מיטן נאָמען **מאָטל דער חזן**. דער דאָזיקער איד האָט מיך באַקענט מיט אַ ריזשינער רב, אַ איד מיטן נאָמען **ר׳ זיידל ע״ה**, וועלכער האָט געהאַט אַ טאָכטער. איך האָב אָנגעפאַנגען אָפט צו באַזוכן זייער היים, און איך בין זיי געפעלן געוואָרן.

נאָך אַ קורצע צייט האָט ר׳ זיידל אָנגעהויבן רעדן מיט מיר וועגן תכלית.

זעענדיק אַז די זאַך איז קרוב למקח, האָב איך באַשלאָסן צו שרייבן אַ בריוו צום רבי׳ן, וועלכער האָט זיך דאַן געפונען אין אַטוואָצק, פוילן, צו בעטן אַ הסכמה און ברכה אויף דעם שידוך.

יענע צייטן צו שרייבן קיין פוילן איז נישט געווען קיין פשוט׳ע זאַך. אָבער מ׳מוז דאָך בעטן דעם רבי׳נס ברכה און הסכמה אויף דעם שידוך. ובכן האָב איך טאַקע געשריבן אַ בריוו צום רבי׳ן. עס איז אָבער

דורכגעגאַנגען אַ צייט און ס'איז נאָך נישט אָנגעקומען קיין ענטפער.

דער פאָטער פון דער מדוברת, ר' זיידל, האָט אָנגעהויבן צו דוחק זיין, איך זאָל באַשליסן צי איך בין מסכים אויף דעם שידוך, צי נישט.

## איך שליס אַ שידוך – און ווער גלייך אין דער זעלבער נאַכט אַרעסטירט

דאָס איז געווען מוצאי שבת-קודש, כ"א אדר תרצ"ט. דער פאָטער פון דער מדוברת האָט מיר געזאָגט, אַז אויב איך בין מסכים אויף דעם שידוך, זאָל מען גלייך נאָך שבת מאַכן תנאים. און אויב נישט – זאָל איך מער נישט קומען צו זיי אַהיים.

נישט ווילנדיק דורכלאָזן די הזדמנות, און בפרט אַז די מדוברת איז געווען אַ וואוילע מיידל, האָב איך דעריבער מסכים-געווען צום שידוך (כאָטש איך האָב נישט באַקומען קיין ענטפער פון רבי'ן).

ווי נאָר איך בין אָבער געקומען אַהיים, האָבן שוין אויף מיר געוואַרט די מלאכי חבלה מיך צו אַרעסטירן.

מיט מיין אַרעסט איז, פאַרשטייט זיך, דער שידוך בטל געוואָרן, און אַזוי האָט זיך אָנגעפאַנגען אַ נייע תקופה אין מיין לעבן.

# צווייטער טייל

– פרק טו –

## מיין אַרעסט

ובכן, מוצש״ק כ״א אדר תרצ״ט זענען געקומען די מלאכי חבלה מיך צו אַרעסטירן. כרגיל האָבן זיי דורכגעפירט אַ גרונטליכע אונטערזוכונג אין מיין הויז.

ווי אין יעדער אידישע הויז, זענען אויך אין מיין הויז געווען פיל ספרים, גמרות און דאָס גלייכן. אין מיין הויז איז אָבער אויך געווען פיל חסידות חב״ד ספרים, ווי די באַוואוסטע המשכים פון רבין נ״ע פון רנ״ט, ס״ו און עת״ר; שיחות און מאמרים פון רבין מוהריי״צ און דאָס גלייכן. די דאָזיקע חסידות-מאַטעריאַלן זענען, פאַרשטייט זיך, געלעגן אין אַ באַהאַלטענעם אָרט.

בעת די מלאכי חבלה האָבן אונטערגעזוכט מיין הויז, האָבן די גמרות און דאָס גלייכן זיי נישט אינטערעסירט; זיי האָבן געזוכט אַלעס וואָס איז פאַרבונדן מיט ״חב״ד״, מיט ״שניאורסאָהן״. ווי עס ווייזט אויס, האָט זיי דער מסור (וועלכער האָט אונז אַרויסגעגעבן) איבערגעגעבן פונקט וואו די דאָזיקע חב״ד-ספרים געפינען זיך אין אונזער היים.

### מיינע חב״ד-ספרים ווערן קאָנפיסקירט

נאָכן זוכן אַביסל, האָבן זיי געפונען דעם אוצר, און זיי האָבן אַלעס קאָנפיסקירט אויף מיטצונעמען מיט זיך.

זיי האָבן מיר מודיע געווען, אַז איך דאַרף מיטגיין מיט זיי. זיי האָבן מיר באַוויזן אַ ״סאַנקציע״ (פאַראָרדענונג) פון פראָקוראָר וואָס באַפולמעכטיקט זיי אַדורכצופירן ביי מיר אַן אָביסק״ (אונטערזוכונג) און מיך אַרעסטירן (צו חיפוש ומעצר). זיי האָבן מיר געזאָגט, איך זאָל מיטנעמען מיט זיך וואָס איך דאַרף, און מיטגיין מיט זיי.

איך האָב מיטגענומען מיינע תפילין, אַ סידור און עטלעכע קליידער און אַ ביסל געלט.

אין דרויסן איז געשטאַנען גרייט זייער אויטאָ. זיי האָבן מיך

אַריינגעזעצט אין אויטאָ אין דער באַגלייטונג פון צוויי שומרים, איינעם אין יעדער זייט, אויף מיך צו היטן, כאילו איך וואָלט געווען עפּעס אַ מורד במלכות!

## מיין ערשטע נאַכט אין טורמע

אָנקומענדיק אין טורמע, האָבן די ״נ.ק.וו.ד.״ ביי מיר גלייך צוגענומען אַלץ וואָס איך האָב מיט זיך מיטגענומען. זיי האָבן ביי מיר אויך צוגענומען די שנירלעך פון די שיך און דעם פּאַסיק פון די הויזן, כדי איך זאָל, ח״ו, זיך נישט נעמען דאָס לעבן. – זיי האָבן רחמנות אויף מיר...

מען פירט מיר אין טורמע מיט גרויס ״כבוד״, ווי אַ חתן צו דער חופּה. זיי פירן מיר צו צו אַ צימער אויף וועמענס טיר עס הענגען גרויסע, מוראדיקע אייזערנע שלעסער. זיי עפענען די טיר, און הייסן מיך אַריינגיין.

אַריינקומענדיק טרעף איך דאָרט 20-25 עלטערע מענטשן. קעגן זיי בין איך קוים אַ קינד. זיי זענען מיך מקבל מיט אַ פיינעם ״ברוך הבא״.

ווער עס זענען מיינע נייע ״חברים״ ווייס איך נאָך נישט, דערווייל. זיי פאַנגען אָן צו שטעלן מיר פראַגן: ווער איך בין און מה פשעי ומה חטאתי פאַרוואָס מען האָט מיך אַרעסטירט. איך ענטפער זיי, אַז איך ווייס גאָרנישט. פאַרשטייט זיך, אַז זיי גלויבן מיר נישט, און זיי טענה׳ן, אַז דעם יאָר האָט מען שוין מערנישט אַרעסטירט אומזיסט קיין מענטשן.

מיינע נייע ״חברים״ גיבן מיר אַ בעטל מיט אַ קווערטל[35]. מיין ״שכן״ אין דער דערבייאיקער בעטל איז אַ קרעמענטשוגער איד מיטן נאָמען אברהם נאַאָמאָוויטש.

אויסער מיין דאָזיקן שכן זע איך, אַז עס זענען אין דעם צימער דאָ נאָך אידן. עס גלוסט זיך מיר זייער צו וויסן ווער עס זענען די דאָזיקע אידן און פאַר וועלכע ״עבירות״ האָט מען זיי אַרעסטירט. לויט זייער אויסזען דערקען איך, אַז דאָס זענען נישט קיין פּראָסטע מענטשן און אַז זיי זענען נישט אַרעסטירט געוואָרן פאַר אויסריידן אין מיטן חזרת-הש״ץ אָדער קריאת-התורה...

35) אין דער דאָזיקער קווערטל פלעגן די אַרעסטענטן באַקומען זייער טעגליכע ״זופּ״.

נו, מילא – טראַכט איך זיך – מיט דער צייט וועל איך שוין אַלעס וויסן אויספירליך. מ׳דאַרף נאָר האָבן געדולד. איך אייל זיך ערגעץ נישט. (פאַרברענגען, ״תפארת בחורים״ א.אַ.וו. ב״ה איצט איז דאָ צייט).

## מען פירט מיר צו מיין ערשטער אויספאָרשונג

אויפן צווייטן טאָג פון מיין אַרעסט, עפנט זיך די טיר, און איך הער ווי מען רופט אויס דעם ערשטן אות פון מיין פאַמיליע-נאָמען, (דעם גאנצן נאמען האט מען ניט אויסגערופן בכדי די אנדערע ארעסטירע זאלן ניט וויסן ווער עס זיצט מיט זיי), איך זאָל קומען. נו, אַז מען רופט דאַרף מען גיין.

מען נעמט מיר אַרויס פון דעם בנין און מען זעצט מיר אַריין אין אַן אויטאָ, וועלכער איז אינגאַנצן פאַרמאַכט און פון וועלכן מען קען גאָרנישט אַרויסזעען.

דער אויטאָ איז צוגעפאָרן צו אַ בנין און אַריינגעפאָרן אין אַ הויף. נאָכן אַרויסגיין פון דעם אויטאָ, האָבן זיי מיר געהייסן גיין. בשעת׳ן גיין דאַרפן די אַרעסטאַנטן האַלטן די הענט פון אונטן, און מען טאָר נישט קוקן אויף די זייטן. מען דאַרף קוקן בלויז גלייך, פאָראויס.

## די אויספאָרשונג

אַ זעלנער עפנט אויף אַ טיר, און הייסט מיר אַריינגיין. איך גיי אַריין אין אַ צימער, ביים טיש זיצט איינער פון די מלאכי חבלה. ער הייסט מיר זעצן זיך אַנטקעגנאיבער אים, אָבער – פון דערווייטנס. ווייזט אויס, כדי איך – דער אַרעסטאַנט – זאָל נישט קענען זעען וואָס עס ליגט ביי דעם אויספאָרשער אויפן טיש.

דער אויספאָרשער זאָגט צו מיר: דו ווייסט, אַז דו ביסט אַרעסטירט? – יאָ, – ענטפער איך – איך ווייס. איך וויל אָבער וויסן פאַרוואָס מען האָט מיך אַרעסטירט.

ער ענטפערט מיך: איך וועל דיר ברענגען אַ קליינעם ביישפיל. דעם לעצטן שבת ביסטו געווען אין שול. אויף דיין רעכטער זייט איז געזעסן דער און דער, און אויף דיין לינקער זייט איז געזעסן דער און דער, – און ער רופט-אָן די נעמען פון מיינע חברים וואָס זענען געזעצן נעבן מיר אין שול. ״נו – זאָגט ער צו מיר – איז עס טאַקע געווען אַזוי ווי איך זאָג״? יאָ, – ענטפערט איך אים.

**מיין אַרעסט**

– אַהז – זאָגט ער צו מיר – זאָלסט וויסן, אַז אומזיסט אַרעסטירט מען קיינעם נישט. מיר ווייסן ווער דו ביסט. מיר קענען דיר שוין פון קליינהייט אָן. מיר ווייסן אַלץ מיט וואָס דו פאַרנעמסט זיך. מיר ווייסן, אַז דו שטייסט אין קאָנטאַקט מיט שניאורסאָהן – וועלכער וואוינט איצט אין פוילן – און דו פאַרשפרייטסט זיין ווערק, און נאָך און נאָך.

– מיר האָבן פאַר אַ לאַנגע צייט נישט געוואָלט דיך אַרעסטירן, – האָט דער אויספאָרשער פאָרגעזעצט. – נאָר מיר האָבן איינגעזען, אַז דו שטייסט פאַר אַן אָפענעם גרוב, און אָט-אָט פאַלסטו אַריין אין דעם גרוב. דעריבער האָבן מיר באַשלאָסן דיך צו ראַטעווען, דורך אַרעסטירן דיר און אַרויפפירן דיר אויפן ריכטיקן וועג...

– מיר האָבן צו דיר אַבסאָלוט גאָרנישט – האָט ער ווייטער פאָרגעזעצט – דו ביסט נישט שולדיק. מען האָט דיך פאַרפירט. דו ביסט אַ יונגער בחור. דו האָסט אַ כלה און דו דאַרפסט חתונה האָבן. דו דאַרפסט ערשט אָנהויבן לעבן...

– דעריבער שלאָגן מיר דיך פאָר, דו זאָלסט אונז דערציילן, מיט אַן אמת, ערנסט, אַלע אייערע ענינים; די אונטערגרונט-ישיבות; דאָס קלייבן געלט אויף אויסהאַלטן די אונטערגרונט ישיבות און חדרים א.ד.גל. הכלל – דו זאָלסט אונז אַלץ דערציילן. אָבער מיט אַן אמת. דו זאָלסט פון אונז גאָרנישט אויסבאַהאַלטן, ווייל מיר ווייסן סיי-ווי אַלץ. מיר מיינען בלויז דיין טובה, אַז דו זאָלסט אונז אַרויסווייזן דיין ערנסטקייט. וואָס מער דו וועסט אונז באַווייזן, אַז דו גייסט מיט אַן אמת, אַלץ מער וועט דיר זיין בעסער. מיר וועלן דיר געבן אַ מענטשן וועלכער וועט מיט דיר אַרבעטן.

דער אויספאָרשער האָט אויסגעפירט: "איך וועל דיר באַלד צוריק אָפּשיקן אין טורמע. באַטראַכט זיך גוט. דערמאָן זיך אַלעס בפּרטיות".

און כדי איז זאָל געדענקען דעם נייעם "אַדרעס" וואו איך געפין זיך, רופט דער אויספאָרשער אַרויס אַ סאָלדאַט און הייסט אים מיך אָפּפירן צוריק אין טורמע צו מיין בעטל, און ער זאָגט – ווי צו זיך אַליין: דו האָסט דאָך געוואוסט גאַנץ גוט, אַז סוף-כל-סוף...

און אַזוי האָט מען מיך מיט גרויס כבוד צוריק געפירט צו מיין נייער "דירה".

**מיין אַרעסט**

**איך גרייט זיך דורכצוגיין אַ שווערע צייט**

איך האָב איינגעזעען, אַז מיין מצב וועט נישט דורכגיין אַזוי גלאַט. איך האָב ביי זיך געטראַכט: מיט וואָס בין איך שענער פון יענע חברים מיינע, וועלכע "זיצן" פאַר דער "עבירה" פון צונויפזאַמלען אין זייערע היימען אידן און לערנען מיט זיי מאמרים, שיחות א.ד.גל., אין דער צייט ווען אין גאַס ברענט אַזאַ פייער.

"דו ביסט געגאַנגען אויף דערויף – האָב איך מיט זיך זעלבסט איינגעטענה'ט – איצט שטאַרק זיך און האָב בטחון, אַז דער רבי וועט געוויס מעורר זיין רחמים למעלה, אַז דער אויבערשטער זאָל דיר געבן כוחות אויסצוהאַלטן דעם 'גיהנום', און נישט צו פאַרגעסן דוד המלך'ס פסוקים: 'ערוב עבדך לטוב אל יעשקוני זדים'... 'רבים רודפי וצרי מעדותיך לא נטיתי'... 'זדים הליצוני עד מאד מתורתך לא נטיתי'... 'כמעט כילוני בארץ ואני לא עזבתי פיקודיך'... 'רבת צררוני מנעורי גם לא יכלו לי'... מיט וואָס ביסטו שענער פון אברהם אבינו. אברהם אבינו האָט נישט געזוכט קיין מסירת-נפש. ער האָט געטאָן זיינס. נאָר אַז מ'דאַרף גיין אין פייער – גייט מען!".

אָט אַזוי האָב איך אַ שמועס-געטאָן מיט זיך אַליין, און זיך געגעבן צו פאַרשטיין, אַז דער מצב איז אַ ביטערער. ווער ווייס וואָס עס שטייט מיר פאָר אין דער צוקונפט. איך געפין זיך ביי רשעים, רוצחים. זיי קענען מיר אָנטאָן צרות, פייניקן און אפילו דערשיסן ח"ו צום טויט. "ידיהם דמים מלאו", "דמים" תרתי משמע, געלט און בלוט...

איך האָב זיך אָפּגעגעבן אַ חשבון וואָס דער אויספאָרשער מיינט מיט דעם וואָס ער האָט מיר געזאָגט, אַז "ער מיינט מיין טובה". איך האָבן פאַרשטאַנען, אַז ער מיינט מיט דעם, איך זאָל ווערן "זייערער" אַ מענטש, אַ מסור און מלשין, ח"ו הי' לא תהי'!

איך האָב ביי זיך באַשלאָסן, אַז יעבור עלי מה, אָבער איך וועל צו דעם בשום-אופן נישט מסכים-זיין. נישט דאָס האָט אונז דער רבי געלערנט!

– פרק טז –

## איך באַקען זיך מיט די אַנדערע אַרעסטאַנטן

ווי שוין אויבן דערמאָנט, איז מיין נייער "שכן" אין טורמע געווען

אַ איד מיטן נאָמען אברהם נאַומאָוויטש. דער דאָזיקער שכן מיינער, האָט אָנגעהויבן ווערן מיינער אַ גוטער חבר. ער האָט געוואָלט וויסן ווער איך בין און וואָס איך בין, און דער עיקר, ״מה פשעי ומה חטאתי״. פאַרשטייט זיך, אַז אויך איך האָב געוואָלט וויסן ווער מיין ״שכן״ איז, און בכלל – מה טיבם פון די אַנדערע אַרעסטאַנטן אין דעם צימער.

צוריקקומענדיק פון מיין ערשטער ״באַגעגעניש״ מיט דעם אויספאָרשער, בין איך, פאַרשטייט זיך, אַריין אַ צעקאָכטער, באַטראַכטנדיק, אַז ס׳שטייט מיר פאָר אַ ביטערער נסיון – זיך צו ראַנגלען מיט די רוצחים.

דערזעענדיק מיר אַזאַ צעקאָכטן, האָט זיך מיין ״שכן״ שטאַרק פאַראינטערעסירט וואָס איז מיט מיר. איך האָב באַשלאָסן אים אַלץ צו דערציילן: ווער איך בין און וואָס איך בין, און וואָס עס זיינען מיינע ״עבירות״. איך האָב באַשלאָסן, אַז ס׳איז נישטאָ וואָס צו פאַרלייקענען, וואָרום מ׳קען מיר שוין מער נישט מסר׳ן.

אומר ועושה, איך האָב מיין ״שכן״ אַלץ דערציילט, פון אל״ף ביז תי״ו, אויך די אויבנדערמאָנטע רייד פון מיין אויספאָרשער.

מיין ״שכן״ קוקט אויף מיר, און וואונדערט זיך, ווי קען עס זיין, אַז אין אַזאַ צייט זאָל אויסוואַקסן אַ יונגער בחור, אַ מאמין?...

**מיינע מיט-אַרעסטאַנטן זענען ״נ.ק.וו.ד.״-נאַטשאַלניקעס!**

נאָכדעם ווי איך האָב מיין נייעם חבר אַלץ דערציילט וועגן זיך – זאָג איך אים, אַז איצט וויל איך וויסן ווער ער איז און ווער עס זענען די אַלע מענטשן אין דעם צימער.

ער האָט מיר דערציילט, אַז ער איז אַ קרעמענטשוגער איד. ער איז געווען אַ גרויסער נאַטשאַלניק אין דער ״נ.ק.וו.ד.״ פון אוקראַאינע. אויך די אַנדערע מענטשן אין דעם צימער – האָט מיר מיין נייער פריינט דערציילט – זענען כמעט אַלע געוועזענע נאַטשאַלניקעס פון דער ״נ.ק.וו.ד.״, צווישן זיי אויך געוועזענע פּראָקוראָרן.

זיי זיצן שוין דאָ זינט דעם 37טן אָדער 38טן יאָר. מען האָט זיי געשלאָגן מכות רצח, אַז זיי זאָלן זיך אונטערשרייבן, אַז זיי זענען טראָצקי׳סטן און אַז זיי האָבן געוואָלט אומברענגען סטאַלינ׳ען, און בכלל מאַכן אַ רעוואָלוציע אין לאַנד. זיי האָבן זיך, בלית ברירה, אַלע

אונטערגעשריבן. זיי זענען געווען גרייט מען זאָל זיי אפילו שיסן פאַר פאַראַט, אַבי נישט צו דאַרפן דורכגיין די אַלע צרות און פייניקונגען.

און אַזוי זיצן זיי דאָ זינט דעמאָלט, און וואַרטן פון טאָג צו טאָג אויף דעם מאָמענט ווען מ'וועט זיי פון דאַנען אַרויסרופן אויף אַ ווײַלע...

## די ענגשאַפט אין טורמע

איצט – דערציילט ער מיר ווייטער – געפינען זיך אין דעם צימער בלויז 20-25 מענטשן. אָבער אין 37טן יאָר זענען דאָ געווען אַרעסטירט לערך 150 מענטשן! דער פּלאַץ איז געווען אַזוי ענג, אַז עס איז געווען אוממעגליך אַוועקצולייגן זיך. מען האָט אפילו נישט געקענט זיצן; מען האָט בלויז געקענט שטיין! מען האָט אפילו געגעסן שטייענדיקערהייט, און אפילו געשלאָפן שטייענדיקערהייט!

בעת מען פלעגט אַרויספירן פון צימער אַביסל אַרעסטאַנטן (וועלכע זיי האָבן פאַרשיקט, אָדער דערשאָסן צום טויט...), פלעגט אין צימער ווערן אַביסל מער "רחבות'דיק". דאָס האָט אָבער אָנגעהאַלטן בלויז אויף אַ קורצע ווײַלע, וואָרום מען פלעגט באַלד אַריינברענגען אין צימער נייע "געסט"...

דאָס פלאַץ אין צימער איז געווען אַזוי ענג, אַז בעת זיי פלעגן ברענגען אַ נייעם אַרעסטאַנט, פלעגן זיי אים פשוט אַריינשטופן אין צימער מיט כוח, כדי זיי זאָלן קענען צושליסן די טיר! אַזוי פלעגט אָנגיין די "אַרבעט" פון די מלאכי חבלה אין גיהנום דורכן מעת-לעת.

## דער אורטייל פון די נאַטשאַלניקעס פאַרהאַלט זיך...

די סיבה פאַרוואָס עס האָט זיך אַזוי פאַרשלעפּט דאָס אויספירן דעם אורטייל איבער די געוועזענע נאַטשאַלניקעס, איז ווי פאָלגענד.

ס'איז דאָך "דרך רשעים צלחה" – קומט פאַר אַזאַ מעשה:

נאָכדעם ווי סטאַלין ימ"ש האָט געלאָזן אויסשיסן אַ האַלבע לאַנד[36], האָט ער געוואָלט ריינוואַשן זיינע הענט פון די טייכן בלוט וואָס ער האָט פאַרגאָסן. ער האָט געוואָלט שאַפן דעם איינדרוק אין דער מערב-וועלט, אַז ער האָט גאָרנישט געוואוסט וועגן די מאַסן-

36) היסטאָריקער זאָגן, אַז אין דער סטאַלין-תקופה זענען אומגעקומען צווישן 10 מיט 20 מיליאָן מענטשן!

**איך באַקען זיך מיט די אַנדערע אַרעסטאַנטן**

הריגות (די אַזוי-גערופענע "רייניקונגען") פון די אומשולדיקע מענטשן, און אַז די דאָזיקע הריגות זענען דורכגעפירט געוואָרן דורך דעם גרויסן רוצח **יעזשאָוו** (וועלכער איז אָנפאַנגענדיק פון זומער 1936 געשטאַנען אין שפּיץ פון דער נ.ק.וו.ד.) מיט זיינע "משרתים", די נ.ק.וו.ד.'יסטן ימ"ש.

צו דעם צוועק האָט סטאַלין ימ"ש באַזייטיקט יעזשאָוו'ן פון זיין אַמט, אים געלאָזן אַרעסטירן און אים געשאָסן. דאָס איז געווען אָנפאַנג ווינטער תרצ"ט.

פאַרשטייט זיך, אַז מיטן הינריכטן יעזשאָוו'ן, האָבן זיך, דערוויל, אויפגעהערט די מאַסן אַרעסטן פון אומשולדיקע מענטשן. און אויך אַזעלכע וואָס זענען שוין געווען אַרעסטירט און פאַראורטיילט צום טויט פון פריער, וויבאַלד אָבער אַז מ'האָט נאָך נישט באַוויזן זיי אויסצושיסן – האָט זיי באַגליקט דער מזל, און מען האָט אויף זיי נישט אויסגעפירט דעם טויט-אורטייל. אָבער באַפרייען האָט מען זיי אויך נישט, דערוויל.

און דאָס איז אויך געווען די סיבה דערפון וואָס די געוועזענע נ.ק.וו.ד. נאַטשאַלניקעס זענען געזעסן אַזוי לאַנג אין טורמע.

– פרק יז –

## איך 'פייער' פסח אין טורמע

דערוויל האָט זיך פאַרענדיקט חודש אדר, עס האָט זיך שוין אָנגעפאַנגען חודש ניסן – אָבער צום אויספאָרשער רופט מען מיר נישט!

איך האָב אָנגעהויבן צו טראַכטן: עס דערנענטערט זיך פסח. וואָס טוט מען?! ווי אַזוי וועל איך קענען דורכגיין די פסח-טעג אָן עסן ח"ו חמץ?

דער סדר אין טורמע איז געווען, אַז איין מאָל אין צען טעג פלעגט מען אַריינברענגען אין צימער אַ "קלייטעלע", אין וועלכע די אַרעסטאַנטן פלעגן קויפן אַזעלכע זאַכן ווי ציגאַרעטן; צוקער און אַנדערע קלייניקייטן.

אַזוי ווי מען האָט געגעבן די אַרעסטאַנטן אַביסעלע געלט זיי זאָלן קענען עפּעס איינקויפן, האָב איך באַשלאָסן, אַז איך זאָל אויסנוצן מיין געלט בלויז אויף צו קויפן צוקער, כדי אַזוי אַרום דורכלעבן דעם

פסח מיט צוקער.

**מען רופט מיר אויף אַן אויספאָרשונג די ערשטע נאַכט פסח**

ס'איז שוין געווען ערב פסח, און איך בין געווען צופרידן דערפון וואס דערווייל, ברוך השם, רופט מען מיר נישט צוריק צום אויספאָרשער. איך האָב זיך געטראַכט, אַז איך וועל קענען "פייערן" דעם ערשטן "סדר" דורך זיצן אין אַ ווינקל און זיך גוט אויסוויינען אויף מיין ביטערן מצב.

אָבער ווי נאָר ס'איז געוואָרן נאַכט – בין איך גערופן געוואָרן צום אויספאָרשער. איך בין דאָרט געגאַנגען אין דער באַגלייטונג פון אַ מלאך חבלה. אַזוי איז דאָך דער דין, אַז ביינאַכט טאָר אַ תלמיד-חכם נישט אַרויסגיין איינער אַליין. "זיי" אָבער זענען "מהדר" אין דעם דין, אַז אפילו בייטאָג לאָזן זיי נישט דעם אַרעסטאַנט גיין אַליין...

אַלנפאַלס, מ'פירט מיר אַריין צום צימער פון אויספאָרשער. פון איין זייט טיש זיצט אַ יונגער שייגץ. מיך הייסט ער זיך זעצן אַנטקעגנאיבער אים, אָבער – פון דערווייטנס.

דער אויספאָרשער האָט אָנגעהויבן צו מיר רעדן איידל, געלאַסן, כאילו מיר זענען שוין אַלטע באַקאַנטע. אָבער נאָך אַ קורצע ווײלע האָט דער אויספאָרשער אָנגעהויבן מיך "באַשיסן" מיט שאלות:

– נו, דערצייל ווער דו ביסט? ווער איז דיין משפחה? ווער זענען דיינע קרובים? האָסטו קרובים אין אויסלאַנד? ווער זענען דיינע חברים? מיט וועמען באַגעגנסטו זיך? און ווי אַזוי פאַרברענגסטו דיין צייט נאָך דער אַרבעט?

איך האָב אים געענטפערט אויף זיינע שאלות, איך האָב אָבער געזעען אויף זיין טריפה'נעם פנים, אַז נישט אַלע מיינע ענטפערס געפעלן אים. בעיקר איז אים נישט געפעלן מיינע ענטפערס, אַז איך האָב נישט קיין חברים; איך באַגעגן זיך נישט מיט קיינעם און אַז נאָך דער אַרבעט קום איך גלייך צוריק אַהיים.

הערנדיק מיינע אויבנדערמאָנטע ענטפערס, האָט דער אויספאָרשער זיך שטאַרק פאַנאַנדערגעלאַכט, זאָגנדיק צו מיר: דו מיינסט, אַז דו ביסט אַ חכם? – נו, וועגן דערויף וועלן מיר שפּעטער שמועסן.

בכלל בין איך געווען אַזוי איזאָלירט פון דער דרויסנדיקער וועלט,

אַז איך האָב גאָרנישט געוואוסט, צי מ׳האָט בלויז מיך אַרעסטירט, אָדער מ׳האָט יענע נאַכט אַרעסטירט נאָך אימיצען און דאָס גלייכן.

דער אויספאָרשער גיט מיר אַ פרעג: וואָס איז ביי אייך, אידן, היינט? איך ענטפער אים: פסח. – אַה! – זאָגט ער צו מיר – דו האַלסט חשבון. ענטפער איך אים: ווי אַנדערש?!

ס׳איז שוין געווען שפּעט אין דער נאַכט. זאָגט ער צו מיר: דו ביסט דאָך זיכער הונגעריק. זאָל איך דיר ברענגען עפּעס צו עסן?

– פאַרשטייט זיך וואָס איך האָב אים געענטפערט...

## די אויספאָרשונגען אין די נאַכט-שעה׳ן

בכלל איז די גאַנצע אַרבעט פון די צוויי-פיסיקע חיות, די חיות בצורת אדם, פאָרגעקומען ביינאַכט, ווי עס שטייט אין פסוק בנוגע צו די פיר-פיסיקע חיות: ״תשת חושך ויהי לילה בו תרמוש כל חיתו יער״. דערפאַר טאַקע פלעגן די אַרעסטאַנטן גערופן ווערן פאַר אויספאָרשונגען מערסטנס אין די נאַכט-שעה׳ן.

אַזוי איז דער סדר אין טורמע, אַז 6 אַזייגער אינדערפרי קלאַפּט דער סאָלדאַט, דער שומר, אין די טירן פון די אַרעסטאַנטן-קאַמערן. די אַרעסטאַנטן דאַרפן באַלד אויפשטיין און פאַרבעטן זייערע בעטן. שלאָפן בייטאָג איז געווען פאַרבאָטן.

אין דער תקופה ווען איך בין געווען אַרעסטירט איז דער מצב געווען אַזאַ, אַז די אויספאָרשער האָבן נישט געטאָרט שלאָגן די אַרעסטאַנטן בעת די אויספאָרשונגען. זיי האָבן אָבער געמעגט זיי מאַטערן דורך שטערן זייער שלאָף.

דאָס נישט לאָזן דעם אַרעסטאַנט זיך אויסרוען, איז געווען נאָך ערגער ווי הונגער. בעת אַ מענטש שלאָפט נישט, פאַלט ער פון די פיס. ער פאַרלירט זיינע געדאַנקען, און ער רעדט און רעדט און ווייס נישט וואָס ער רעדט. דער אַרעסטאַנט ליידט דערפון ביטערע יסורים. וואָרום עס קומט אים אָן זייער שווער צו האַלטן קאָפּ ביי די אויספאָרשונגען.

און טאַקע דאָס איז געווען די סיבה דערפון וואָס די רוצח׳ישע טורמע-בעאַמטע פלעגן דורכצופירן די אויספאָרשונגען פון זייערע קרבנות אין מיטן דער נאַכט, כדי נישט צו דערלויבן דעם אַרעסטאַנט צו שלאָפן אַ לאַנגע צייט, און אַזוי אַרום אים צעברעכן, ער זאָל זיך

מודה-זיין אויף זיינע זינד (אמת'ע זינד, אָדער אפילו "עבירות" וועלכע ער איז באמת קיינמאָל נישט באַגאַנגען).

## עס ענדיקט זיך מיין ערשטע "גיהנום"-נאַכט

נאָכדעם ווי ס'האָט זיך פאַרענדיקט מיין גיהנום-נאַכט, זאָגט מיר מיין אויספאָרשער: נו, איך לאָז דיר איצט אָפּ. מ'וועט דיר באַלד אָפּפירן צוריק אין טורמע. באַטראַכט זיך גוט. די אַלע ענטפערס וואָס דו האָסט געגעבן זענען פאַלש.

ער ווייזט-אָן מיט דער האַנט אויפן טיש און זעצט-פאָר: אָט זעסטו עטליכע ביכער. אין די דאָזיקע ביכער איז אַלץ פאַשריבן. אין די ביכער זענען פאַרשריבן אַלע מעשים פון דיר מיט דיינע חברים במשך פון אַסאַך יאָרן. דאָ איז פאַרשריבן וואו דו ביסט געווען יעדן אָוונט; ווער איז געווען ביי דיר אין שטוב, און וואָס דו האָסט מיט זיי געלערנט, און — — **אַלע דיינע בריוו וואָס דו האָסט געשריבן צו שניאורסאָהן'ען**!

– אכן נודע הדבר: דער עיקר "חטא" מיינער איז – מיין קשר מיטן רבי'ן!

און אין אַזאַ מצב, הונגעריק און צעבראָכן פון דער אויספאָרשונג פון דעם רוצח, האָט מען מיך צוריק אָפּגעפירט צו דער טורמע. דאָס איז געווען דעם ערשטן טאָג פסח אין דער פרי.

נו, דער אויספאָרשער האָט דאָך מיר געזאָגט, אַז איך זאָל זיך גוט באַטראַכטן. ובכן האָב איך טאַקע גענומען טראַכטן און איינגעזען, וואָס פאַראַ שוטים מיר זענען געווען, מיינענדיק, אַז אַלץ וואָס מיר טוען בלייבט בסודי-סודות! ווי צום ביישפיל די מעמד-געלט וועלכע מ'פלעגט איבערגעבן ר' יחיאל מיכל ראַפּאָפּאָרט[37] אָפּצופירן קיין מאָסקווע; דאָס צוריקברענגען דורך אים פון דאָרט בריוו און שיחות פון דעם רבי'ן, און דאָס גלייכן.

קוקנדיק אויף די ביכער וואָס זענען געלעגן ביים רוצח אויפן טיש אויף וועלכע ער האָט אָנגעוויזן – האָב איך פאַרשטאַנען, אַז דאָס זענען נישט קיין באָבע-מעשיות; אַלץ וואָס עס שטייט אין די דאָזיקע ביכער איז אמת. דער מסור ימ"ש האָט זיי אַלעס איבערגעגעבן!

37) מער וועגן ר' יחיאל מיכל ראַפּאָפּאָרט, זעט אויבן הערה 30.

**איך פּראַווע דעם "סדר" מיט פיל "מרור", אָבער אָן מצה! איך דערהאַלט זיך ביים לעבן גאַנץ פּסח בלויז אויף צוקער**

ס'איז דאָך אָבער פאָרט יום-טוב, און מ'דאַרף דאָך מקיים זיין די מצוה פון "ושמחת בחגך".

נו, אויף צו מאַכן "קידוש במקום סעודה" האָב איך דאָך געהאַט אַ סך צוקער. אַ האַלבן "סדר" האָב איך שוין "געפּראַוועט" ביינאַכט, ביי דעם אויספאָרשער – איך האָב ביי אים מקיים געווען "בהידור" דעם "**ומרורים יאכלוהו**"! קיין מצות ("על מצות") האָב איך טאַקע נישט געהאַט, אָבער "מרור" האָב איך ב"ה געהאַט איבערגענוג!

אַזוי איז דורכגעגאַנגען עטלעכע טעג פון פּסח אויף בלויז צוקער (אָן טיי און אָן אַ טרונק). פון דעם צוקער איז מיר געוואָרן גאַנץ ביטער אין מויל. די ערשטע 6 טעג פון יום-טוב בין איך נאָך געגאַנגען מיט די אייגענע כוחות פאַר מיינע צרכים, אָבער די לעצטע צוויי טעג האָט מען מיך געדאַרפט אונטערהאַלטן. עס איז מיר געווען שווער צו גיין אַליין.

אָבער נאָך אַלעמען איז דער יום-טוב מיר געווען אַ פריילעכער, ווייל במשך פון די אַלע איבעריקע טעג פון פּסח בין איך נישט גערופן געוואָרן צום אויספאָרשער. און גלייך נאָך פּסח האָב איך גענומען צוריקקומען צוביסלעך צו זיך.

– פרק יח –

## די לאַנגע אויספאָרשונגען

### איך ווער ווידער גערופן צו אויספאָרשונגען

עס זענען דורכגעגאַנגען עטלעכע טעג נאָך פּסח, און מ'רופט מיך ווידער צום אויספאָרשער. עס איז מיר געוואָרן שווער אויפן האַרצן. גוואַלד! רבונו-של-עולם, וואָס טוט מען?! ווי אַזוי דאַרף מען זיך האַלטן? זאָל איך אָפּלייקענען אַלץ וואָס דער אויספאָרשער וועט פאָרלייענען פון זיינע ביכער, אָדער מודה זיין זיך?

מודה זיין זיך אויף אַלץ, האָב איך מורא געהאַט, וואָרום איך קען דורך דעם אַריינשלעפּן אומשולדיקע מענטשן וועלכע זענען נאָך (דערווייל...) נישט אַרעסטירט. וואָרום ווי אויבנדערמאָנט, בין איך געווען אינגאַנצן איזאָלירט פון דער דרויסנדיקער וועלט, און איך האָב גאָרנישט געוואוסט וואָס ס'טוט זיך אין דרויסן; צי מ'האָט בלויז מיר

אַרעסטירט, אָדער מ׳האָט אויסער מיר אַרעסטירט אויך אַנדערע פון אונזער חברה.

לאידך, וואָס וועט מיר העלפן אַז איך וועל אַלץ אָפּלייקענען? – זיי וועלן מיר דאָך מאַטערן און מאַטערן, און סוף-כל-סוף וועל איך זיך מוזן מודה-זיין. ס׳איז דאָך אַלץ פאַרשריבן אין זייערע ״ביכער״; ״וכל מעשיך בספר נכתבים״...

– דאָס אַלץ זענען געווען מיינע מחשבות אויפן וועג צום אויספאָרשער; אויפן וועג צום ״גיהנום״. אָבער וואָס קען איך זיך שוין באַטראַכטן מיט מיין קאָפּ אין מיין איצטיקן צושטאַנד, זייענדיק אַזוי הונגעריק און אָפּגעשוואַכט.

## ביים אויספאָרשער

מען פירט מיך אַריין צום אויספאָרשער.

– זעץ זיך אַוועק, זאָגט ער צו מיר, אָנווייזנדיק מיר, אַז איך זאָל זיך זעצן אַנטקעגנאיבער אים, אָבער – פון דערווייטנס (נו, דעם ״מנהג״ האָב איך שוין געוואוסט פון פריער...).

– נו, – זאָגט ער – ווי פילסטו זיך אין חדר?

– זייער גוט, – ענטפער איך.

– נו, – זאָגט ער צו מיר ווייטער– האָסט זיך גוט באַטראַכט אַלץ וואָס מיר האָבן גערעדט?

– איך האָב נישט וואָס צו באַרטאַכטן זיך – ענטפער איך אים. – איך ווייס וואו איך בין. איך האָב נישט קיין טעות.

– נו, הויב אָן צו דערציילן.

– איך ווייס נישט וואָס צו דערציילן.

– וואָס הייסט דו ווייסט נישט וואָס צו דערציילן?! אָט ליגן דאָך פאַר מיר עטלעכע ביכער, וואו עס איז פאַרשריבן דיין גאַנצער סדר-החיים, פון קליינווייז אָן. דו ביסט איינער פון די גרעסטע חסידים פון שניאורסאָהן אין קיעוו – און דאָ מאַכסטו זיך פאַר אַן אומשולדיקע שעפעלע. וואָס איז דאָ, אַ קינדער-שפּיל?!

ער זעצט פאָר ווייטער:

**די לאַנגע אויספאָרשונגען**

– דיינע חברים פלעגן זיך צונויפזאַמלען ביי דיר אין שטוב?

ענטפער איך: יע.

– און וואס האָסטו מיט זיי געלערנט?

טייטש איך אים אפ אויף רוסיש דעם ״שור שנגח את הפרה ונמצא עוברה בצידה״.

דאָס אָבער האָט זיי ניט אינטערעסירט; און ער זאָגט ווייטער:

– האָסט דאָך אָבער פאַר זיי פאָרגעלערנט אויך וואָס שניאורסאָהן שרייבט, אַז מען זאָל נישט אַרבעטן אום שבת; מען זאָל גרינדן חדרים (אין וועלכע מען פאר׳סס׳ט די מוחות פון קליינע אידישע קינדערלעך...); מען זאָל בויען מקוואות; מען זאָל נישט דינען אין דער אַרמיי און דאָס גלייכן!

דער אויספאָרשער רעדט, אָבער ס׳ווערט מיר שווער אויפן האַרצן. איך זע, אַז די גאַנצע זאַך ביי זיי איז ״שניאורסאָהן״, און דאָס – פאַרשטייט זיך – קען איך נישט אָפּלייקענען. זיי האָבן דאָך בעת זייער אונטערזוכונג אין מיין הויז געפונען דעם גאַנצן אוצר החסידות: מאמרים, שיחות, המשכים (רנ״ט, ס״ו און עת״ר) און נאָך און נאָך. דער מסור ימ״ש האָט אָנגעוויזן וואו ס׳ליגט.

איך פרעג ביים אויספאָרשער: איז עס טאַקע אַזאַ גרויסער פאַרברעכן? ענטפערט ער מיר: ווי אַנדערש?! מיר בויען סאָציאַליזם און קאָמוניזם, און דאָ געפינט זיך אַ גרופּע יונגוואַרג וועלכע גייט אַנטקעגן דער מלוכה!

### דער אויספאָרשער בעט מיר פאָרלייענען פון דעם מאמר ״תשורי מראש אמנה״...

עס איז פאַראַן אַ י״ב תמוז׳דיקער מאמר פון רבי׳ן מיטן דיבור-המתחיל ״**תשורי מראש אמנה**״[38]. דאָס איז אַ מורא׳דיקער מאמר. אין דעם דאָזיקן מאמר רעדט דער רבי וועגן דער שווערער עבודה פון אידן אין זמן הגלות. ער דריקט זיך דאָרטן אויס, אַז ״**זמן הגלות הוא זמן**

---

38) דער מאמר איז פאַרעפנטליכט געוואָרן אין **קונטרס חג הגאולה יב-יג תמוז, תרפ״ט**. יאָרן שפּעטער איז דער מאמר איבערגעדרוקט געוואָרן אין ״**ספר המאמרים – קונטרסים**״, ח״א ע׳ 100 און ווייטער.

**די לאַנגע אויספאָרשונגען**

**החושך והאפלה, אַ טיפע געדיכטע פינסטערניש**"[39] וכו' וכו'.

דער אויספאָרשער נעמט אַרויס דעם דאָזיקן מאמר, און זאָגט מיר, איך זאָל פאַר אים פאָרלייענען וואָס עס שטייט דאָרט[40]. איך

39) דאָרט אָנפאַנג עמוד 106.

40) אויף צו פאַרשטיין פאַרוואָס דער דאָזיקער מאמר האָט אַזוי געעגבערט די רשעים, איז כדאי צו ציטירן עטליכע אויסצוגן פון דעם מאמר. וזה לשונו הקדוש:

"בזמן הגלות הוא זמן החושך . . אַ זמן פון העלמות והסתרים . . אויף יעדער גוטע זאַך, וואָס מ'וויל טאָן, איז פאַראַן אַ ריבוי מניעות ועיכובים . . ובפרט בגלות המר שרבו ר"ל מחללי ומחרפי ומגדפי שם שמים, וכל מי שעוסק בתורה ועבודה רודפים אותו בכל מיני רדיפות ומבזים אותו בכל מיני בזיון ודוחקים ולוחצים אותו . . כללות ענין הגלות הוא לטובת ישראל . . דהגם שזהו עבודה קשה ביותר, עס איז ביטער שווער, אָבער דערפאַר . . אַז מ'איז זיך מתגבר אויף אַלע מניעות ועיכובים . . אַז מ'שטייט ביי אַלע ביטערע נסיונות, יעמולט מאַכט מען אַ גרויסן נחת רוח למעלה . . וואָרום אין זמן הגלות, אַז מ'איז ר"ל אַזוי פאַראיינגט, אַזוי צובראָכן, אַזוי צופייניגט . . און דאָך לערנט מען תורה און מ'איז מקיים מצוות, און מ'איז זיך מתנהג בהנהגת טובות באהבת רעים, ואיש את רעהו יחזק בדברי אהבה וחיבה, איז דאָס אַ קרבן, דורך דעם ווערט אַ אדם מקורב צו אלקות . . בזמן הגלות . . בארץ ציי' שהיא בלי מים, שם הוא הצמאון ביותר. ובפרט באלו שמונעים ומעכבים אותם מלימוד התורה וקיום המצוות, ודוחקים ולוחצים אותם, הנה אז הכוסף לתומ"צ הוא ביתר שאת וביתר עז, עד שבאים לכלל מסירת נפש על לימוד התורה וקיום המצוות, כאשר הי' בדורות הקודמים בזמן הגזירות ר"ל שלא ללמוד תורה ושלא לקיים את המצוות, שמסרו נפשם ע"ז בפועל ממש . . בזמן הגלות העבודה היא בקבלת עול ובמסירת נפש. איז דער מס"נ וואָס אַ איד האָט בזמן הגלות אויף לערנען תורה וקיום המצוות, ובפרט בזמן הגזירה שמענישים ע"ז, והוא מוסר נפשו ע"ז, הנה ע"י מס"נ זה ממשיכים אורות גדולים ועצומים הרבה יותר מכמו זמן הבית. וכידוע בפירוש הכתוב והאיש משה ענו מאד מכל האדם אשר ע"פ האדמה . . ראה משה אַז אין סוף כל הדורות בעקבות משיחא וועט זיין אַ דור יתום כזה . . און עס וועט זיין אַזויפיל מניעות ועיכובים, און רעב ודאגה ר"ל, און מ'וועט רודף זיין די וואָס לערנען און זיינען מקיים מצוות ד' . . איז פון דעם משה רבינו שטאַרק נתפעל געוואָרן, אַז פראָסטע אידן וואָס זייער השגה אין אלקות איז זייער אַ קליינע, און זיינען אין זמן הגלות, וואָס דאָס איז זמן החושך ואפלה בכלל, ובפרט שיהיו דחוקים ולחוצים ומעונים בעינויים קשים ומרים ביסורי הנפש ויסורי הגוף, השם ירחם, ובכ"ז יהיו בתוקף האמונה ובטחון בהוי' ולא יתפעלו משום מונע ומעכב וילמדו תורה ויקיימו את המצות ויעבדו את הוי' בתפלה ובהנהגות טובות, איז משה רבינו ביי זיך אַראָפּגעפאַלן . . מיר זעען בהרבה דורות בעת הגזירות ר"ל שלא ללמוד תורה ושלא לקיים את המצוות, איז יעמולט דוקא נתעורר געוואָרן די נקודת היהדות ואנשים פשוטים עמדו על נפשם לעמוד בתוקף גדול ושלא להתפעל משום מונע ומעכב . . בכל עת ובכל זמן, אַז ר"ל עס ווערט אַ גזירה אויף אידן, און מ'איז זיי מונע ומעכב פון לערנען תורה ולקיים את המצוות, הנה זה גופא מעורר את נקודת היהדות שהוא התוקף שבנשמה לעמוד חזק בשמירת התומ"צ. ואדרבא אז נעשה התעוררות בחיזוק היהדות ומצליחים בזה הצלחה גדולה וכו' וכו'".

**די לאַנגע אויספאָרשונגען**

באַמערק, אַז דער מאמר וואָס דער אויספאָרשער האַלט איז זייער אַ דיקער. – מן הסתם האָט מען עס פאַר אים איבערגעזעצט אויף רוסיש.

איך האָב זיך אָפּגעזאָגט פון פאָרלייענען דעם מאמר, מיט דער טענה, אַז ״מיין קאָפּ איז נישט דערביי״. פאַרשטייט זיך, אַז דער אויספאָרשער איז געוואָרן מלא רציחה.

נאָךדעם זאָגט דער אויספאָרשער צו מיר: דערצייל ווער דו קענסט; רוף-אָן זייערע נעמען!

איך האָב גלייך פאַרשטאַנען, אַז די כוונה פון דעם רוצח איז: אפשר וועל איך אָנרופן נעמען פון אַזעלכע חברים מיינע וועגן וועלכע זיי ווייסן נאָך נישט. דעריבער טאַקע האָב איך אים אָנגערופן נעמען פון עלטערע אידן פון שול, אַזעלכע וואָס עס איז ביי מיר קיין ספק נישט געווען, אַז זיי זענען פאַר זיי באַקאַנט.

איך זע, אַז דער אויספאָרשער איז נישט שטאַרק צופרידן פון די נעמען וועלכע איך האָב פאַר אים אָנגערופן. ער רופט זיך אָפּ: נו, ווער נאָך קענסטו? – איך פאַרשטיי זייער גוט, אַז ער וויל פון מיר הערן נעמען פון יונגע חברה. איך ענטפער אים: קען איך דען געדענקען אַלע מענטשן פון שול?!

### דער אויספאָרשער פרובירט מיר ״מזכיר נשמות״ זיין...

דער אויספאָרשער זאָגט צו מיר:

– איך זע, – זאָגט ער צו מיר – אַז דער זכרון איז ביי דיר מיט אַמאָל שוואַך געוואָרן, וועל איך דיר העלפן אָפּצופרישן דיין זכרון. און ער פאַנגט אָן אויסצורעכענען פאַר מיר אַ צאָל אַנדערע חב״ד-חסידים.

– **אריה ליב קאַפּלאַן** קענסטו?

– יאָ!

– פון וואַנען קענסטו אים?

– פון שול.

– בלויז פון שול קענסטו אים?!

– יאָ.

– האָסטו צוזאַמען מיט אים געקליבן געלט אויפצוהאַלטן די

אונטערגרונט חדרים און ישיבות?

– וואָס געלט, ווען געלט?! – ענטפער איך אים, און דאָ שוין מיט אַ התפעלות. – איך ווייס נישט פון קיין שום געלט!

– אָבער קאַפּלאַן אַליין האָט יאָ געקליבן געלט?

– איך ווייס נישט; איך האָב נישט געזעען.

– נו גוט, – זאָגט ער – מיר וועלן נאָך וועגן דעם שמועסן. און ער זעצט פאָר:

– וואָס פאַראַ יום-טוב איז דאָס י״ב תמוז? י״ט כסלו? איך דערצייל אים די סיבות פון די אויבנדערמאָנטע ימים-טובים.

דער אויספאָרשער פרעגט ווייטער:

– **בן-ציון גייסינסקי**[41] קענסטו?

– יאָ, – ענטפער איך. – מיין ברודער האָט חתונה געהאַט פאַר זיינע אַ פלימעניצע.

– און **דוד גייסינסקי** קענסטו?

– יאָ. מיין ברודער האָט חתונה געהאַט פאַר זיין שוועסטער.

– **בנימין ליפּמאַן**[42] קענסטו?

– יאָ. מיר דאַווענען אין דער זעלבער שול.

– בלויז פון דאַווענען מיט אים אין דער זעלבער שול קענסטו אים? – פרעגט ער, – און ער דערמאָנט נאָך עטלעכע נעמען: בנימין ליפּמאַנ׳ס שוועער, און **ר׳ משה קוליקאָוו**.

איך האַלט זיך פעסט ביי מיין ענטפער: איך קען זיי בלויז פון שול, ביים דאַווענען!

[שפּעטער האָב איך זיך דערוואוסט, אַז די אַלע נעמען וואָס דער אויספאָרשער האָט דערמאָנט, זענען אַלע אַרעסטירט געוואָרן אין דער זעלבער נאַכט ווען מען האָט מיך אַרעסטירט].

---

41) ביי וועמען איך האָב איינגעאָרדנט אַ י״ט כסלו פאַרברענגען אין קיעוו, ווי שוין דערציילט פריער (פרק יב).

42) וועלכער איז געווען אונזער משפּיע, ווי שוין דערציילט פריער (פרק ו).

**די לאַנגע אויספאָרשונגען**

דאָ איז דער אויספאָרשער געוואָרן מלא רציחה און גענומען שרייען:

– וואָס דעציילסטו מיר מעשיות, אַז דו קענסט די דאָזיקע נעמען בלויז פון שול; פון דעם דאַוונען! דערצייל פון אייערע מעשים אויסער פון דעם דאַוונען! די צייט גייט, און מ׳זעט נישט קיין אַרבעט!

– וואָס פאַראַ "אַרבעט" ווילט איר פון מיר?

– מיר ווילן דו זאָלסט אונז דערציילן אַלע אייערע ענינים. און אויב דו אַליין וועסט אונז נישט דערציילן – וועלן מיר דיר דערציילן! אַלע "גיבורים" וואָס קומען אַהער רעדן שוין... דאָ איז שווער זיך אויסצודרייען...

**דער אויספאָרשער סטראַשעט מיט ברענגען אַהער מיין כלה...**

ווי איך האָב שוין פריער דערמאָנט, זענען זיי נישט קען מענטשן, נאָר חיות-טרף, טורפי אנוש אָן קיין שום מענטשליך געפיל.

בתוך הדברים גיט ער מיר אַ זאָג: מיר וועלן אַהער ברענגען דיין כלה, און זי וועט אַלץ דערציילן וועגן דיינע מעשים. איך ענטפער אים: טוט וואָס איר ווילט. אָבער ברוך השם זיי האָבן איר נישט געבראַכט.

אַזוי ווי איך זיץ ביים אויספאָרשער, קומט אַריין אַן אַנדער מלאך חבלה. איך דערקען, אַז ער איז אַ איד. ער גייט-צו און זאָגט מיר: נו, וואָס? דער פאָטער דיינער האָט דיך געוואָלט מאַכן פאַר אַ זיידענעם יונגערמאַן, אַה?!

נישט באַקומענדיק קיין שום רעאַקציע פון מיר, ווענדעט ער זיך צו מיין אויספאָרשער, פרעגנדיק אים: נו, וואָס דערציילט ער? דער אויספאָרשער ענטפערט אים: ער דערציילט גאָרנישט! זאָגט ער צו אים: האַק אים אַריין עטליכע גוטע פעטש, וועט ער עפענען דאָס מויל! און ער איז אַרויסגעגאַנגען פון צימער.

בהמשך פון די חקירות נעמט דער אויספאָרשער אַרויס אַ פּאַפּיר, און זאָגט מיר:

– דוד גייסינסקי איז אויך אַרעסטירט! און אָט איז וואָס ער שרייבט וועגן דיר: "איך בין איינמאָל אַריין צו מאָטלען אין שטוב. עס זענען דאָרט געזעסן עטליכע בחורים, און מאָטל האָט פאַר זיי פאָרגעלייענט עפּעס. איך [-דוד] האָב גאָרנישט פאַרשטאַנען".

נאָכן ענדיקן פאָרלייענען פאַר מיר וואָס דוד גייסינסקי שרייבט

ווען מיר (פאַרשטייט זיך, אַז דער אויספאָרשער האָט מיר נישט געלאָזט אַריינקוקן אַליין אין דעם פּאַפּיר), פרעגט ער ביי מיר:

– איז עס טאַקע אַזוי געווען?

– יאָ, – ענטפער איך. – עס איז אַזוי געווען. מען האָט געלייענט און געלערנט. נו, איז וואָס קומט פאַר דעם?!

– דאָס וועסטו שוין זען שפּעטער וואָס ס׳קומט פאַר דעם!

[דערווייל האָב איך געטראַכט: אפשר איז עס אמת, אַז מ׳האָט דוד׳ן אויך אַרעסטירט!].

*

די אַלע אויבנדערמאָנטע איינצלהייטן וועגן די אויספאָרשונגען, זענען, פאַרשטייט זיך, נישט אַלץ געווען אין איין נאַכט.

אַמאָל פלעגט טרעפן, אַז די רשעים פלעגן אַרויסרופן פאַר אַן אויספאָרשונג ביינאַכט, אויפהאַלטן דעם קרבן במשך פון דער גאַנצער נאַכט; אינדערפרי אים צוריקשיקן אין טורמע – און גלייך נאָכדעם אים ווייטער אַרויסרופן צו ווידער מאַטערן אים מיט פראַגן!

**מען פאָרשט מיר וועגן דעם משפּיע ר׳ בנימין ליפמאַן**

אין איינע פון די דאָזיקע אויספאָרשונגען, האָט דער רשע אויפגעעפנט אַ בוך, און אָנהגעהויבן צו פאָרלייענען: אין דעם און דעם טאָג, אין דער און דער שעה, איז צו דיר אַהיים געקומען דער און דער, און דו האָסט מיט זיי געלערנט. – איז עס אמת? – יאָ, איז געווען מיין ענטפער.

דערווייל האָט ער מיר מגלה געווען, אַז **בנימין ליפמאַן** (בנימין מינסקער) – אונזער משפּיע – איז אויך אַרעסטירט! און דאָ האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייע מאַטערניש מיט פראַגן וועגן בנימין׳ען.

איך האָב שוין געשריבן פריער (פרק ו) אַביסל וועגן בנימין ליפמאַן; וועגן זיינע פאַרברענגענישן, אַז זיי האָבן אַריינגעגעבן חיות און מוט אין די דאָזיקע פינסטערע יאָרן און וועגן זיינע עבודה-ניגונים ביי די חסידישע פאַרברענגענס וואָס האָבן זיך געצויגן ביז טיף נאָך חצות.

ביזן היינטיקן טאָג, אַז מ׳דערמאָנט זיך עפּעס פון בנימין׳ען, ווערט ליכטיק אין קאָפּ. אָבער... בנימין איז נישטאָ! ער האָט זיך קיינמאָל

נישט אומגעקערט אַהיים פון די רוצחי׳שע הענט, און איז נישט געקומען צו קבר ישראל[43]. מען טאָר נישט פרעגן קיין קשיות פאַרוואָס? ״איכה יועם הזהב״? עס איז אויף דעם פאַראַן בלויז איין ״תירוץ״: ״שתוק! כך עלה במחשבה״; ״גזירה היא מלפני״! השם ינקום דמו.

**דער אויספאָרשער פרעגט מיר: פאַרוואָס האָט בנימין ליפּמאַן געמוסר׳ט אַ בחור וואָס האָט געהאַט אַ טשופּ?**

ביי איינע פון די חסידישע פאַרברענגענס מיט ר׳ בנימין ליפּמאַן, האָט זיך אויך געפונען אַ בחור וואס איז אויסגעקוקט זייער שיין מיט שוואַרצע האָר און האָט געלאָזט וואַקסן אַ טשופּ! האָט זיך ר׳ בנימין ליפּמאַן ביי דער פאַרברענגען גענומען צו דער אַרבעט: היתכן – האָט ער געטענה׳ט צום בחור, אַ תמים מיט לאַנגע האָר?!

און טאַקע אין איינע פון מיינע אויספאָרשונגען – פרעגט מיר דער אויספאָרשער: פאַרוואָס איז עפּעס בנימין ליפּמאַן צוגעשטאַנען צו... (דערמאָנענדיק דעם בחור׳ס נאָמען) וועגן זיינע האָר? ער איז דאָך אַ שיינער בחור!

איך האָב דעם אויספאָרשער געענטפערט, אַז אַ טשופּטשיק, אַ בלורית, איז אַ חציצה פאַר תפילין. דער אויספאָרשער האָט טאַקע אָנגענומען מיין ענטפער.

[אגב, דאָס ווייזט אויף וויפל דער מסור ימ״ש האָט איבערגעגעבן דער נ.ק.וו.ד. אַלץ וואָס ער האָט געזעען. אפילו אַזאַ זאַך, ווי ר׳ בנימין ליפּמאַנ׳ס מוסר׳ן א בחור פאַר זיין טשופּ!].

דער אויספאָרשער האָט אָנגעפאַנגען צו פאָרלייענען אַלע פאַרברענגענישן וואָס זענען פאָרגעקומען ביי בנימין ליפּמאַן אין שטוב און אַלץ וואָס בנימין האָט פון אונז געמאָנט!

– זעסטו – זאָגט ער – מיר וויסן אַליין אַלץ וואָס ביי אייך איז פאָרגעקומען. נאָר מיר פאָדערן, אַז **דו אַליין** זאָלסטו אונז אַלץ דערציילן. דו וועסט פון אונז גאָרנישט קענען פאַרלייקענען!

איך ענטפער אים: אַז איר ווייסט אַלץ אַליין – טאָ וואָס דאַרפט איר, אַז איך זאָל אייך דערציילן?!

---

43) זיין ווייב און קינדער זיינען אומגעקומען ביי די דייטשן ימ״ש אין באַבי-יאַר, השם ינקום דמם.

– אַזוי איז דער סדר – ענטפערט ער מיר. – מען דאַרף אַז דער אַרעסטאַנט אַליין זאָל דערציילן.

### ר׳ ארי׳ ליב קאַפּלאַן ווערט אַריינגעבראַכט צו מיין אויספאָרשונג!

בעת איינע פון די אויספאָרשונגען מיינע, זאָגט צו מיר דער אויספאָרשער: מיר וועלן דאָ באַלד אַריינפירן אַ מענטש. דו זאָלסט אויף אים אַ קוק-טאָן, און גלייך דערנאָך אַראָפּנעמען דיינע אויגן פון אים. זאָלסט אויף אים בלויז אַ קוק-טאָן און מער נישט.

גלייך דערנאָך האָבן זיי אַריינגעפירט אין אויספאָרשונגס-צימער **ר׳ ארי׳ ליב קאַפּלאַן**, און עס האָט זיך אָנגעפאַנגען דער פאָלגענדער אויסטויש:

– גיב אויף אים אַ קוק – זאָגט צו מיר דער אויספאָרשער. – דו קענסט אים?

– יאָ!

– פון וואַנען קענסטו אים?

– ער קומט דאַווענען אין שול, זע איך אים דאָרט.

– ער זאָגט דאָך, אַז דו האָסט מיט אים געקליבן געלט פאַר די אונטערגרונט חדרים און ישיבות!

– איך גיב אַ געשריי: ס׳איז אַ ליגן! זאָל ער מיר זאָגן אין די אויגן, אַז איך האָב מיט אים געקליבן געלט!



ר׳ ארי׳ לייב קאפלאן הי״ד

– וואָס? – פרעגט דער אויספאָרשער – ער אַליין האָט געקליבן געלט, אָן דיר?!

– איך ווייס נישט. איך האָב נישט געזען.

דער אויספאָרשער גיט אַ מאַך מיט דער האַנט, מ׳זאָל לייבל קאַפּלאַן אַרויספירן פון צימער. נאָכדעם האָט שוין דער אויספאָרשער מיט מיר מערנישט גערעדט וועגן דעם. ער האָט איינגעזען, אַז ער דאַרף זיך – במחילה

**די לאַנגע אויספאָרשונגען**

מכבודכם – מקנה זיין. ס'האָט זיך אים נישט איינגעגעבן די פּראָוואָקאַציע.

## צו וואָס נוצן זייערע אויספאָרשונגען?

בכלל האָב איך איינגעזען, אַז דער גאַנצער ענין וואָס די רשעים זענען חוקר-ודורש דעם קרבן, און פאָדערן פון אים, אַז דוקא ער אַליין זאָל זיי אַלץ דערציילן – איז לגמרי אַן איבעריקע זאַך און זיי דאַרפן עס בכלל נישט האָבן. וואָרום נאָך איידער זיי אַרעסטירן אַ מענטשן, האָבן זיי שוין גרייט וועגן אים זיין גאַנצע לעבנס-געשיכטע, מיט אַלע זיינע "עבירות" וואָס ער איז באַגאַנגען.

און נאָכמער: די רשעים האָבן שוין פון פריער אויך באַשטימט דעם פּסק-דין זיינעם: וועמען זאָל מען, ר"ל, שיסן; וועמען זאָל מען פאַרשיקן אויף צוואַנגס-אַרבעט, און אויף וויפל יאָר און דאָס גלייכן.

ס'איז מערנישט וואָס די רשעים זענען פלוצלונג געוואָרן "לייטישע מענטשן", און זיי דאַרפן באַווייזן די דרויסנדיקע וועלט, אַז זיי אַרעסטירן נישט גלאַט אַזוי מענטשן, דעריבער ווילן זיי, אַז דער קרבן זאָל זיך אַליין מודה-זיין אויף זיינע "חטאים עוונות ופשעים". אָבער לפועל, צי דער קרבן איז זיך מודה צי נישט – דער פּסק-דין איז שוין גרייט פון לאַנג!



ר' אלחנן (חאָניע) מאַראָזאָוו הי"ד

בכלל זייערע רציחות האָט זיי פאַרבלענדעט די אויגן. וואָס וועלן זיי וויזן פאַר דער וועלט: פאַר וועלכע "עבירות" האָט מען אַרעסטירט אומשולדיקע מענטשן און זיי פאַרשיקט הינטער די הרי חושך?! שומו שמים! ימח שמים וזכרם!

וואו איז ר' אלחנן (חאָניע) מאַראָזאָוו[44]? וואו איז ר' יעקב זכרי' מאַסקאַליק (יאַנקעלע זשוראַוויצער)[45]? און נאָך און נאָך. וואו זענען זייערע הייליקע גופות, וועלכע זענען נישט

44) הרה"ח ר' אלחנן דובער מאַראָזאָוו, פון די סעקרעטאַרן פון רבי'ן, איז אַרעסטירט געוואָרן אין חודש אדר תרפ"ז, און איז פאַרשיקט געוואָרן קיין סיביר אויף דריי יאָר. אין יאָר תרח"צ איז ער ווידער אַרעסטירט געוואָרן, און עס איז אומבאַקאַנט וואו ער איז אַהינגעקומען. הי"ד.

45) וועגן זיין אַרעסט – זעט "**תולדות חב"ד ברוסיא הסובייטית**" פרק מ"ה (זייט ריא-ריב).

**די לאַנגע אויספאָרשונגען**

געקומען צו קבר ישראל! – איז עס דען מעגליך אויסצורעכענען אַלע קרבנות וואָס זיי האָבן דערשאָסן צום טויט, אָדער פאַרשיקט און פאַרפייניקט צום טויט?!

דער צוגאַנג און די טאַקטיק פון די רוצחים איז געווען, אַז בשעת אימיצער איז זיי "געשטאַנען אין וועג" – האָבן זיי אים אָפּגעראַמט און "צוגענומען". אַי מ'קען דאָך נישט אַרעסטירן סתם אַזוי אַן אומשולדיקן מענטש; מ'דאַרף דאָך עפּעס געפינען אויף אים אַ חטא, אַ שולד; פאַרוואָס א.אַ.וו. – דאָס אַלץ מאַכט נישט אויס. נישט דאָס איז דער עיקר. דער עיקר איז, פּטור צו ווערן פון יענעם מענטש. אַ שולד וועט מען שוין שפּעטער צוטראַכטן! דאָס איז שוין פון די גרינגע זאַכן. דער עיקר איז – אַריינצוכאַפּן דעם מענטשן אין זייערע לאַפּעס.

## מען פאָרשט מיר וועגן אַ באַמערקונג וואָס איך האָב געמאַכט בעת דעם אַרעסט פון הרב מאָרגנשטערן

איך האָב שוין פריער (סוף פרק ז) דערציילט, אַז אין קיעוו איז געווען אַ מתנגדי'שע ישיבה, וועמענס ראש-ישיבה עס איז געווען **הרב מאָרגנשטערן**. אַרום תרצ"ז-תרח"צ איז ער אַרעסטירט געוואָרן. בעת איך האָב דערהערט, אַז מ'האָט אים אַרעסטירט, האָב איך אַ זאָג-געטאָן: "אַה! אויך אים האָט מען שוין גענומען, אַזוי ווי מ'אַרעסטירט אַלע עבדי ה'!".

דערביי איז געשטאַנען דער מסור ד. און ווי עס ווייזט-אויס, האָט ער גלייך איבערגעגעבן מיין באַמערקונג צו די געהעריקע אינסטאַנצן. – דער מסור דאַרף דאָך "זיי" באַווייזן, אַז ער טוט זיין אַרבעט "אָרענטליך"!

ובכן, בעת מיין אויספאָרשונג האָט מיר דער אויספאָרשער דערמאָנט מיין אויבנדערמאָנטע באַמערקונג, און ער זאָגט צו מיר:

– הלמאי האָסטו געזאָגט אַזאַ פאַלשע זאַך, אַז מיר אַרעסטירן אַלע עבדי ה'?! אַ מענטש וועלכער איז אַן עובד ה' – אַזאַ מענטשן אַרעסטירן מיר נישט! אַז אַ מענטש דאַווענט טאָג און נאַכט – וועמען אַרט דאָס? זאָל ער דאַווענען. מיר אַרעסטירן מענטשן בלויז פאַר עבירות וואָס זיי טוען קעגן דער מלוכה. אַזאַ איינער דאַרף באַקומען אַ שטראָף!

עס איז כדאי דאָ צו באַמערקן, אַז הרב מאָרגנשטערן האָט נישט געלערנט מיט זיינע תלמידים חסידות חב"ד; ער האָט מיט זיי געלערנט

בלויז "שור שנגח את הפרה". נו, ווי עס ווייזט-אויס, איז אויך דאָס אַ מורא'דיקער פאַרברעכן! (און אפשר האָט מען אים אַרעסטירט טאַקע דערפאַר וואָס ער האָט נישט געלערנט מיט זיינע תלמידים קיין חסידות...).

**מען פאָרשט מיר וועגן אַ בילד וואָס איך האָב געשיקט צום רבי'ן**

לערך אין די יאָרן תרצ"ו-תרצ"ז[46], ווען דער רבי האָט געוואוינט אין אַטוואָצק, פוילן, איז אָנגעקומען אַ בריוו פון רבי'ן. ס'איז געווען פאַר ראש-השנה. אין דעם בריוו שרייבט דער רבי, אַז היות אנ"ש אין רוסלאַנד קענען נישט זיין אויף ר"הביים רבי'ן, זאָל יעדערער צושיקן זיין בילד, מיט זיין נאָמען און זיין מוטער'ס נאָמען.

מיר האָבן דאַן געמאַכט בילדער, וועלכע מיר האָבן איבערגעגעבן צו **יחיאל מיכל ראַפּאָפּאָרט**, וועלכער האָט זיי אַוועקגעפירט קיין מאָסקווע, און פון דאָרטן זענען זיי איבערגעשיקט געוואָרן צום רבי'ן.

---

46) אין אַ בריוו (געדרוקט אין "אגרות-קודש" פון רבי'ן מוהריי"צ נ"ע ח"ב זייט תקלא) שרייבט דער רבי: "תשוקתי לידע משלום כאו"א וב"ב שי' בפרט, ובקראי שמותיהם למשפחותיהם הוא לי לעונג גדול לראות פניהם וב"ב. גם בתמונות יהי' לי לשמחה, כי האהבה רבה לא תשבע. והשי"ת יזכנו כי יקים דבר הברכה להתראות בשובע שמחות".

[דער אַרויסגעבער באַמערקט דאָרט (אין די הערות), אַז ווי עס ווייזט-אויס, איז דער דאָזיקער בריוו געשריבן געוואָרן אין זומער תרצ"ג, און אַז לערך דעמאָלט איז צום ערשט געקומען די אָנווייזונג פון רבי'ן צו שיקן אים בילדער].

ענליך צו דעם שרייבט אויך דער רבי אין אַ בריוו (צו אנ"ש אין רוסלאַנד) פון יאָר תרצ"ה (געדרוקט אין "אגרות-קודש" ח"ג זייט תלו): "נהניתי לשמוע משלומם בכלל ובפרט, וראיית התמונה. ויקיים השי"ת את דבר הברכה להתראות בשובע שמחות בגו"ר".

און אין אַ בריוו פון אייר תרצ"ד צו ר' יעקב זכרי' מאַסקאַליק (געדרוקט אין "אגרות-קודש" חי"א (מילואים) ע' רלו) שרייבט דער רבי: "בחפצו הי' לראות תמונותיהם לכה"פ, עד אשר יעזור השי"ת להתראות פנים אל פנים".

אַזוי אויך צייכנט-צו דער רבי אין אַ בריוו (פון יאָר תרצ"ו) צו אנ"ש אין רוסלאַנד (געדרוקט אין "אגרות-קודש" דאָרט זייט רסב): "רח"ל [ר' חיים ליבערמאַן, דעם רבינ'ס סעקרעטאַר] שי' יכתוב לו ע"ד תמונות מכולם, דעל כל תמונה יהי' כתוב שמו".

אַזוי אויך שרייבט דער רבי אין אַ בריוו (פון יאָר תרצ"ו) צו אנ"ש אין רוסלאַנד (געדרוקט אין "אגרות-קודש" דאָרט זייט רצה): "חפץ הוא קרובם [דער רבי] האוהבם בגו"נ לראות תמונתם ותמונת ב"ב שי'".

**די לאַנגע אויספאָרשונגען**

אַ צייט נאָכדעם האָב איך טאַקע באַקומען אַן ענטפער פון רבי׳ן, אַז ער האָט דערהאַלטן דער בילד, און ער בענטשט מיך מיט אַ ברכת ״לשנה טובה״.

בעת מיין אויספאָרשונג, נעמט דער אויספאָרשער אַרויס מיין בילד, און פרעגט ביי מיר:

– דו דערקענסט דעם פערזאָן אויף דער בילד?

– יאָ. דאָס איז אַ בילד פון מיר, וואָס איך האָב געשיקט צום רבי׳ן.

– צוליב וואָס האָסטו געשיקט דאָס בילד?

איך דערצייל אים דעם אמת (ווי אויבנדערמאָנט). אָבער ער עקש׳נט זיך איין און טענה׳ט:

– ניין! דאָס איז צוליב שפּיאָנאַזש!

ער גיט אַ קלאַפּ אויפן טיש און גיט אַ געשריי:

– שניאורסאָנאָוויטש: מיר וועלן דיך אומברענגען! מיר וועלן דיך פאַרשיקן אין אַזאַ אָרט, וואו דו וועסט פאַר דיינע אויגן נישט זעען קיין לעבעדיקע פרוי[47]!

– איך בין אין אייערע הענט – ענטפער איך אים, – איר קענט מיט מיר טאָן וואָס איר ווילט. פאַר וועמען האָט איר מורא?!

*

במשך הזמן האָבן מיינע אויספאָרשער איינגעזעען, אַז דורך זייערע אויספאָרשונגען מיט די געשרייען און מיט די שלשלת׳דיקע ״מי-שברך׳ס״ וואָס זיי מאַכן, וועלן זיי פון מיר גאָרנישט אַרויסקוועטשן. זיי האָבן אויך פאַרשטאַנען, אַז צו ווערן ״זייערער״ אַ מענטש האַלט איך אויך נישט דערביי. דעריבער האָבן זיי געמאַכט אַ ״הפסקה״, און זיי האָבן אויפגעהערט מיך אַרויסצורופן צו אויספאָרשונגען.

47) בכלל, אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם אָנזאָג צו זיין אַן ״עוצם עיניו מראות גו״״ – איז דאָס גראַדע אַ גוטע זאַך נישט צו זעען פאַר די אויגן קיין פרוי!

– פרק יט –

# דער געוועזענער אידישער ״נ.ק.וו.ד.״-נאַטשאַלניק דערציילט

ווי שוין דערמאָנט פריער (פרק טז), איז מיין ״שכן״ אין טורמע געווען אַ קרעמענטשוגער איד מיטן נאָמען **אברהם נאַאָמאָוויטש**, אַ געוועזענער הויכער אָנגעשטעלטער פון דער ״נ.ק.וו.ד.״ אין אוקראַאינע. מיט דער צייט זענען מיר געוואָרן לייבלעכע גוטע פריינט.

און כאָטש אַז ער איז אַ געוועזענער נ.ק.וו.ד.'ניק און איך בין אַ ״שניאורסאָנאָוויטש״ – מאַכט דאָס כלל נישט אויס, וואָרום דאָ – אין טורמע – איז ״השוה ומשווה קטן וגדול״! די טעגליכע ברויט-פּאָרציע באַקומען מיר ביידע צוגלייך!

מיין נייער חבר האָט מיר דערציילט אַזעלכע מעשיות וועלכע פלעגן פּאָרקומען אין די ״מדורי גיהנום״ פון דער ״נ.ק.וו.ד.״ – אַז די האָר פון קאָפּ פלעגן זיך ביי מיר שטעלן! שומו שמים! דער מענטשליכער שכל קען נישט באַגריפן די רציחות פון די ״נ.ק.וו.ד.'יסטן״. דאָס זענען דאָך פשוט חיות בצורת אדם!

## דער דירעקטאָר פון דעם גרעסטן און שענסטן האָטעל אין קיעוו ווערט אַרעסטירט

מיין פריינט האָט מיך דערציילט די פאָלגענדע מעשה:

אין קיעוו איז געווען אַ גאָר גרויסער און שיינער האָטעל. דער נאָמען פון דעם האָטעל איז געווען ״**קאָנטינענטאַל**״. דער דאָזיקער האָטעל – דער גרעסטער און שענסטער האָטעל פון קיעוו – האָט געדינט בלויז פאַר טוריסטן.

ויהי היום – דערציילט מיין פריינט – עפנט זיך אויף די טיר פון אונזער טורמע-צימער, און עס ווערט דאָרט מיט כוח אַריינגעשטופּט דער דירעקטאָר פון דעם אויבנדערמאָנטן האָטעל! אַ שיינער, הויכער און אויסגעפּוצטער על צד היותר טוב (נו, ווען דען שטעלט מען פאַר אַ דירעקטאָר אין אַזאַ חשוב'ן האָטעל).

דער נייער גאַסט שטייט ביי דער טיר און שווייגט.

רופט זיך צו אים אָפּ איינער פון די אַלטע ״תושבים״, און פרעגט ביי אים: פאַרוואָס באַגריסטו זיך נישט?! ענטפערט אים דער נייער

גאַסט בזה הלשון: ״מיט שונאים פון פאָלק באַגריס איך זיך נישט״!

ווי עס ווייזט אויס, טראַכט ער ביי זיך, אַז ער איז דאָ געברענגט געוואָרן ״על-פי-טעות״.

די ״אַלטע תושבים״ ענטפערן אים: גאַנץ פיין; גוט, גוט! מיט דער צייט וועסטו שוין פאַרשטיין פאַרוואָס מען האָט דיך דאָ געברענגט.

אַ קורצע צייט שפּעטער איז ער אַרויסגערופן געוואָרן פון צימער צו אַן אויספאָרשונג. עס גייען דורך בלויז עטליכע שעה, און עס עפנט זיך ווידער די טיר פון אונזער צימער, און ער ווערט ווידער אַריינגעשטופּט אין צימער. אָבער איצט איז ער שוין אַ צעמזיקטער און אַ צעבלוטיקטער. זיין שיינע העמדל מיט זיין שיינעם הוט (שליאַפּע) זענען באַפלעקט מיט בלוט!

– אַהא! – זאָגט אים איינער פון די ״אַלטע תושבים״ – שלום עליכם ברודער! – איצט האָסטו שוין פאַרשטאַנען פאַרוואָס מען האָט דיך אַהער געברענגט?!

– יאָ, – ענטפערט ער. איצט, אַז מ׳האָט מיך גוט ״מכבד געווען״, פאַרשטיי איך שוין גאַנץ גוט וואָס דאָ טוט זיך.

אויף דער פראַגע, וואָס זיי האָבן פון אים געוואָלט, האָט ער דערציילט דאָס פאָלגענדע:

זיי האָבן פון מיר געפאָדערט, איך זאָל זיך אונטערשרייבן, אַז איך בין געוואָרן אַ דייטשער שפּיאָן.

– וואָס שפּיאָן, ווער שפּיאָן, – האָב איך צו זיי געטעהנ׳ט. – איך וועל זיך נישט אונטערשרייבן!

– אַהאַ! – זאָגן זיי אים – דאָ, ביי אונז ווילסטו אָפּלייקענען?! מיר ווייסן אַלץ וועגן דיר!

ובכן, וואָס טוט מען מיט אַזאַ פּרזאָן? מלקות! זיי האָבן אַריינגערופן אַ פּאָר העלדן, הויכע, געזונטע, און זיי אַ זאָג-געטאָן: שמייסט אים! און מלקות האָט ער שוין באַקומען ווי עס דאַרף צו זיין. – צי ער האָט בשעת-מעשה געזאָגט ״והוא רחום״... צי נישט; צי ער האָט געציילט עס זאָל זיין ״ארבעים יכנו ולא יוסיף״... צי נישט – דאָס ווייס איך נישט. אָבער מלקות האָט ער באַקומען!

אָט אַזוי האָט דער דירעקטאָר פון דעם קיעווער האָטעל דערציילט,

**דער געוועזענער אידישער "נ.ק.וו.ד."-נאַטשאַלניק דערציילט**

ווי ס'איז פאָרגעקומען זיין "קאָנצערט"...

קיין לאַנגע צייט האָבן זיי אים נישט געהאַלטן אין אונזער צימער. אַזעלכע מענטשן האַלטן זיי נישט צו לאַנג, וואָרום זיי ווייסן צופיל סודות (וועמען דען שטעלט מען אַלס דירעקטאָר פון אַזאַ גרויסן האָטעל?...). גאָר אינגיכן איז ער אַרויסגערופן געוואָרן פון דאָרט, און צוריק איז ער שוין נישט געקומען. ווי עס ווייזט-אויס, האָבן זיי אים "אַוועקגעלייגט" אויף אַ ווילע...

**אַן עלטערער גוי ווערט אַרעסטירט פאַרן קוקן אויפן "קרעמל"...**

מיטאמאל עפנט זיך די טיר פון דעם טורמע-צימער, און עס ווערט אַריינגעשיקט אַ נייער "גאַסט": אַן עלטערער גוי.

די אַלטע "תושבים" זענען צו אים גלייך צוגעגאַנגען מיט אַ ברייטן שלום-עליכם. נאָכדעם ווי ער איז געקומען צו זיך אַביסל, און האָט זיך באַטראַכט "וואו ער געפינט זיך", האָט ער זיך אַביסל באַרואיקט.

אויף אונזער פראַגע, מיט וואָס ער האָט זיך פאַרזינדיקט, האָט ער אונז דערציילט, אַז ער איז געשטאַנען און געקוקט אויפן "קרעמל". איז מען צו אים צוגעגאַנגען און געבעטן ער זאָל מיט זיי מיטגיין. נו, אַ ברירה האָט ער געהאַט? אַז מען "בעט", דאַרף מען גיין! און אַזוי איז ער געברענגט געוואָרן אַהער!

דער נייער "גאַסט" קוקט אויף מיר, און חידוש'ט זיך: ווי אַזוי קום איך אַהער? איך דערצייל אים די גאַנצע מעשה, מה פשעי ומה חטאתי.

**דער אַלטער גוי זאָגט, אַז איך דערמאָן אים די מעשה פון פפוס בן יהודה מיט רבי עקיבא...**

איך בין דעם אַלטן גוי זייער געפעלן געוואָרן. ספּעציעל איז אים זייער געפעלן געוואָרן מיין חינוך, מיין דערציאונג, אַז אין אַזאַ ביטערן און פינסטערן רעזשים זאָל אויסוואַקסן אַ יונגער בחור וואָס זאָל זיין אַ גלויביקער.

ער פרעגט ביי מיר: תלמוד האָסטו געלערנט?

איך ענטפער אים: יאָ.

פרעגט ער ביי מיר ווידער: די מעשה פון פפוס מיט רבי עקיבא[48]ווייסטו?

איך ענטפער אים ווידער: יאָ.

זאָגט ער מיר: די מעשה פּאַסט זיך צו גאָר גוט צו דיין געשיכטע!

איך האָב זייער הנאה-געהאַט דערפון וואָס כאָטש ער איז אַ גוי, דאָך פאַרשטייט ער וואָס ס'טוט זיך.

## דער טעגליכער שפּאַציר אין טורמע

דער סדר אין טורמע איז געווען, אַז איינמאָל אין טאָג פלעגט מען אַרויספירן די אַרעסטאַנטן פון זייערע קאַמערן אויף 10 מינוט, כדי צו כאַפּן אַ ביסל פרישע לופט.

פאַרשטייט זיך, אַז די דאָזיקע 10 מינוט וואָס מען האָט אַרויסגעלאָזן די אַרעסטאַנטן פון דעם ענגן קאַמער, איז ביי די אַרעסטאַנטן געווען זייער טייער, און מען האָט זיך אויף דעם קוים דערוואַרט. וואָרום אין יעדן קאַמער פון די אַרעסטאַנטן איז, ווי באַקאַנט, אויך געווען אַ ווינקל וואו יעדערער פלעגט מאַכן זיינע צרכים, און דעריבער איז דער ריח אין קאַמער געווען זייער אַ שווערער...

אויסערדעם איז אין קאַמער געווען אַ גרויסע היץ און אַ שווערע דערשטיקעניש, וואָרום די פענסטער אין דעם קאַמער זענען געווען פאַרבויט מיט אייזערנע גראַטעס ("רעשאָטקעס") און פאַרהאַנגען מיט בלעכענע פאַרהאַנגען, כדי אַז דער אַרעסטאַנט זאָל נישט קענען אַרויפקוקן צו אַ העכערן שטאָק און זען אַנדערע אַרעסטאַנטן. פאַרשטייט זיך, אַז בעת די זון פלעגט אָנהיצן די דאָזיקע בלעכענע פאָרהאַנגען, פלעגט אין קאַמער ווערן זייער הייס און דערשטיקענד.

דער סדר פון דעם טעגליכן שפּאַציר איז געווען, אַז מען פלעגט דאָרט פראַווען "הקפות": די אַרעסטאַנטן האָבן געדאַרפט אַרומגיין

48) געמיינט דעם סיפור (אין מסכת ברכות דף ס"א ע"ב און אין מדרש תנחומא פ' תבוא אות ב'), וז"ל: פעם אחת גזרה מלכות [יון] הרשעה שלא יעסקו ישראל בתורה. בא פפוס בן יהודה ומצאו לרבי עקיבא שהי' מקהיל קהילות ברבים ועוסק בתורה . . לא היו ימים מועטים עד שתפסוהו לר"ע וחבשוהו בבית האסורים, ותפסו לפפוס בן יהודה וחבשוהו אצלו. אמר לו פפוס מי הביאך לכאן, אמר לי', אשריך רבי עקיבא שנתספת על דברי תורה, אוי לו לפפוס שנתפס על דברים בטלים כו'.

אין אַ צירקל, איינער הינטער דעם אַנדערן. זיי האָבן נישט געטאָרט רעדן איינער מיטן צווייטן. בכלל איז געווען דער רעזשים אין טורמע, אַז אַן אַרעסטאַנט מעג זיין באַקאַנט מערנישט ווי מיט די אַרעסטאַנטן מיט וועלכע ער זיצט אין איין קאַמער. מער טאָר ער נישט וויסן.

בעת'ן שפּאַציר האָבן די אַרעסטאַנטן געדאַרפט האַלטן זייערע הענט פון הינטן, כדי איין אַרעסטאַנט זאָל נישט קענען איבערגעבן צום אַנדערן עפּעס אַ צעטעלע... אַלע שפּאַצירער האָבן געדאַרפט קוקן גראָד, אויף דער פּלייצע פון דעם וואָס איז געגאַנגען אין פאָרנט פון זיי, און זיי האָבן נישט געטאָרט קוקן הינטער זיך אָדער אויבן, צו פאַרמיידן טאָמער וועט אימיצער פון די העכערע שטאָקן זיי אַראָפּוואַרפן אַ צעטל כדי עס איבערצוגעבן צו אַן אַנדערן אַרעסטאַנט. אַזאַ "שליחות" האָט געשעמקט מיט אַ שטראָף.

**מיין פריינט, דער "נ.ק.וו.ד."-נאַטשאַלניק בעט ביי מיר איך זאָל פאַר אים זינגען עפּעס פון "כל נדרי"...**

עס איז פאַראַן אַ וואָרט פון רבי'ן (מהורש"ב) נ"ע, אַז מ'דאַרף זיין אַ מבין אויף אַ נשמה פון אַ אידן. זייענדיק אין טורמע האָב איך דאָס געזעען במוחש אין צוזאַמענהאַנג מיט מיין נייעם פריינט אברהם נאַוואָמאָוויטש, דער געוועזענער אידישער נאַטשאַלניק פון דער אוקראַאינער "נ.ק.וו.ד.".

איינמאָל, איידער אַזאַ טעגליכן שפּאַציר, זאָגט צו מיר מיין פריינט: איך בעט דיר, זיי היינט מוותר אויף דיין טעגליכן שפּאַציר. בלייב דאָ אין קאַמער מיט מיר. איך וויל, אַז דו זאָלסט פאַר מיר זינגען עפּעס פון "כל נדרי", "ונתנה תוקף"...

הערנדיק פון אים אַזעלכע ווערטער ווי "כל נדרי" און "ונתנה תוקף", בין איך שטאַרק נתפעל געוואָרן, און איך האָבן באַשלאָסן מוותר צו זיין אויף די טייערע 10 מינוט פון דעם שפּאַציר, און דערפילן מיין פריינט'ס בקשה. איך ביך געווען זייער פאַראינטערעסירט "אַ טאַפּ צו טאָן ביי אים דעם דופק".

נאָכדעם ווי אַלע אַנדערע אַרעסטאַנטן האָבן פאַרלאָזן דעם צימער, זאָגט ער צו מיר: נו, זינג עפּעס פון די ימים-נוראים.

איך האָב אָנגעפאַנגען צו זינגען "**אדם יסודו מעפר וסופו לעפר...**". ווי נאָר איך האָב אָנגעפאַנגען עס צו זינגען, האָט מיין פריינט אָנגעפאַנגען צו וויינען ווי אַ קליין קינד! קוקנדיק אויף אים, האָב אויך

**דער געוועזענער אידישער "נ.ק.וו.ד."-נאַטשאַלניק דערציילט**

איך אָנגעפאַנגען מוריד דמעות צו זיין. ער האָט געוויינט אויף זיין מצב: ווער ער איז געווען פריער, און ווער ער איז איצט, אַז ער דאַרף מאַכן זיינע צרכים אין צימער... און איך האָב געוויינט אויף מיין מצב: וואו איז איצט מיין כלה, און וואו בין איך?!

עכ״פ, קוקנדיק אויף מיין פריינט, האָב איך זיך געטראַכט: אָט דאָס איז אַ אידישע נשמה! פאַרקראָכן אין עמקי הקליפות. אָבער אַז מ׳באַקומט אַ קלאַפּ אין אַחוריים – דעמאָלט דערמאָנט מען זיך אין שורש פון וואַנענט מ׳שטאַמט. בכל אופן, אַ נשמה ווערט נישט פאַרפאַלן, ווי דער רבי האָט געזאָגט, אַז עס איז נישטאָ קיין פאַרפאַלן!

– פרק כ –

## מיין שטראָף: פאַרשיקונג קיין סיביר אויף 3 יאָר!

אַזוי איז דורכגעגאַנגען אַ לאַנגע צייט אָן אַרויסגערופן ווערן צום אויספאָרשער. מיטאַמאָל רופט מען מיך ווידער אַרויס און מ׳גיט מיר איבערלייענען דעם באַשולדיקונגס-אַקט קעגן מיר. נאָכדעם ווי איך האָב עס איבערגעלייענט, זאָגן זיי מיר: שרייב זיך אונטער, אַז דו האָסט עס איבערגעלייענט. – זיי פרעגן ביי מיר נישט, צי איך בין זיך מודה אין די באַשולדיקונגען, צי נישט. דאָס אינטערעסירט זיי נישט. יאָ מודה, נישט מודה – דער פסק איז שוין ביי זיי גרייט פון לאַנג.

[אגב איז כדאי צו באַמערקן, אָז כאָטש דעם דאָזיקן צעטל מיט מיינע ״עבירות״ האָבן זיי מיר באַוויזן ערשט ווען עס האָבן זיך פאַרענדיקט אַלע מיינע אויספאָרשונגען – האָבן אָבער די רשעים שוין געהאַט גרייט דעם דאָזיקן באַשולדיקונגס אַקט נאָך פאַר מיין אַרעסט, ווי עס קענטיק אויך דערפון וואָס פון אויבן פון דעם באַשולדיקונגס-אַקט איז געווען אָנגעגעבן די באַשטעטיקונג פון דעם פּראָקוראָר דורכצופירן ביי מיר אַן אונטערזוכונג און מיך צו אַרעסטירן!

לסיכום: דער עיקר פון די חקירות איז געווען, נישט אויסצוגעפינען דעם אמת, נאָר – ווי זיי האָבן עס מיך אָנגעדייטעט – צוליב ״מיין טובה ווענן״! וואָרום איך בין נישט שולדיק; איך בין נאָך יונג און מ׳האָט מיך פאַרפירט. דער אמת אָבער איז, אַז ״חסד לאומים חטאת״!].

מיין שטראָף איז געווען, **פאַרשיקט צו ווערן אויף דריי יאָר לאַגער-אַרבעט.**

**מיין שטראָף: פאַרשיקונג קיין סיביר אויף 3 יאָר!**

## מיין מוטער קומט זיך געזעגנען פון מיר

מען האָט מודיע געווען אין דער היים, אַז מ׳שיקט מיך אַוועק אין לאַגער. הערנדיק דאָס, איז מיין מוטער ע״ה[49] געקומען זיך צו געזעגענען מיט מיר. זי האָט פאַר מיר מיטגעבראַכט אַ זאַק מיט עסנוואַרג: סוכאַרעס, צוקער, קנאָבל און נאָך און נאָך.

און אַזוי האָבן מיר זיך געזעגנט אויף אייביק – וואָרום מיין מוטער איז אומגעקומען אין דער נאַצישער שחיטה אין דעם טרויעריק-באַרימטן ״באַבי-יאַר״ וואַלד, דעם 29סטן סעפּטעמבער 1941, ווען איך בין געווען אין פאַרשיקונג[50]. השם ינקום דמה.

49) **פרומא שרה** בת ר׳ אייזיק **דובינסקי**.

50) מער אויספירלעך וועגן דעם – ווייטער אין קאַפּיטל מא און קאַפּיטל מד.

**מיין שטראָף: פאַרשיקונג קיין סיביר אויף 3 יאָר!**

### הויפט-שטריכן פון דעם באַשולדיקונגס-אַקט

איך וויל ביי דער געלעגנהייט ברענגען (אין איבערזעצונג פון רוסיש) אייניקע פון די הויפט-שטריכן פון דעם באַשולדיקונגס-אַקט.

איך בין געפונען געוואָרן שולדיק אין דעם אַרטיקל 58-11, 58-10. וזה לשונם הטמא:

1) ליבשיץ פאַרנעמט זיך מיט קלייבן געלט פאַר די משפחות פון די אַרעסטאַנטן [דאָס איז איינע פון די די גרעסטע עבירות, לפי דעתם הטמאה].

2) ליבשיץ פירט-אָן מיט אַ גרויסן קאַמפּיין, אַז אידן זאָלן זיך אויסדרייען פון דינען אין דער רוסישער אַרמיי, דורך אָנטאָן אויגן-גלעזער, און אַזוי אַרום קאַליע-מאַכן אַביסל די ראיי.

3) ליבשיץ האַלט-אָן אַ שטאַרקן בריוו-קאָנטאַקט מיט אַן אַגענט פון דער פוילישער געהיים-פּאָליציי – שניאורסאָהן, וועלכער וואוינט אין פוילן.

4) ליבשיץ קלייבט צוזאַמען אין זיין שטוב יונגע בחורים, און לערנט מיט זיי אַזעלכע זאַכן, וואָס די סאָוועטישע מלוכה האָט פאַרבאָטן עס צו לערנען, ווי צום ביישפּיל: שיחות און מאמרים פון שניאורסאָהן.

5) ליבשיץ האָט אַ גרויסן חלק אין דעם איינאָרדענען פון פאַרבאָטענע דורך דער מלוכה "פאַרברענגענישן".

דאָס אויבנדערמאָנטע זענען בלויז די עיקר'דיקע "עבירות" מיינע, אָבער עס זענען געווען נאָך און נאָך סעיפים אין דעם באַשולדיקונגס-אַקט.

– פרק כא –

# אויפן וועג קיין גלות

עס גייט דורך אַ קורצע צייט, און מען רופט אונז – אַ גרויסע גרופּע פון אַרעסטאַנטן וואָס זענען פאַראורטיילט געוואָרן צו פאַרשיקונג – אַרויס מיט אונזערע זאַכן.

מען טרייבט אונז אַריין אין באַן-וואַגאָנען וועלכע האָבן אייזערנע גראַטעס (״רישאָטקעס״) אויף די פענסטער. די דאָזיקע וואַגאָנען הייסן ״סטאָליפּינסקע קופּיינע״. יעדע אַזאַ קופּע איז באַשטימט בלויז פאַר 4 פּערזאָן, אָבער זיי טרייבן אונז אַריין צו 10 פּערזאָן אין איין קופּע!

מען הויבט-אָן צו פאָרן. וואוהין פירט מען אונז? – קיינער ווייסט נישט; דאָס איז אַ סוד!

אויפן וועג האָט מען אונז געגעבן אַ שטיקל ברויט, אַ שטיקל געזאַלצענעם הערינג און אַ קווערטל הייסע וואַסער (פאַרשטייט זיך, אָן וויסאָצקי׳ס טיי...).

**אונזער ערשטע סטאַציע: נאָווא-סיבירסקי**

נאָכן אָפּפאָרן אַ לענגערע צייט, האָט זיך דער באַן אָפּגעשטעלט אויף אַ סטאַציע, און מען האָט געהייסן אַלעמען אַרויסגיין פון באַן. אַרויסגייענדיק האָבן מיר געזעען, אַז די סטאַציע הייסט: **נאָווא-סיבירסקי**.

אויף דער פּלאַטפאָרמע שטייען מלאכי-חבלה מיט ביקסן און מיט הינט. זיי הייסן אונז זיך אויסשטעלן אין אַ סדר. דער הויפּט-משחית איז אונז מודיע, אַז זיי גייען אונז מאַרשירן ערגעץ-וואו. ער וואָרנט אונז, אַז טאָמער וועט ווער-עס-איז פון אונז אָפּטרעטן אָן אַ זייט, וועט מען אים גלייך אויפן אָרט שיסן.

אויפן וועג האָב איך זיך באַקענט מיט אַ אידישן בחור, אַ סטודענט פון מאָסקווע. זעענדיק, אַז ער האָט מיט זיך גאָרנישט מיטגעבראַכט, זאָג איך אים: איך זע, אַז דו האָסט גאָרנישט מיטגעבראַכט. ביי מיר איז פאַראַן אַביסל שפּייז. מיר וועלן זיך האַלטן אין איינעם און מיר וועלן זיך טיילן מיט וואָס איך האָב.

## מיין זעקל מיט עסנוואַרג ווערט צוגעגנב׳עט!

מיר קומען אָן אין אַ לאַגער. עס עפנט זיך אויף דער טויער, און מיר זעען, אַז דער אָרט איז פול געפּאַקט מיט אַרעסטאַנטן. מען זעט אויף זייערע טריפה׳נע צורות, אַז זיי זענען גנבים און רוצחים.

בשעת די אַלטע ״תושבים״ פון דעם לאַגער האָבן דערזעען, אַז איך האָב מיטגעברענגט אַ זעקל מיט שפּייז, האָבן זיי מיר מיט דעם אַנדערן בחור געמאַכט אַ פיינעם קבלת-פנים. זיי האָבן פּאַר אונז אָפּגעליידיקט אַן אָרט וואו מיר זאָלן זיך קענען אָפּרוען פון דעם וועג.

איך זאָג צו מיין חבר: מיר זענען ביידע פאַרמאַטערט פון דעם וועג. דו ווילסט שלאָפן, און איך וויל שלאָפן. אַזוי ווי מען דאַרף דאָך אָבער היטן דעם זעקל מיט דעם שפּייז, איז לאָמיר אויסאַרבעטן אַזאַ פּלאַן: איך וועל איצט כאַפּן אַ דרעמל, און דו וועסט היטן דעם זעקל, און נאָכדעם וועט זיין דיין ריי צו כאַפּן אַ דרעמל, און דאַן וועל איך זיין דער שומר. מיין חבר האָט מסכים געווען דערצו.

איך האָב אַוועקגעלייגט דעם זעקל צוקאָפּנס, און זיך צוגעלייגט. איך כאַפּ זיך אויף פון שלאָף און דער זעקל איז נישטאָ! איך גיב אַ קוק אויף מיין חבר און איך זע, אַז ער שלאָפט זיך גאַנץ געשמאַק. נו, גיי שריי ״חי וקיים״. עס וועט גאָרנישט העלפן. זיי קענען מיר נאָך הרג׳ענען. נו, ברוך השם, פּטור געוואָרן פון דעם זעקל; אַראָפּ אַ דאגה פון קאָפּ... ״מרבה נכסים מרבה דאגה״...

## אויפן וועג צו אונזער לעצטער סטאַציע

עס גייט דורך אַ טאָג, און מ׳הייסט אונז אַלעמען אַרויסגיין מיט אונזערע זאַכן (ווער ס׳האָט..., אַנדערע האָבן, פאַרשטייט זיך, גאָרנישט, אויסער זייער נשמה, דאַנקען ג-ט).

זיי הייסן אונז גיין. נו, אַז מען הייסט גיין דאַרף מען פאָלגן! עס דאַרף זיין קבלת-עול.

מיר קומען אָן צו דער באַן-סטאַציע. זיי טרייבן אונז אַריין אין וואַגאָנען און מיר פאָרן ווידעראַמאָל. וואוהין פאָרן מיר? – דאָס ווייסט קיינער נישט!

נאָכן אָפּפאָרן אַ שטיקל צייט, האָט זיך דער באַן אָפּגעשטעלט אויף אַ סטאַציע, וואו מ׳האָט אונז אַלעמען אַרויסגעטריבן פון באַן. מיר לייענען איבער דעם נאָמען פון דער סטאַציע: **קראַסנאַיאָרסק**.

**אויפן וועג קיין גלות**

– פרק כב –

# אין גלות סיביר

פון קראַסנאַיאָרסק האָט מען אונז ווייטער געפירט, אין לאַסט-אויטאָס, ביז מיר זענען אָנגעקומען צו דער סטאַנציע **קאַנסק**.

מיר ווערן אַריינגעטריבן אין באַראַקן, וואו מען הייסט יעדערן פון אונז פאַרנעמען אַ פּלאַץ: דער אין מזרח, דער אין מערב א.ד.גל.

עס גייט אַריין אַ לאַגער-אָנגעשטעלטער און מעלדעט אונז, אַז מיר בלייבן דאָ, – אויף צו אַרבעטן, פאַרשטייט זיך, ניט אויף צו פאַרברענגען... [עס האָט זיך טאַקע באמת פאַרבענקט נאָך אַ חסידישן פאַרברענגען מיט **בנימין ליפמאַן** (הי״ד) אָדער מיט **מיכאל ליפסקער**[51]].

### מען מעלדעט אונזער וועגן אונזער אַרבעט אין לאַגער: זעגן בוימער און לאָדענען זיי אויף באַן-וואַגאָנען

דער לאַגער-הויפּט זעצט-פאַר און אינפאָרמירט אונז אין וואָס עס וועט באַשטיין אונזער אַרבעט אין לאַגער און אונזער ״סדר-היום״:

אַרום דעם לאַגער געפינען זיך גרויסע וועלדער וואו עס וואַקסן ״טייגע״-בוימער. אונזער אַרבעט באַשטייט אין צוויי טיילן: דאָס ערשטע טייל איז, אַז מיר דאַרפן אָפּזעגן די בוימער און זיי וואַלגערן. דאָס זעגן ווערט געטאָן דורך צוויי מענטשן. נאָכדעם ווי מ׳האָט שוין די בוימער אָפּגעזעגט, דאַרף מען זיי ״באַאַרבעטן״ מיט אַ האַק, דאָס הייסט אָפּהאַקן די צווייגן און דאָס גלייכן.

דאָס צווייטע טייל אַרבעט – זאָגט ער צו אונז – ווערט געטאָן ביי די באַן-רעלסן. די אַרבעט באַשטייט אין דעם, אַז בשעת עס קומען-אָן באַן-וואַגאָנען, דאַרפן מיר זיי שנעל אָנלאָדן מיט די האָלץ פון די בוימער וואָס מיר האָבן צוגעגרייט.

---

51) **מיכאל ליפסקער** ע״ה איז געבוירן געוואָרן אין פּאָלטאַווע, אין יאָר תרס״ז. אין די יאָרן תרפ״א-תצרפ״ט האָט ער געלערנט אין ישיבת ״תומכי-תמימים״ אין קרעמענטשוג, אָסטאַשקאָוו און נעוול. פאַר אַ צייט האָט ער אָנגעפירט מיט די אָפּטיילונגען פון ״תומכי-תמימים״ אין קיעוו און כותאַאיס. אין יאָר תש״ו האָט ער פאַרלאָזן רוסלאַנד. פון יאָר תשי״א ביזן יאָר תשכ״ט האָט ער אָנגעפירט מיט די ליובאַוויטשער מוסדות אין מעקנעס, מאַראָקאָ. פון יאָר תשכ״ט איז ער געווען אין ניו-יאָרק. ער איז נפטר געוואָרן אין ניו-יאָרק, תשמ״ה, ושם מנוחתו כבוד.

דער לאַגער-הויפּט זעצט-פאָר:

– עס איז פאַראַן אַ נאָרמע, וויפל בוימער מען דאַרף אָנזעגן און צוגרייטן. די דאָזיקע נאָרמע מוז דערפילט ווערן דורך יעדן אַרבעטער. אויב אַן אַרבעטער וועט נישט דערפילן זיין נאָרמע – וואָרנט ער אונז – איז אין לאַגער פאַראַן אַ קאַרצער (צינוק), און ״איך בין נישט מקנא ווען מ׳וועט באַשטראָפן מיט נעכטיקן אין קאַרצער״!

– דעריבער – גיט ער אונז אַן עצה – איז בעסער צו אַרבעטן געטריי און אויספילן די נאָרמע. אַזוי אַרום וועט איר נישט דאַרפן באַשטראָפט ווערן מיט נעכטיקן אין קאַרצער (צינוק). ״דאָס אַרבעטן געטריי – גיט ער צו – וועט אויך מכפר זיין אויף אייערע עבירות, פאַר וועלכע מען האָט אייך פאַרשיקט אַהער״.



אַ וועכטער-טורעם אין קאַלימאַ

ער זעצט ווייטער פאָר:

– אויסער דעם וואָס מען דאַרף אַרבעטן געטריי, דאַרף אויך הערשן ביי אייך אַ שטאַרקע דיסציפּלין! עס קען אַמאָל געשען, אַז איר זאָלט צוריקקומען פון דער אַרבעט, זיך לייגן שלאָפן – און פלוצלונג קומען-אָן די וואַגאָנען אויף אָפּצונעמען די צוגעגרייטע האָלץ.

– אין אַזאַ פאַל, וועט די לאַגער-אַדמיניסטראַציע גלייך מעלדן די אַרעסטאַנטן, אַז זיי דאַרפן זיך שנעל אָנטאָן, און אַרויסגיין צום טויער צו זיין גרייט צו גיין צו די באַן-רעלסן אָנצולאָדן דעם האָלץ אויף די וואַגאָנען. וואָרום יעדער מינוט וואָס די וואַגאָנען שטייען ליידיק, צאָלט מען פאַר דעם אַ גרויסן קנס!

– עס וועט דערביי גאָרנישט העלפן – גיט ער צו – צי איר זענט פאַרמאַטערט צי נישט. דאָס איז אייער אַרבעט, און איר זענט פאַרפליכטעט עס צו אָפּטאָן!

**אין גלות סיביר**

## מיר ווערן "דערצויגן" צו זיין מענטשן...

דער לאַגער-הויפּט זעצט-פאָר:

איינע פון די אויפגאַבעס פון אייער פאַרשיקונג איז: אייך פון דאָס-ניי צו דערציען, איר זאָלט ווערן מענטשן! אין דעם לאַגער איז דאָ אַן אָנגעשטעלטער וועמענס אויפגאַבע עס איז אייער חינוך. ער וועט מיט אייך שמועסן, און וועט אייך געבן צו פאַרשטיין, אַז איר זענט נישט געקומען צו דער שוויגער צו עסן בלינצעס מיט סמעטענע...

זאָגנדיק דאָס, איז אַריינגעקומען אַ לאַגער-אָנגעשטעלטער, און האָט אָנגעפאַנגען צו שמועסן מיט אונז. ער האָט געזאָגט דאָס פאָלגענדע:

– איר דאַרפט וויסן, אַז אין דעם לאַגער זענען פאַראַן פאַרשידענע פאַרברעכער. עס זענען דאָ פאַראַן אַזעלכע וואָס זייער פאַרברעכן באַשטייט אין דעם וואָס זיי האָבן געטאָן שלעכטס צו אַן אַנדער מענטש: באַגנב׳עט אָדער דערמאָרדעט אימעצן.

– דער דאָזיקער פאַרברעכער האָט טאַקע געטאָן שלעכסט: ער האָט באַגנב׳עט אָדער דערמאָרדעט אימעצן. ער איז אָבער פאַרגאַנגען אַ פאַרברעכן בלויז קעגן אַן אינדיווידועלן פּערזאָן. דעריבער איז ער נישט קיין געפערליכער פּערזאָן! ער האָט דערפאַר באַקומען זיין שטראָף. דאָ וועט ער ווערן אַ מענטש! ער וועט דאָ אַרבעטן אָרענטליך, און וועט פון דאַנען אַרויס אַ מענטש!

– דאַקעגן זענען אָבער דאָ צווישן די פאַרשיקטע **געפערליכע מענטשן**! אַזעלכע וועלכע זענען געפונען געוואָרן שולדיק אין "**פּאַראַגראַף 58**". [דערמיט האָט ער געמיינט מיך, און נאָך אַזעלכע אומשולדיקע מענטשן]. די דאָזיקע מענטשן האָבן פּלאַנירט צו דורכפירן אַ רעוואָלט. זיי האָבן געטאָן אַנטקעגן דער מאַכט און אַנטקעגן דאָס פאָלק. מיט אָט די מענטשן וועט מען זיך אויפפירן גאָר שטרענג.

– וואָס אָנבאַלאַנגט אָבער צו דער אַרבעט אין לאַגער – דאַרפן אַלע צוגלייך, אָן אונטערשייד.

דערמיט האָט דער אָנגעשטעלטער אויף אונזער דערציאונג פאַרענדיקט זיין שמועס.

### אין גלות סיביר

– פרק כג –

# די שווערע אַרבעט אין לאַגער

## די אַרבעט ביים זעגן די בוימער

די אַרבעט ביים זעגן די בוימער איז געווען זייער אַ שווערע. מען האָט געדאַרפט אונטערזעגן די בוים וואָס נעענטער צו דער ערד, דעריבער האָט מען געדאַרפט שטיין די גאַנצע צייט איינגעבויגן, ממש ביי דער ערד, און זעגן. דאָס זעגן איז געטאָן געוואָרן דורך צוויי מענטשן: איך שלעפּ די זעג צו זיך, און מיין "חבר" דאַרף עס צוריקשלעפּן צו זיך.

קיין הפסקה אין מיטן דער אַרבעט איז נישט געקומען אין באַטראַכט, וואָרום די נאָרמע איז געווען זייער אַ גרויסע, און די נאָרמע מוז מען דערפילן!

עס העלפן נישט קיינע תירוצים. קיינעם אינטערעסירט נישט, צי דו האָסט כוח צו שלעפּן די זעג צי נישט. אין יעדער לאַגער איז פאַראַן אַ לאַגער-דאָקטאָר, און אַז דער לאַגער-דאָקטאָר זאָגט, אַז דער אַרעסטאַנט איז געזונט – איז ער געזונט! און עס העלפט גאָרנישט.

ס'איז טאַקע שווער, ביטער. דו קענסט שרייען "חי וקיים", אָבער אויב דו וועסט נישט אָפּטאָן דיין אַרבעט, וועט מען מאַכן אַ משפּט און צוגעבן נאָך עטלעכע יאָר פאַרשיקונג...

## די אַרבעט ביים אָנלאָדן די בוימער אויף די באַן-וואַגאָנען

לא דַי, אַז די אַרבעט ביים זעגן די בוימער איז געווען גאַנץ שווער, איז אין צוגאָב צו דעם געווען די צווייטע אַרבעט: דאָס אָנלאָדן די האָלץ אויף די וואַגאָנען. אין פאַרגלייך מיט דעם, איז דאָס זעגן די בוימער געווען אַ גרינגע אַרבעט.

אַז מען הויבט-אָן צו אָנלאָדן די האָלץ אויף די וואַגאָנען, טאָר מען נישט צוריקגיין אין לאַגער, ביז מען פאַרענדיקט די אַרבעט. די וואַגאָנען טאָר מען נישט פאַרהאַלטן. די וואַגאָנען זענען טייערער ווי די מענטשן.

טאָמער אַ מענטש פאַלט-אַוועק פון אַרבעטן צו שווער, וועט שוין דער לאַגער-דאָקטאָר געפינען אַ סיבה, פאַרוואָס דער מענטש איז געשטאָרבן: אַ האַרץ-אַטאַקע צי אַן אַנדער סיבה – אַלץ, אויסער די



**אן ארעסטאנט ארבעט אין די בערג**

אמת'ע סיבה: די שווערע אַרבעט. עס קען נישט געמאָלט ווערן, אַז דאָס זאָל זיין די סיבה פאַר זיין שטאַרבן...

עס פלעגט אָפט טרעפן, אַז מען פלעגט צוריקקומען פון אַ שווערן טאָג אַרבעט פון זעגן די בוימער, זיך קוים לייגן שלאָפן, און – אַהאַ! עס זענען אָנגעקומען וואַגאָנען! וואָס פאַראַ אָפּרוען זיך אַביסל פון דער שווערער טעגליכער אַרבעט. נישטאָ קיין צייט. מען הייסט שנעל זיך אָנטאָן און גיין צו די וואַגאָנען!

– אויף דעם איז מען דאָך אַהער געקומען, צו אַרבעטן, נישט צו רוען. מ'דאַרף דאָך מכפר זיין אויף די עבירות וואָס מ'איז באַגאַנגען זייענדיק אויף דער פריי. עס קומט נישט אין באַטראַכט צו טענה'ן, אַז ס'איז שווער; ס'איז נישטאָ קיין כח. דאָס זענען פוסטע רייד. דאָס וואָרט "רחמנות" עקזיסטירט נישט אין לאַגער.

– פרק כד –

## פסח ת"ש (1940) אין סיביר

### דער קאַלטער ווינטער פון 1940

1940 איז געווען זייער אַ שווערער ווינטער אין סיביר. צוליב דעם שווערן ווינטער, און ספּעציעל צוליב דעם "חוט המשולש": קעלט, הונגער און דער עיקר שווערע אַרבעט, זענען פיל פון די לאַגער-מענטשן געשטאָרבן.

אָבער מאָטל ליפשיץ זעגט און זעגט, און איז בטוח בחסדי השי"ת, אַז דער רבי זעט, ווי אַזוי "**מאָטל שניאורסאָנאָוויטש**" [ווי דער אויספאָרשער ימ"ש האָט מיך אָנגערופן] בייגט זיך צו דער ערד ("כי שחה לעפר נפשנו"...) און וויל זיך נישט אָפּזאָגן פון דעם הייליקן נאָמען: "מאָטל שניאורסאָנאָוויטש".

**פסח ת"ש (1940) אין סיביר**

אָט דער בטחון האָט מיר געגעבן מוט און כח, אַז דער רבי וועט געוויס זיין אַ מליץ-טוב פאַר מיר, אַז מיינעביינער זאָלן נישט איבערבלייבן אין די פאַרפראָרענע סיביר-וועלדער...

די אַנדערע קרבנות אָבער האָבן נעבעך נישט געהאַט אויף וועמען זיך צו פאַרלאָזן, ווער עס וועט זיי ראַטעווען. "בטחון" איז אַזאַ "מעדיצין", וועלכע מען קען נישט באַקומען אין קיין אַפטייק!

**פסח דערנענטער זיך. – מיין מוטער שיקט מיר מצות!**

עס דערנענטערט זיך פסח. איך האָב נאָך דערווייל געהאַלטן חשבון פון די אידישע ימים-טובים, כאטש איך האָב נישט געהאַט קיין אידישן לוח, וואָרום די רוצחים ימ"ש האָבן ביי מיר אַלץ צוגענומען.

אָבער פלוצלונג רופט מען מיך אַרויס אין לאַגער-ביוראָ און מען מעלדעט מיר, אַז מיין מוטער האָט פאַר מיר געשיקט אַ פאַסילקע (אַ פעקל) פון דער היים. זיי האָבן מיר דערקלערט, אַז זיי מוזן עס עפענען כדי צו מאַכן זיכער, אַז מיין מוטער האָט מיר נישט צוגעשיקט קיין באָמבע...

מען עפנט אויף מיין מוטער'ס פעקל – און מען זעט, אַז זי שיקט מיר דאָרט אַ פעקל מצות! נו, ברוך השם, זיי האָבן מיר עס אָפגעגעבן.

מען קען זיך שוין פאָרשטעלן, וואָס פאַראַ שמחה עס איז ביי מיר געווען דאָס באַקומען דעם פעקל פון מיין מוטער. עס איז ביי מיר געווען "כמוצא שלל רב".

דאָס איז, אגב, געווען די לעצטע ידיעה וואָס איך האָב דערהאַלטן פון מיין מוטער. מער האָב איך פון איר גאָרנישט געהערט. – יענעם ווינטער – הש"ת (1940) – איז רוסלאַנד אַריינגעצויגן געוואָרן אין דער צווייטער וועלט-מלחמה. מיין מוטער איז דערמאָרדעט געוואָרן אין דער נ)אצישער שחיטה אין דעם טרויעריק-באַרימטן "באַבי-יאַר" וואַלד. השם ינקום דמה.

**איך טייל זיך מיט מיין מצה מיט די אַנדערע פאַרשיקטע אידן אין סיביר**

אין מיין באַראַק אין לאַגער זענען געווען, אויסער מיר, נאָך עטלעכע עלטערע אידן. איידער זיי זענען אַרעסטירט געוואָרן, האָבן זיי פאַרנומען גרויסע פאָסטנס ביי דער רעגירונג.

**פסח ת"ש (1940) אין סיביר**

אַז ס׳איז געקומען די נאַכט פון פסח, די נאַכט פון דעם ערשטן פסח-סדר, האָבן איך באַשלאָסן, אַז איך דאַרף מזכה-זיין מיט דער מצוה פון עסן מצה אויך די עטליכע אידן אין מיין באַראַק.

וכך הווה. איך האָב זיי צונויפגעקליבן אין אַ ווינקל פון דעם באַראַק. מיר האָבן זיך צוגעזעצט, און איך האָב צו זיי געזאָגט: טייערע ברידער. היינט איז פסח! דער ערשטער ״סדר״!

הערנדיק פון מיר די ווערטער ״פסח״; ״דער ערשטער סדר״ – זענען זיי געוואָרן אינגאַנצן צוטומלט. זיי האָבן שוין פון לאַנג פאַרגעסן דעם גאַנצן ענין פון פסח און פון ״סדר״. זיי זענען שוין גאָר לאַנג אָפגעריסן פון דעם אַלעם!

**די התעוררות תשובה וואָס דער כזית מצה האָט גורם געווען**

איך האָב גענעפנט דעם פעקל מצות, און געגעבן יעדערן צו אַ כזית מצה.

ווי נאָר זיי האָבן גענומען די מצה אין די הענט, האָבן זיי אָנגעפאַנגען צו וויינען מיט מורא׳דיקע טרערן. דאָס זענען דאָך פאָרט עלטערע מענטשן, און זיי האָבן אָנגעפאַנגען זיך צו דערמאָנען זייערע קינדערישע יאָרן, ווי עס איז געווען פסח ביי זייערערע עלטערן אין די אידישע שטעטלעך. יעדערער האָט אָנגעפאַנגען צו דערציילן דעם געשמאַק און די זיסקייט פון דעם יום-טוב פסח. ״אַי, אַי אַי, די קניידלעך״! און אַזוי רעדט מען און מען וויינט.

עס איז אוממעגליך צו באַשרייבן די התעוררות וואָס די שטיקלעך מצה האָט אַרויסגעברענגט דיי די אידישע נשמות! דאָס איז נישט געווען קיין יום-טוב פסח; דאָס איז געווען אַ גוטער יום-כיפור! מ׳האָט זיך גוט געשלאָגן ״על חטא״: געוואַלד, געוואַלד! וואוהין איז מען פאַרקראָכן די לעצטע עטליכע צענדליק יאָר! (מן הסתם זענען אַ טייל פון זיי געווען פאַרהייראַט מיט גוי׳אישע פרויען!).

עס זענען פאַראַן צוויי אופנים ווי אַזוי אַ מענטש קומט צו תשובה: איינס איז דורך יסורים ר״ל. אַז דער איד ווערט באַשטראָפט מיט יסורים, און דעמאָלט גיט ער זיך אַ כאַפּ: געוואַלד! ״איכה״?! און דער צווייטער אופן איז דורך אַ חסידישע ביסל משקה. ווי ס׳איז באַקאַנט די מעשה מיט דעם אייניקל פון דעם מאָהילעווער גוברניע; מען פארברייגנט י״ט כסלו ״טעלעפאָניש״ מיט די זיידעס אין גן-עדן!

**פסח ת"ש (1940) אין סיביר**

– פרק כה –

## איך ווער באשטראפט פאר נישט ארבעטן שבת

עס טרעפט אַמאָל אַ שבת, איך שטיי-אויף אין דער פרי, און באַטראַכט זיך: דאַרף איך טאַקע מחלל-זיין אַלע שבתים?! היינט איז שבת, און איך גיי נישט צו דער אַרבעט!

דער אָנגעשטעלטער אויף די אַרבעטער קומט-אַריין אין מיין באַראַק און פרעגט ביי מיר:

– וואָס איז די סיבה פאַרוואָס דו גייסט נישט היינט אויף דער אַרבעט?

– איך בין קראַנק, – ענטפער איך אים.

– דו ביסט קראַנק? – זאָגט ער צו מיר – לאָמיר גיין צום דאָקטאָר. ער נעמט מיך צום לאַגער-דאָקטאָר, וועלכער באַטראַכט מיר און קומט צום באַשלוס, אַז איך בין געזונט!

– נו, – פרעגט מיר דער אָנגעשטעלטער אויף די אַרבעטער – איצט וועסטו גיין צו דער אַרבעט?

– ניין! איז געווען מיין ענטפער, און איך בין אַוועק צוריק אין מיין באַראַק.

### 10 טעג אין קאַרצער פאַר נישט אַרבעטן שבת

אויף מאָרגן נאָך שבת, אַרויסגייענדיק פון לאַגער צו דער אַרבעט, מעלדעט מען מיר, אַז דערפאַר וואָס איך בין שבת נישט אַרויס צו דער אַרבעט, האָט מען מיך פאַראורטיילט צו 10 טעג אין קאַרצער (צינוק)!

דאָס פאַרמשפט ווערן צו זיצן אין קאַרצער, וואָלט דאָך, לכאורה, געדאַרפט זיין אַ גוטע זאַך, וואָרום אַזוי אַרום דאַרף מען נישט גיין צו דער אַרבעט בכלל. די זאַך איז אָבער, וואָס זיצנדיק אין קאַרצער, וויבאַלד אַז דער פאַרשיקטער גייט דאָך דאַן נישט אַרויס צו דער אַרבעט – באַקומט ער דעריבער אַ גאָר מאָגערע שפייז-ראַציע: איין מאָל אין טאָג באַקומט ער אַ קליין שטיקל ברויט; אַ שטיקל געזאַלצענע הערינג און אַ קווערטל הייסע וואַסער.

אין צוגאָב צו דעם וואָס דער קאַרצער איז אינגאַנצן נישט געווען געהיצט, זענען אין זיינע ווענט אויך געווען לעכער וואָס האָבן



אַ טורמע אין דעם קאַלימאַ לאַגער צום היינטיקען טאָג

אַריינגעלאָזט דעם קאַלטן סיבירישן ווינט. די אַרעסטאַנטן וואָס זיינען פאַרמשפּט געוואָרן צו דאָרטן זיצן, פלעגן אין אַ קורצע צייט אַרום אָנפאַנגען צו שרייען פון ווייטאָג. נאָך דעם שרייען פאַר אַ שטיקל צייט, פלעגן די וועכטער אים אַרויסלאָזן פאַר אַ קורצע ווײַלע זיך אָנצואוואַרימען נעבן דעם אויוון. פאַרשטייט זיך, אַז אויך דאָס האָט גורם געווען שאַרקע ווייטאָגן. אַזוי אַרום האָט מען גענומען דעם אַרעסטאַנט אריין און ארויס פון קאַרצער, און נאָכאַמאָל אַריין און צוריק אַרויס פאַר צען טעג!

## איך ווער געשטעלט פאַר אַ דאָקטוירים-קאָמיסיע

אַזוי זענען דורכגעגאַנגען עטליכע טעג אין מאַטערניש. מיטאַמאָל עפנט זיך אויף די טיר פון קאַרצער, און מען רופט מיך אַרויס פון דאָרט.

איך גיי אַרויס פון קאַרצער און מען פירט מיך אַריין אין אַ צימער וואו עס זיצן עטליכע מענטשן. ווייזט-אויס, אַז דאָס זענען דאָקטוירים. זיי באַטראַכטן מיר גאָר גוט, פון קאָפּ ביז די פיס, און איינער פון זיי רופט זיך אָפּ: "ער טויג. ער איז געזונט"!

איך טראַכט ביי זיך: אויף וואָס טויג איך? אויף וואוהין טויג איך? – זיי זאָגן גאָרנישט. דאָס איז אַ סוד!

**איך ווער באשטראפט פאר נישט ארבעטן שבת**

אין צימער זענען אַריינגעפירט געוואָרן נאָך מענטשן פון לאַגער – אַזעלכע וואָס ווילן בכלל נישט אַרבעטן; נישט בלויז שבת. און אַזוי האָבן זיך אין צימער אָנגעקליבן אַ גרופּע, וואָס די דאָקטוירים האָבן באַשלאָסן, אַז זיי זענען געזונטע מענטשן. נאָר צוליב וואָס דאָס איז – ווייס קיינער פון אונז נישט.

דערווייל האָט מען מיך צוריקגעשיקט אין קאַרצער.

– פרק כו –

## איך ווער פאַרשיקט צו אַן אַנדער לאַגער

עס גייען אַדורך נאָך עטליכע טעג. פלוצלונג עפנט זיך אויף די טיר פון מיין קאַרצער. מען הייסט מיך צונויפקלייבן מיינע זאַכן און אַרויסגיין צום טויער פון לאַגער.

עס האָבן זיך דאָרט פאַרזאַמלט די אַלע לאַגערניקעס, וועגן וועלכע די דאָקטוירים האָבן באַשלאָסן, אַז זיי זענען געזונט.

וואָס ווייטער? – קיינער ווייסט נישט. מען פּרואווט צו שפּעקולירן: אפשר גייט מען אונז שיסן! אפשר עפּעס אַנדערש?

הכלל, מען האָט אונז אַרויסגעפירט פון לאַגער, אין דער באַגלייטונג פון באַוואָפנטע שומרים מיט הינט. מען פירט דאָך דאָ געפערליכע מורדים במלכות!... און אַזוי האָט מען אונז מאַרשירט צום באַן-סטאַציע.

### מען שטאָפּט אונז אַריין אין וואַגאָנען פון בעלי-חיים!

אָנקומענדיק צו דער סטאַציע, איז דאָרטן געשטאַנען אַ לאַנגער עשאַלאָן פון וואַגאָנען. דאָס זענען געווען וואַגאָנען אין וועלכע מען פירט בעלי-חיים: פערד, בהמות און דאָס גלייכן.

די שומרים עפענען אויף אַ טיר פון איינעם פון די וואַגאָנען וואָס איז געווען געשלאָסן מיט אייזערנע שלעסער, און זיי הייסן אונז אַריינשפּרינגען אין וואַגאָן אַריין. מיר שפּרינגען אַריין אינעווייניק, און מיר הויבן אָן צו באַטראַכטן אונזער נייעם "חדר".

דער וואַגאָן האָט געהאַט צוויי-שטאָקיקע נאָרעס. איך האָב פאַרכאַפּט אַ פּלאַץ אויף העכערן שטאָק.

דערווייל האָבן די שומרים געהאַלטן אין איין אַרייַנטרייבן נאָך און נאָך מענטשן אין דעם וואַגאָן, אַז מען זעט נישט קיין סוף צו דעם. עס איז געוואָרן זייער ענג אין וואַגאָן. מיר זענען דאָרט געווען איינגעקוועטשט ווי הערינג אין אַ פאַס!

אויך אויפן צווייטן שטאָק, וואו איך האָב געכאַפּט אַן אָרט, איז געוואָרן זייער ענג. זיצן האָט מען דאָרט נישט געקענט. אויך ליגן האָט נישט געקענט יעדערער ווי ער וויל, צוליב דער ענגשאַפט אין פּלאַץ. דעריבער האָט מען באַשלאָסן, אַז אַלע זאָלן ליגן אויף איין זייט, און אויב איינער וויל זיך איבערדרייען אויף דער אַנדער זייט, מוזן אַלע איבעריקע זיך אינאיינעם איבערדרייען אויף דער אַנדער זייט!

**דער העגייעניִשער צושטאַנד אין דעם וואַגאָן**

אַזוי ווי ס׳איז דאָך שוין געווען זומער-צייט, און דער דאַך פון וואַגאָן איז געווען אַ בלעכענער – האָט זיך דער וואַגאָן שטאַרק אָנגעהיצט פון דער זון. עס האָט אין וואַגאָן מורא׳דיק געבאַקט די היץ. מען האָט זיך אויסגעטאָן נאַקעט, און דער שווייס האָט גערונען פון איינעם אויפן צווייטן!

אין צוגאָב צו דעם, האָבן אין וואַגאָן געהערשט ״פיינע ריחות״ – אַדאַנק די לאָך וואָס איז געווען אין מיטן פון וואַגאָן, וואו מען איז אַרויסגעגאַנגען פאַר די צרכים... פאַרשטייט זיך, אַז די זומער היץ האָט געמאַכט דעם ריח נאָך ערגער.

אין דעם וואַגאָן זענען געווען צוויי קליינע פענסטערלעך, ביי וועלכע מען וואָלט געקענט כאַפּן פריש לופט. די דאָזיקע פענסטערלעך זענען אָבער געווען פאַרכאַפּט פון די ״פיינערע מענטשן״: די גנבים און די רוצחים, וועלכע האָבן זיך געביטן צווישן זיך מיט די ערטער. אונז, די ״געפערליכע פאַרברעכער״, די ״קאָנטער-רעוואָלוציאָנערן״ – האָט מען נישט צוגעלאָזן צו די דאָזיקע פענסטערלעך.

דער עסן בעת דער נסיעה איז באַשטאַנען פון בלויז אַ קליין שטיקל ברויט; אַ שטיקל געזאַלצענע הערינג און אַ קווערטל הייסע וואַסער – פונקט ווי אין דעם קאַרצער.

בעת דער באַן פלעגט זיך אָפּשטעלן ביי אַ סטאַציע – פלעגן זיך הערן געשרייען פון אַלע וואַגאָנען: ״וואַסער, וואַסער, וואַסער!״. – קיינער האָט נישט געוואָלט קיין עסן; מען האָט בלויז געוואָלט אַ

**איך ווער פאַרשיקט צו אַן אַנדער לאַגער**

קאַלט טרונק וואַסער, צו שטילן אונזער דורשט און די היץ! אָבער קיין קאַלט וואַסער טאָר מען נישט געבן.

## מיר שפעקולירן, אַז מען פירט אונז אין דעם שרעקליכן לאַגער פון קאַלימאַ

און אַזוי פאָרן מיר. פון צייט-צו-צייט שטעלט זיך אָפּ דער באַן ביי סטאַציעס, און שפעטער פאָרן מיר ווייטער. סיביר איז גאָר גרויס. אָבער וואוהין פאָרט מען? – דאָס ווייסט קיינער נישט.



**שליטן פאָרן מיט עסנוואַרג אין דעם קאַלימען ווינטער**

די גנבים האָבן אָנגעהויבן שמועסן צווישן זיך, אַז עס קען זיין, אַז מען פירט אונז קיין **קאַלימאַ**! וואָס איז דאָס פאַראַ פלאַץ קאַלימאַ? – זיי, די גנבים, ווייסן שוין. אַ סך פון זיי זענען שוין אַמאָל דאָרט געווען, און זיי זעצן-פאָר דעם שמועס, אַז עס איז בעסער געהרג'עט צו ווערן, איידער צו פאָרן אַהין! וואָרום פון דאָרט אַרויסצוגיין אַ לעבעדיקער איז אוממעגליך.

אַז מען האָט דערהערט אַזאַ שמועס – האָבן אונזערע מענטשן אָנגעהויבן זיך נאָכצופרעגן ביי די גנבים: מאי האַי? וואָס איז דאָס פאַראַ פלאַץ קאַלימאַ?

זיי דערציילן אונז, אַז דאָס איז אַן אָרט וואו די פאַרשיקטע דאַרפן גראָבן בערג! אין די דאָזיקע בערג געפינט זיך גאָלד. אין יענעם געגנט

**איך ווער פאַרשיקט צו אַן אַנדער לאַגער**

הערשן מורא׳דיקע פרעסט און אַ גרויסער הונגער. די אַרבעט דאָרט איז זייער אַ שווערע. מענטשן ווערן דאָרט פאַרפרוירן גייענדיק אין וועג.

די אָנפירער פון די אַרבעט-לאַגערן אין קאַלימאַ – דערציילן זיי אונז ווייטער – זענען ״נ.ק.וו.ד.״-אַנגעשטעלטע. טאָמער אַרבעט אימיצער נישט גוט – שיסט מען אים גלייך אויפן אָרט! די נ.ק.וו.ד. האָט נישט קיין שום פאַראַנטוואָרטלעכקייט. זיי האָבן פאַר קיינעם קיין מורא נישט; אַלע האָבן מורא פאַר זיי!

**מענטשן דערוויסן זיך, אַז מען פירט זיי אין דעם שרעקליכן לאַגער פון קאַלימאַ און זיי נעמען זיך דאַס לעבן**

אונזער באַן-ליניע, וועלכע גייט אַדורך דעם מדבר הגדול והנורא סיביר, גייט אַדורך אין פילע ערטער גרויסע בערג, וועלכע מען האָט אויסגעגראָבן כדי צו קענען דאָרט דורכפירן די סיביר באַן-ליניע. ביי די דאָזיקע בערג פאָרט דער באַן זייער לאַנגזאַם.

אַנומעלט, אין דער פינסטערער נאַכט, שטעלט זיך אָפּ דער באַן אינמיטן די בערג, און עס הערן זיך קריגעריי, שיסעריי און מורא׳דיקע בילעריי פון הינט.

– וואָס איז דאָ געשען?!

אויף מאָרגן האָבן מיר זיך דערוואוסט, אַז אין איינעם פון די וואַגאָנען זענען געפאָרן אַזעלכע מענטשן, וועלכע זענען שוין אַמאָל געווען פאַרשיקט אין קאַלימאַ. דערוויסנדיק זיך, אַז מען פירט זיי ווידער קיין קאַלימאַ – האָבן זיי באַשלאָסן, אַז עס איז בעסער געהרג׳עט צו ווערן, אַבי נישט צו פאָרן צו יענעם ״זיסן״ אָרט.

זייער טעם דערויף איז געווען אַ פשוט׳ער: אויב זיי וועלן אומקומען דאָ, אויפן וועג, וועלן זיי כאָטש געבראַכט ווערן צו קבורה. דאַקעגן אַז מען שטאַרבט דאָרט, אין קאַלימאַ, ווערט מען נישט באַגראָבן, ווייל די ערד דאָרט איז שטענדיק פאַרפרוירן און זי גייט קיינמאָל נישט אָפּ[52], במילא איז אוממעגליך דאָרט צו גראָבן קברים.

52) זומער אין יענע געגענטן איז בלויז 2 חדשים אין יאָר, יוני און יולי, און די דאָזיקע צוויי זומער-חדשים זענען נישט גענוג אַז די ערד זאָל גענוג אָפּגיין פון איר פאַרפרוירנקייט כדי אַז מען זאָל קענען גראָבן קברים.

**איך ווער פאַרשיקט צו אַן אַנדער לאַגער**

ובכן, וואָס טוט מען טאַקע דאָרטן מיט די טויטע? – מען וואַרפט אַרויס זייערע קערפּערס ערגעץ-וואו, און די חיות – די ווייסע בערן – פרעסן זיי אויף. אָדער מען פאַרברענט זיי, ר״ל.

דעריבער האָבן די מענטשן פון יענעם וואַגאָן אויפגעריסן די פּאָדלאָגע (דעם ״פלאָר״) פון דעם וואַגאָן, און זיי האָבן זיך אַרונטערגעלאָזן אונטער די רעדער פון דעם באַן, און אַזוי זענען זיי אומגעקומען.

אָזוי ווי מיט אונז זענען דאָך מיטגעפאָרן הינט אויף צו היטן אונז, האָבן די הינט דערשמעקט, אַז ס׳איז עפּעס געשען און זיי האָבן אָנגעהויבן צו בילן. דער באַן האָט זיך טאַקע אָפּגעשטעלט, און ווי עס ווייזט-אויס האָט מען אַרויסגעשלעפּט די אומגעקומענע פון אונטער דעם באַן און מ׳האָט זיי דאָרט ערגעץ-וואו באַגראָבן.

## מיר פאָרן ווייטער

ובכן, מיר פאָרן ווייטער.

יעדעס מאָל וואָס דער באַן שטעלט זיך אָפּ, שרייען מיר אַלע: ״וואַסער, וואַסער!״.

– אַזוי ווי ס׳איז געווען ווען די אידן זענען אַרויס פון מצרים און זענען געגאַנגען דריי טעג אין מדבר און נישט געהאַט קיין (זיסע) וואַסער, האָבן זיי זיך באַקלאָגט צו משה רבינו ע״ה: ״וואָס זאָלן מיר טרינקען״?! און אַזוי איז אויך געווען, בעת מרים הנביאה איז געשטאָרבן און די אידן האָבן נישט געהאַט קיין וואַסער אין מדבר, האָבן זיי זיך באַקלאָגט צו משה און אהרן, אַז ״ס׳איז נישטאָ קיין וואַסער צו טרינקען!״ –

מיר זענען געווען גאָר שטאַרק דורשטיק צו וואַסער! – עס איז אונז קיין שום נפק״מ נישט געווען וואָס פאַראַ וואַסער, – אַבי אַביסל **קאַלטע** וואַסער צו שטילן אונזער דורשט און די היץ. אָבער נישטאָ קיין קאַלטע וואַסער! מען גיט נאָר הייסע וואַסער!

**איך ווער פאַרשיקט צו אַן אַנדער לאַגער**

– פרק כז –

# וולאַדיוואַסטאָק – די לעצטע סטאַציע אויפן וועג קיין קאַלימאַ

## מיר קומען אָן קיין וולאַדיוואַסטאָק

אַזוי זענען מיר געפאָרן ווייטער, אין ענגשאַפט און אין דורשט, ביז מיר זענען אָנגעקומען קיין **וולאַדיוואַסטאָק**. ווייטער גייט שוין נישט דער באַן.

מען האָט אונז אַלעמען געהייסן אַרויסגיין פון די באַן-וואַגאָנען, און אונז אַריינגעטריבן אין אַ גרויסן, הייסן פלאַץ, וואָס האָט זיך געפונען אין אַ הויף. אַרום און אַרום זענען געשטאַנען די שומרים מיט די ביקסן און די הינט.

## מיר פילן נישט דעם רעגן בעת אונזער שלאָף

זייענדיק אויסגעמאַטערט פון דער לאַנגער נסיעה און פון דער ענגשאַפט, האָבן מיר זיך אַלע אויסגעלייגט אויף דער פּאָדלאָגע און מיר זענען גיך אַנטשלאָפן געוואָרן.

אויפכאַפּנדיק זיך פון אונזער שלאָף, זעען מיר, אַז מיר ליגן אַלע אין וואַסער! עס ווייזט אויס, אַז מיר זענען אַזוי שטאַרק געשלאָפן, אַז מיר האָבן גאָרנישט געפילט, אַז עס איז געגאַנגען אַ רעגן! – נו, ווער קען דען פילן אַ רעגן, אַז מ'איז געווען אַזוי אויסגעמאַטערט!




**אַ מאַפּע פון דעם געוועזענעם סאָוועטן-פאַרבאַנד**

**וולאַדיוואַסטאָק – די לעצטע סטאַציע אויפן וועג קיין קאַלימאַ**

### מיט אַ שיף אויפן וועג קיין קאַלימאַ

אַזוי האָבן מיר זיך אָפּגעמאַטערט עטליכע טעג אין וולאַדיוואַסטאָק. פלוצלונג האָט מען אונז פאַראָרדנט, אַז מיר זאָלן זיך אַלע צוגרייטן צו גיין.

נו, מיר האָבן זיך צוגעגרייט צום וועג, און די שומרים מיט די הינט האָבן אונז געפירט, צופוס, צום ברעג ים.

דאָרט איז געשטאַנען אַ גרויסע שיף, "דאָלסטראָי", אויף וועלכע זיי האָבן אונז אַלעמען געהייסן אַרויפגיין.

דאַן האָבן מיר שוין אַלע פאַרשטאַנען, אַז מען פירט אונז טאַקע צו דעם לאַגער אין קאַלימאַ (ווי עס האָבן שוין פון פריער פאָראויסגעזאָגט די "פיינערע חברה" צווישן אונז, די גנבים).

נו, מען פאָרט קיין קאַלימאַ! – וואָס קענען מיר דען טאָן? שפרינגען אין ים?! ובכן פאָרן מיר ווייטער אויף דער שיף צו אונזער דעסטינאַציע, קיין קאַלימאַ.

די נסיעה אויף דער שיף האָט געדויערט זעקס מעת-לעת און איז געווען זייער אַ שווערע. די שיף האָט זיך געוואָרפן פון די ים-שטורעמס. אַ טייל פון די פּאַסאַזשירן זענען קראַנק געוואָרן מיט דער ים-קראַנקהייט און אויסגעמעקט און דאָס גלייכן. בקיצור, די נסיעה איז געווען זייער אַ שווערע.

– פרק כח –

## איך קום אָן אין דעם שרעקליכן לאַגער אין קאַלימאַ!

ובכן, מיר קומען צופאָרן קיין קאַלימאַ. דער ראַיאָן וואו די שיף האָט געאַנקערט הייסט "בוכטאַ נאַגאַיאָוואָ", און דער יַם הייסט "אַחאָצקאַיאַ מאָריע". די שטאָט הייסט **מאַגאַדאַן**.

מיר זענען אַראָפּגעגאַנגען פון דער שיף, און מען האָט אונז דאָרט אַריינגעפירט אין אַן אַרבעטס-לאַגער, וואָס מער רופט אויף רוסיש: "לאַגראַמוס" (צוואנגס-ארבעט לאגער).

## מען טיילט אונז פאַנאַנדער אויף גרופּעס און מען שיקט אונז גראָבן גאָלד אין די טייגאַ-בערג

מען האָט אונז פאַנאַנדערגעטיילט אויף גרופּעס, אויף "בריגאַדעס". יעדע בריגאַדע איז באַשטאַנען פון צען, צוואַנציק אָדער דרייסיק פערזאָן.

אונזערע אויפזעער האָבן אונז געמאָלדן, אַז מיר וועלן נישט בלייבן דאָ, נאָר פון דאַנען וועלן מיר פאָרן טיפער אין קאַלימאַ, צו די בערג פון **טייגאַ**, וואו מיר וועלן באַשעפטיקט ווערן אין גראָבונגען צו זוכן דאָרט גאָלד.

און אַזוי האָבן זיי אונז צעפירט, אין גרופּעס, אויף לאַסט-אויטאָס; יעדער גרופּע צו איר באַשטימטן פּלאַץ, ואני בתוכם.

## מיר קומען-אָן צו די טייגאַ-בערג

אַזוי איז אונזער בריגאַדע געפאָרן ווייט ווייט, טיף טיף אין קאַלימאַ, ביז מיר זענען אָנגעקומען צו אונזער באַשטימטן אַרבעטס-לאַגער.

מען הייסט אונז אַרויסשטייגן פון די לאַסט-אויטאָס. מיר גייען אַרויס, און מיר זעען אַרום אונז בלויז בערג!

זיי האָבן אונז צוגעטיילט צו אַ באַראַק, וואו מיר האָבן זיך אַלע געלייגט שלאָפן פאַר דער נאַכט.

אינדערפרי האָבן די אויפזעער אונז אויפגעוועקט, און אונז אַריינגעטריבן אין סטאָלאָווע (עס-צימער), דאָרט אונז געגעבן עפּעס צו עסן (אַ שטיקל ברויט, אַ ביסל וואַסער און נאָך עפּעס), און אונז געהייסן זיך גרייטן אַרויסצוגיין צו דער אַרבעט.



אַרעסטירטע גראָבן פאַר גאָלד אין די קאַלימאַ בערג

ובכן, מיר גייען צו דער אַרבעט. מיר גייען און גייען, ביז מיר קומען-אָן צו די

**אין קאַלימאַ!**

בערג, וואו מיר דאַרפן גראָבן פאַר גאָלד.

ווען מיר זענען אָנגעקומען אין קאַלימאַ איז נאָך געווען זומער (דאָס איז געווען זומער ה׳תש״א – 1941). די ערד איז נאָך געווען אַביסעלע אָפּגעגאַנגען, ובמילא האָט מען זיך געקענט נעמען צו דער אַרבעט.

– פרק כט –

# די שווערע אַרבעט ביי די טייגאַ-בערג אין קאַלימאַ

## דאָס גראָבן פאַר גאָלד

ביי דער געלעגנהייט וויל איך אַביסל אַרומרעדן דעם כאַראַקטער פון אונזער אַרבעט ביים גראָבן גאָלד אין די טייגאַ-בערג; וואָס אַזוינס הייסט ״גראָבן גאָלד״.

די אַרבעט איז איינגעשטעלט געוואָרן אַזוי, אַז עס פלעגן ביים גראָבן אַרבעטן פּאָרלעך פון צוויי מענטשן. איינער האָט געדאַרפט אָנהאַקן מיט אַ גראָב-אייזן (אַ ״קאַילאָ״) די האַרטע האַלב-פאַרפרוירענע ערד, און דער אַנדערער פלעגט צונויף-קלייבן די ערד מיט אַ לאָפּעטע, עס אָנפילן אין אַ וועגעלע און אָפּפירן די וועגעלע צו אַ



ארום און ארום אונז איז בלויז בערג!

די שווערע אַרבעט ביי די טייגאַ-בערג אין קאַלימאַ

ספּעציעלע מאַשין, וועלכע פלעגט פאַנאַנדערטיילן דאָס גאָלד פון דעם ערד (דעם זאַמד).

פאַר דער צייט וואָס איין אַרבעטער פלעגט אַוועקפירן די וועגעלע מיט דעם זאַמד, עס אויסליידיקן ביי דער מאַשין און צוריקקומען – פלעגט דער צווייטער אַרבעטער – אין מיין פאַל: איך – דאַרפן צוגרייטן נייעם ערד-זאַמד.

**די מאַשין וואָס טיילט-פאַנאַנדער דעם גאָלד פון דער ערד**

דעם ערד וואָס מען פלעגט אָנהאַקן, פלעגט מען אַוועקפירן צו אַ **גאָלד-וואַשער**. דאָס איז אזאַ גרויסע מאַשין וואָס וואַשט-אַוועק דעם אָפּפאַל (די זאַמד און דאָס גלייכן) פון דעם ריינעם גאָלד.

די מאַשין אַרבעט אַזוי, אַז די ערד (אָדער זאַמד) גייט אַוועק אינדערהויך. דאָרט איז דאָ אַ גאָר שטאַרקער שטראָם פון וואַסער וואָס וואַשט די ערד, און אַזוי ווי גאָלד וועגט מער ווי ערד, וואַשט דער שטראָם אַוועק די ערד און די זאַמד, און דער גאָלד זעצט זיך אַראָפּ.

אויבן, אינדערהויך פון דער מאַשין, פלעגט שטיין אַן אַרבעטער, וועלכער פלעגט – מיט אַזא מין כלי – מאַכן זיכער, אַז די ערד זאָל כסדר אַוועקגיין און נישט בלייבן.

נאָכדעם ווי עס פלעגט זיך פאַרענדיקן דער פּראָצעס פון וואַשן דעם



**מען שטופּט דעם וואַגאָן צום גאָלד-וואַשער**

**די שווערע אַרבעט ביי די טייגאַ-בערג אין קאָלימאַ**

גאָלד, אַז מען פלעגט אַ קוק-טאָן – פלעגט מען זען, אַז די געבליבענע איז טאַקע בלישטשענדיקע ערד און זאַמד; "**עפרות זהב**".

**מיר ווערן געהאַלטן ביי דער אַרבעט פאַר גאַנצע דרייסיק שעה!**

נאָכן אָפּאַרבעטן 12-13 שעה ביי דער גאָלד-מאַשין, פלעגן קומען צוגיין די אויפזעער, די "מלאכי חבלה", אָפּשטעלן די מאַשין, אַרויפגיין אינדערהויך, און אַ קוק-טאָן וואָס מיר האָבן אָפּגעאַרבעט פאַרן טאָג.

עס פלעגט אַמאָל טרעפן, אַז די אויפזעער פלעגן באַשליסן, אַז מיר האָבן אין דעם טאָג אַרויסגעקראָגן צו ווייניק גאָלד; מיר האָבן נישט אויסגעפילט אונזער טעגליכע נאָרמע. זיי פלעגן אונז דאַן מעלדן, אַז ביז מיר וועלן נישט פאַרענדיקן אונזער טעגליכע נאָרמע, וועלן מיר נישט צוריקגיין אין לאַגער צו אָפּרוען זיך.

אַזוי פלעגט טאַקע טרעפן, אַז מיר פלעגן דאַרפן פאָרזעצן אונזער אַרבעט ביי דער גאָלד-מאַשין פאַר גאַנצע דרייסיק שעה, ביז עטלעכע שעה פאַר עס האָט אָנגעפאַנגען צו טאָגן, און ערשט דאַן, נאָכדעם ווי מיר האָבן אויסגעפילט אונזער אַרבעטס-נאָרמע, האָט מען אונז, ברוך השם, צוריקגעפירט אין לאַגער.

**מיר לייגן זיך שלאָפן מיט אונזערע נאַסע קליידער**

אָנקומענדיק צוריק אין לאַגער זענען מיר געווען נאַס, אָבער אויסטאָן זיך די קליידער קען מען נישט, וואָרום מען דאַרף היטן, אַז די לבושים זאָלן נישט געגנב'עט ווערן... ובכן, האָבן מיר זיך אַזוי, נאַסערהייט, צוגעלייגט אָפּרוען זיך.



דער "שלאָף-צימער" אין לאַגער

## די צוויי זומער׳דיקע אַרבעטס-חדשים

בכלל איז די גאַנצע אַרבעט פון גראָבן פאַר גאָלד אין די טייגאַ-בערג פון קאַלימאַ געטאָן געוואָרן בלויז צוויי חדשים אין יאָר; אין די זומער-חדשים פון יוני און יולי, ווען די ערד גייט-אָפּ אַביסל פון איר פאַרפרוירנקייט, און די וואַסער אויף צו וואַשן דעם גאָלד איז נישט פאַרפרוירן.

פאַרשטייט זיך, אַז אויך אין די דאָזיקע צוויי זומער׳דיקע אַרבעטס-חדשים איז די ערד נאָך אַלץ געווען זייער אַ האַרטע, און עס איז אָנגעקומען שווער עס צו גראָבן. אָבער דאָס קומט נישט צו דער האַרטקייט און פאַרפרוירענקייט פון דער ערד אין די איבעריקע חדשים פון יאָר.

אין קאַלימאַ ווערט קאַלט שוין אין אויגוסט, און די וואַסער ווערט פאַרפרוירן. און אַז די וואַסער ווערט פאַרפרוירן, ענדיקט זיך די אַרבעט, וואָרום אָן דעם וואַסער קען מען נישט אָפּוואַשן דאָס ערד כדי אַרויסצוקלייבן דערפון דעם גאָלד.

## די אַרבעט אין די זומער-חדשים – אָן אַ רו-טאָג

אין אָט די צוויי זומער-חדשים, אין וועלכע מען פלעגט גראָבן פאַר גאָלד און עס וואַשן – פלעגט מען אַרבעטן טאָג-איין טאָג-אויס, אָן קיין שום אָפּרו. אפילו פאַררייכענען האָט מען נישט געטאָרט. עס איז אַן עבירה די מינוט!

זעלבסט-פאַרשטענדליך, אַז די אַרבעטער האָבן נישט באַקומען קיין אָפּרו-טאָג. וואָרום כל-זמן מען קען גראָבן און אַרויסנעמען גאָלד, איז אַ שאָד מען זאָל נישט אַרבעטן. די אויפזעער פלעגן זאָגן צו די אַרבעטער: ״רוען זענט איר געקומען אַהערצו?! איר זענט געקומען אַהערצו אַרבעטן!״.

אַזוי אַרום פלעגט מען יעדן טאָג, זיבן טעג אַ וואָך, אָפּאַרבעטן צווישן 15 ביז 18 שעה אַ טאָג, אָן אויפהער.

אין די אַרבעטס-פלעצער פלעגן הענגען פלאַקאַטן מיט דעם אויפשריפט: ״**בלויז דורך אַרבעטן ערנסט און זיך אויפפירן ערנסט, בלויז דורכדעם וועסטו זיך אומקערן צוריק צו דיין משפחה!** בלויז אַרבעט – אָט דאָס וועט העלפן!״.

**די שווערע אַרבעט ביי די טייגאַ-בערג אין קאַלימאַ**

### געוועזענע קאָמוניסטישע רעוואָלוציאָנערן אַרבעטן נישט און פאַלן טויט ווי די פליגן!

צווישן די פאַרשיקטע אין קאַלימאַ זענען אויך געווען געוועזענע קאָמוניסטן, וועלכע האָבן געהאַט דעם "זכות" זיך צו באַטייליקן אין דער קאָמוניסטישער רעוואָלוציע; טאַקע אָט די וואָס האָבן אָנגעבראַכט אויף אונז אַלע צרות.

נו, אָפּגעטאָן זייער אַרבעט, דערנאָך האָט זיי סטאַלין ימ"ש "דערציילט די מעשה" און האָט אויך זיי, זיינע געוועזענע בעסטע פריינט, פאַרשיקט! – "איר זענט געטריי צו דער מלוכה? – טאָ גייט אַרבעטן! גייט גראָבן גאָלד! די מלוכה דאַרף האָבן גאָלד!".

זייענדיק אין קאַלימאַ האָבן די דאָזיקע געוועזענע קאָמוניסטן – ביי זיי הייסט דאָס "די גרויסע" – נישט געקענט אַרבעטן. זיי זענען דערצו נישט געווען געוואוינט.

– מיר, די "פּשוטי'ע" פאַרשיקטע לאַגערניקעס, האָבן געוואוסט, אַז מען דאַרף אַרבעטן. מיר האָבן זיך דאָך געוואָלט אומקערן – לעבעדיקערהייט – צו אונזערע משפחות. איך בין דאַן אַלט געווען בלויז 24 יאָר. מען דאַרף דאָך צוריקקומען צו זיך. דעריבער האָבן מיר געאַרבעט שווער.

זיי אָבער זענען נישט געווען שייך צו אַרבעטן. זיי האָבן נישט געקענט אַרבעטן! מען דאַרף האַקן די האַרטע ערד; שטיין און אַרבעטן, נישט אָפּרוען זיך! –

דער סדר אין לאַגער איז געווען, אַז אויב מען אַרבעט נישט – באַקומט מען נישט קיין עסן. ובכן, האָט מען זיי געמאַטערט: מען האָט זיי נישט געגעבן קיין עסן, און אַזוי אַרום זענען זיי געפאַלטן טויט ווי די פליגן.

– פרק ל –

## ווינטער תש"ב (1941-42) אין קאַלימאַ

### עס פאַנגט-אָן צו ווערן ווינטער

אַזוי האָבן זיך, לאַנגזאַם, געצויגן די אַרבעטס-טעג, ביז ס'האָט אָנגעהויבן צו ווערן ווינטער אין קאַלימאַ.

**ווינטער תש"ב (1941-42) אין קאַלימאַ**

כאָטש די צייט פון יאָר ווען עס איז דער אמת׳ער ווינטער – וואָס מיר רופן אָן ״חורף״ – איז נאָך געווען גאַנץ ווייט, איז אָבער אין קאַלימאַ, אין סוף אויגוסט אָדער אָנהויב אָקטאָבער[53] שוין געוואָרן נאַס און קאַלט.

און דאָס אַלץ איז בלויז דערווייל; ביז ס׳וועט זיך אָנהויבן דער **אמת׳ער ווינטער**, ווי די איינגעזעסענע תושבים פון קאַלימאַ זאָגן: ״דער ווינטער וועט געבן צו הערן וואָס אַזוינס עס איז ׳ווינטער׳!״.

## מיר האַקן האָלץ אויף צו אָנוואַרימען אונזערע באַראַקן

אַז ס׳האָט אָנגעפאַנגען צו ווערן גאָר קאַלט, איז נאָכן ענדיקן אונזער שווערע טעגליכע אַרבעט, האָבן מיר ערשט גדאַרפט גיין קלייבן האָלץ אויף צו אָנוואַרימען אונזערע באַראַקן.

האָלץ אויף די טייגאַ-בערג איז דאָ גאָר אַ סך. ובכן האָט יעדערער געדאַרפט גיין אויפן באַרג אָנצוקלייבן אַביסל האָלץ.

דעם דאָזיקן האָלץ האָבן מיר געדאַרפט צוריקברענגען אין באַראַק, און מיט אים האָט מען אָנגעהייצט דעם ״אויוון״, וואָס איז באַשטאַנען פון אַן אייזערנע פאַס, אין וועלכע מ׳האָט אַריינגעוואָרפן דעם האָלץ און עס אָנגעצונדן.

## ווער געניסט פון דעם אָנגעהייצטן אויוון אין באַראַק?

די פאַס (דער ״אויוון״) פלעגט ברענען מורא׳דיק שטאַרק און פלעגט אַרויסגעבן אַ גאָר גרויסע וואַרימקייט, ביי וועלכע מ׳האָט געקענט אויסטריקענען די נאַסע קליידער פון דער אַרבעט און זיך אַביסל אָנוואַרימען.

אָבער ווער מיינט איר זענען עס געווען די וואָס האָבן זיך אַרומגעשטעלט אַרום דעם אויוון? – דאָס זענען געווען בלויז די ״פיינע״ חברה: די גנבים און די רוצחים! מיר, די פראָסטע ״עמד״, די פשוט׳ע באַראַק-איינוואוינער, זענען געשטאַנען פון דערווייטנס און זיי האָבן אונז נישט צוגעלאָזט נאָענט צום אויוון!

ערשט ווען דער פאַס (דער ״אויוון״) פלעגט זיך פאַרלעשן, ערשט דאַן פלעגן זיי אונז צולאָזן צוצוגיין נאָענט צום פאַס צו מאַכן אַ

---

53) דעם חשבון פון די אידישע חדשים האָב איך שוין דאַן געהאַט פאַרלאָרן; איך האָב געהאַלטן חשבון בלויז לויטן גוי׳אישן (רוסישן) חשבון.

״שהחיינו״ אויף דעם פּאָס!

די אַרבעט דאָ, אין קאַלימאַ, ביים גראָבן גאָלד אין אַלגעמיין, און ספּעציעל ווען עס פאַנגט אָן צו ווערן קאַלט, און גאָר ספּעציעל ווען עס ווערט דער אמת׳ער ווינטער, איז געווען מורא׳דיק שווער. עס איז געווען אַזוי שווער און ביטער, אַז אַנטקעגן דעם, איז מיין פריערדיקע שווערע אַרבעט ביים זעגן די בוימער אין קאָנסק (סיביר)[54] – געווען אַ גן-עדן!

## די אַרבעט בעת עס ווערט גאָר שטאַרק קאַלט

דאָס אַלץ האָט מען נאָך געאַרבעט ביז עס זענען אָנגעקומען די שטאַרקע פרעסט, ווען דאָס וואַסער איז פאַרפרוירן געוואָרן. דעמאָלט האָט מען אויפגעהערט צו גראָבן פאַר גאָלד, וואָרום צוליב דעם פאַרפרוירענעם וואַסער האָט מען דאַן נישט געקענט נוצן דעם גאָלד-וואַשער אויף צו רייניקן די ערד כדי אַרויסצונעמען פון איר דעם גאָלד.

דעמאָלט האָט זיך אָנגעפאַנגען אינגאַנצן אַן אַנדער סאָרט אַרבעט.

ווי באַקאַנט, געפינט זיך דער גאָלד נישט אין דער אויבערפלעכליכער ערד-שכבה, נאָר טיפער אַביסל. און דעריבער, כדי צו זוכן פאַרן גאָלד, דאַרף מען פריער אַראָפּנעמען די אויבערשטע ערד (לערך אַ מעטער טיף).

און אין דעם איז באַשטאַנען די אַרבעט ווינטער: אַראָפּצונעמען די אויבערשטע ערד, און צוגרייטן דעם באָדן, כדי אַז ווען עס וועלן ווידער קומען די צוויי זומער-חדשים (יוני און יולי) זאָל מען קענען צוריק אָנפאַנגען גראָבן פאַר גאָלד.

## דאָס אויפרייסן די פאַרפרוירענע ערד מיט דינאַמיט

די אַרבעט ווינטער איז פאָרגעקומען ווי פאָלגענד:

במשך פון טאָג פלעגט מען אויסהאַקן טיפע גריבעלעך אין דער אייז-פאַרפרוירענער ערד. דאָס אויסהאַקן די גריבעלעך פלעגט געטאָן ווערן מיט אַ ״לאָם״. דאָס איז אַזאַ לאַנגער, דינער אייזן, וועלכער האָט אַ שאַרפן שפּיז.

פאַרנאַכט, איידער מען פלעגט פאַרענדיקן די אַרבעט פון טאָג,

54) ווי דערציילט אויספירליך פריער אין קאַפּיטל כג.

פלעגט מען אין די דאָזיקע גריבעלעך אַריינלייגן אויפרייס-דינאַמיט (אויף רוסיש הייסט עס: "מאַנאַל"), צו וועלכע עס זענען געווען צוגעבונדן לאַנגע אָנצינד-קנייטלעך. נאָכדעם פלעגט מען פאַרטרייבן אַלע אַרבעטער ווייט פון די גריבעלעך מיט דעם דינאַמיט. דאַן פלעגט מען פונדערווייטנס אָנצינדן די קנייטלעך, און אויפרייסן דעם דינאַמיט.

דאָס פלעגט פאַנאַנדערברעקלען דעם אויבערפלעך פון דער ערד, וועלכן מען פלעגט אַוועקוואַרפן. אַזוי, אַז ווען די ערד איז אַביסל אָפּגעגאַנגען פון איר פאַרפרוירנקייט, האָט מען ווידער געקענט אָנגהויבן גראָבן פאַר גאָלד.

די אויבנדערמאָנטע אַרבעט האָט זיך געצויגן במשך דעם גאַנצן ווינטער (דאָס הייסט פאַר די קומענדע צען חדשים), ביז עס זענען ווידער געקומען די צוויי זומער-חדשים, ווען מען האָט ווידער אָנפאַנגען צו גראָבן פאַר גאָלד.

**מיר אַרבעטן אין 49- דיגריס צעלסיוס!**

און אָט אַזוי, פאַמעלעך האָט זיך אָנגערוקט דער אמת'ער ווינטער אין קאַלימאַ, און די אַרבעט איז געוואָרן אַלץ שווערער. מען פלעגט אונז אַרויספירן צו דער אַרבעט אויך בשעת די טעמפעראַטור אינדרויסן איז געפאַלן ביז 40- דיגריס צעלסיוס, און אפילו ביז 45- דיגריס. ביז צו 49- דיגריס האָט מען אונז נאָך אַלץ געשיקט אַרבעטן!

בלויז בשעת די טעמפעראַטור אינדרויסן פלעגט פאַלן ביז 50- דיגריס צעלסיוס, דעמאָלט פלעגט מען אונז נישט אַרויסשיקן צו דער אַרבעט!



**אַרבעט אין אַ פאַרפרוירענער טעמפעראַטור**

**ווינטער תש"ב (1941-42) אין קאַלימאַ**

## די הענט ווערן פאַרפרוירן ביי דער אַרבעט

דער אויבנדערמאָנטער אייזן מיט וועלכן מען פלעגט אויסהאַקן די גריבלעך פלעגט זיין אייז-קאַלט. און אַזוי ווי אונזערע ״הענטשיקעס״ זענען באַשטאַנען פון בלויז אַ דינעם זאַק – פלעגן אונזערע הענט שטענדיק פאַרפרוירן ווערן.

נישט ווייט פון אונז פלעגט זיצן אונזער שומר, וועלכער פלעגט היטן, אַז מיר זאָלן אַרבעטן פלייסיג און דערפילן אונזער טעגליכע נאָרמע. (יאָ, אויך אין די גרויסע פרעסט דאַרף מען דערפילן די נאָרמע!). דער שומר פלעגט אונז הייסן ברענגען פאַר אים האָלץ, כדי ער זאָל קענען אָנצינדן נעבן זיך אַ פייער אויף צו דערוואַרימען זיך!

אָבער פאַר אונז, די אַרבעטער, האָט דער דאָזיקער פייער פון דעם שומר גאָרנישט געהאָלפן – ערשטנס, ווייל ער וואָלט אונז נישט צוגעלאָזן צום פייער זיך צו וואַרימען, וואָרום מען דאַרף אַרבעטן. און צווייטנס, בעת די הענט ווערן פאַרפרוירן איז מסוכן זיי אָנצוואוואַרימען ביי פייער. וואָרום דער קאָנטראַסט צווישן דער קעלט פון די הענט מיט דער היץ פון דעם פייער קען פאַראורזאַכן, אַז די הענט זאָלן זיך ברעכן ח״ו.

די איינציקע עצה איז, צו רייבן די הענט איינע אין די אַנדערע.

## דער נאָז ווערט פאַרפרוירן פון קעלט!

פון דעם שטאַרקן פראָסט פלעגט אָפט אָפּגעפרוירן ווערן דער נאָז! ער פלעגט דעמאָלט ווערן ווייס. אין אַזאַ פאַל דאַרף מען אויסטאָן די ״הענטשיקעס״, נעמען שניי און רייבן דערמיט[55] דעם נאָז כדי ער זאָל אָפּגיין.

בשעת דער נאָז ווערט פאַרפרוירן פילט עס גאַר דער מענטש נישט. עס פלעגט אָפט טרעפן, אַז גייענדיק אויפן וועג פון דער אַרבעט פלעגט מען באַמערקן, אַז ביי איינעם איז דער נאָז ווייס, און מען פלעגט אים אויפמערקזאַם מאַכן, אַז זיין נאָז איז פאַרפרוירן און אַז ער זאָל גיך אים רייבן מיט שניי.

---

55) דער מחבר צייכנט דאָ אָן צו לקוטי תורה, פרשת ואתחנן, דיבור המתחיל ״ענין ק״ש אחד ואהבת כו״, סעיף ג׳ (יב, ג), וואו עס שטייט ווי פאָלגענד: ״אם הזיק את הרגל בקרירות, (ש)הרפואה היא לשפשפו בשלג כו״.

**ווינטער תש"ב (42-1941) אין קאַלימאַ**

עס זענען געווען אַזעלכע אַרבעטער, וואָס בשעת זייער נאָז פלעגט פאַרפרוירן ווערן, האָט עס זיי נישט געהאַרט, טראַכטנדיק: וואָס האַרט דאָס מיך, אַז איך וועל פאַרבלייבן מיט בלויז אַ האַלבן נאָז?! צוליב וואָס דאַרף איך אַ שיינעם נאָז? – איך קלייב זיך דאָ סיי-ווי "בלייבן" דאָ!

**מענטשן באַפּוצן זיך מיט גאָלד צוליב וועלכן אַנדערע מענטשן זענען געפאַלן קרבנות**

[אַ מאמר המוסגר:

גאָלד איז אַ שיינע און אַ טייערע זאַך. מענער און פרויען באַפּוצן זיך מיט גאָלדענע צירונגען.

ווען מענטשן וואָלטן זיך אָבער אַריינגעטראַכט, וואָלטן זיי פאַרשטאַנען, אַז אין דעם דאָזיקן גאָלד וואָס זיי טראָגן איז באמת פאַראַן מענטשישע בלוט! וואָרום ביים גראָבן פאַר אָט דעם גאָלד זענען פיל מענטשן געפאַלן קרבנות פון דער אַרבעט און אויסגעגאַנגען פון הונגער און פון קעלט!

ע"כ מאמר המוסגר].

**די וואָס אַרבעטן נישט – באַקומען נישט קיין עסן, און שטאַרבן פון הונגער**

דער סדר אין לאַגער איז געווען, אַז די מאָגערע פּאָרציע עסן פון דעם טאָג (וועלכע מען פלעגט סערווירן ביינאַכט, נאָך דער אַרבעט), פלעגט מען אויסטיילן לויט דער מאָס פון דער אַרבעט:

אויב מען איז אין אַ געוויסן טאָג נישט אַרויס צו דער אַרבעט – האָט מען דעם טאָג באַקומען בלויז צוויי הונדערט גראַם ברויט און א שטיקעל געזאַלצענע הערינג (דאס איז האלב דער נאָרמאַלע פּאָרציע פון פיר הונדערט גראַם ברויט, וואס האבן באקומען די וואס האבן דערפילט זייער אַרבעטס-נאָרמע פון טאָג). אויב מען איז יאָ אַרויס צו דער אַרבעט, נאָר מען האָט נישט דערפילט די אַרבעטס-נאָרמע פון דעם טאָג, מערניט ווי לחצאין, לשליש ולרביע – האָט מען אויך דעם עסן באַקומען מערניט ווי לחצאין, לשליש ולרביע.

פאַרשטייט זיך, אַז בשעת מען האָט נישט באַקומען גענוג צו עסן דעם פריערדיקן אָוונט – איז מען דעם קומענדן טאָג געווען שוואַך און נישט געקענט אַרויסגיין צו דער אַרבעט (אָדער נישט געקענט אויספילן

די אַרבעטס-נאָרמע פון דעם טאָג). וויבאַלד מען האָט נישט געאַרבעט (אָדער נישט אויסגעפילט די אַרבעטס-נאָרמע פון דעם טאָג) – האָט מען ווידער קומענדן אָוונט באַקומען בלויז אַ קליינע פּאָרציע עסן, און אַזוי איז מען ווידער אויף מאָרגן געווען נאָך שוואַכער, און נישט געקענט אַרבעטן (אָדער געאַרבעט נאָך ווייניקער), און במילא – ווידער באַקומען גאָר ווייניק צו עסן.

אַזוי אַרום, אַז נאָך עטליכע טעג פון (נישט אַרבעטן, און במילא) נישט עסן איז מען געפאַלן טויט.

אין די ווינטער-חדשים איז דער מצב געווען נאָך ערגער: אין צוגאָב צום הונגער איז אויך צוגעקומען די שטאַרקע קעלט. אַזוי, אַז אין ווינטער זענען מענטשן וואָס האָבן נישט געאַרבעט (אָדער נישט דערפילט זייער אַרבעטס-נאָרמע) און במילא נישט געגעסן – געפאַלן טויט ווי די פליגן!

**איך באַשליס צו אַרבעטן גוט כדי צו בלייבן לעבן!**

איך האָב זיך "גענומען אין די הענט", און באַשלאָסן צו אַרבעטן גוט, כדי צו באַקומען דאָס ביסל עסן און בלייבן לעבן.

פאַרשטייט זיך, אַז דער טעגליכער עסן איז געווען גאָר אַ קליינער: נאָכן אָפּהאָרעווען אַ גאַנצן טאָג, איז בעת מען איז געקומען ביינאַכט צוריק אין לאַגער, האָט מען סערווירט אַ גאָר קליינע ווייסע בולקע, די גרויס ווי אַן איי. אָבער אויך אויף צו פאַרדינען אָט די "סעודה" האָט מען געדאַרפט גוט אָפּאַרבעטן במשך פון דעם טאָג.

– פרק לא –

## מען שניידט ביי מיר אָפּ אַ פינגער פון פוס

### אַ באָד איין מאָל אין וואָך!

דער סדר אין לאַגער אין קאַלימאַ איז געווען, אַז בלויז איין מאָל אין וואָך פלעגן די אַרעסטאַנטן דערלויבט ווערן זיך צו באָדן. אָבער אָט דעם איין מאָל אין וואָך האָבן די אַרעסטאַנטן **געמוזט** זיך באָדן; מען האָט זיי **געטריבן** צו באָדן זיך.

בעת דעם דאָזיקן אויסבאָדן זיך, פלעגן די אַרעסטאַנטן אויך אויסוואַשן זייערע קליידער. מען פלעגט די קליידער אָפּקאָכן

(״זשאַרען״) אין זודיקן וואסער.

דאָס אויסטאָן זיך צום באָדן (און צו וואַשן די קליידער) – איז געווען דאָס איינציקע מאָל אין וואָך וואָס מיר האָבן אויסגעטאָן אונזערע קליידער, וואָרום ווי שוין באַמערקט פריער (קאַפּיטל כ״ט), פלעגן מיר שלאָפן מיט אונזערע קליידער אויף זיך, כדי צו היטן זיי, אַז זיי זאָלן נישט געגנב׳עט ווערן... און אַזוי אויך דאָס אויסטריקענען די נאַסע קליידער ביים ״אויוון״ איז געטאָן געוואָרן מיט די קליידער אויף זיך.

## איך אַנטדעק אַן אינפעקציע אין פינגער פון פוס

ויהי היום, בעת איך האָב זיך אויסגעטאָן די קליידער אויף צו נעמען אַ באָד, דערזעע איך, אַז אַ האַלב פון דעם גראָבן פינגער פון מיין רעכטע פוס איז שוואַרץ! איך באַטראַכט גוט מיין פינגער, און איך זע, אַז עס גייט פון אים עפּעס אַ לחלוחית.

איך בין באַלד אַריינגעגאַנגען צום לאַגער-דאָקטאָר. ער באַטראַכט גוט מיין פינגער, און זאָגט צו מיר: ״אָהָ, ברודערקע – דו האָסט אָפּגעפרוירן דיין פינגער!״. און ער זעצט-פאָר: ״מען דאַרף באַלד אָפּשניידן אַ טייל פון דעם פינגער. וואָרום אויב נישט, וועט די אינפעקציע זיך אויסשפרייטן ווייטער, און דאַן וועט זיין ערגער״.

## מען האַקט מיר אָפּ אַ האַלבן פינגער

נו, אַז דער דאָקטאָר זאָגט, אַז מען דאַרף אָפּשניידן אַ טייל פון פינגער – דאַרף מען אָפּשניידן.

איך לייג זיך אַוועק. דער דאָקטאָר נעמט אַרויס אַזאַ מין שער, און אָן קיינע הכנות — נישט מיר איינגעשלעפערט און נישט מיין פינגער ״פאַרפרוירן״, כדי איך זאָל ניט פילן דעם שטאַרקן ווייטאָג – גיט ער אַ קנאַק! און אַ האַלבער פינגער איז אָפּגעשניטן!

דער ווייטאָג דערפון איז געווען אַזוי שטאַרק, אַז איך האָב געזעען מיין מאַמען פון עולם האמת!

## איך דערהאָל זיך אין לאַגער-שפּיטאָל

נאָכן אָפּשניידן דעם פינגער, האָט מען מיך פאַרבאַנדאַזשירט, און מיך אַריינגעפירט אין דעם שפּיטאָל פון לאַגער זיך דאָרט צו דערהאָלן נאָך מיין ״אָפּעראַציע״.

**מען שניידט ביי מיר אָפּ אַ פינגער פון פוס**

די וווּנט פון דעם דאָזיקן "שפּיטאָל" זענען געווען פון ברעזענט, און בעת עס האָט אינדרויסן געהערשט אַ פראָסט – האָט זיך אינעווייניק, אויף די ווענט געשאַפן אייז; שניי! און דאָס איז שוין אַ שפּיטאָל פאַר קראַנקע מענטשן!

אין שפּיטאָל הערשט אויך אַ שלעכטער ריח. דאָס קומט דערפון וואָס עס ליגן דאָרט אָפּגעפרוירענע מענטשן, רחמנא ליצלן, ווי אויך טויטע פגרים. דאָרט ווערט מען אינגאַנצן נישט נתפעל פון אַ טויטן פגר. מען גייט-פאַרביי, מען זעט אַ פגר, און מען גייט ווייטער.

בקיצור, דער ריח איז געווען אַ מורא׳דיקער. עס איז געווען "שומו שמים"!

הכלל, אַזוי בין איך אָפּגעלעגן צוויי-דריי וואָכן אין "שפּיטאָל".

דער דאָקטאָר קומט מיר באַזוכן. ער באַטראַכט מיין וואונד און זעט, אַז עס פאַרהיילט זיך עפּעס נישט. ער באַשליסט, אַז איך דאַרף ווייטער ליגן אין בעט, און אַז איך זאָל האַלטן מיין פוס אַביסל העכער.

## דער דאָקטאָר באַשליסט, אַז מען דאַרף נאָכאַמאָל שניידן דעם פינגער!

עס גייט דורך אַ חודש. דער דאָקטאָר באַזוכט מיר ווידער, באַטראַכט מיין וואונד, און דערקלערט: מען דאַרף נאָכאַמאָל שניידן דעם פינגער!

ער קלערט מיר אויף, אַז בעת דעם פריערדיקן שניידן האָט מען נישט געשניטן גענוג און עס איז נאָך פאַרבליבן אַ שטיקל פאַרפרוירענע פלייש אין פינגער. "פון זיך אַליין וועט עס נישט פאַרהיילט ווערן – גיט ער צו – מען מוז דאָס אָפּשניידן. טאָמער מען וועט עס נישט אַראָפּנעמען, וועט זיך די אינפעקציע פאַרשפּרייטן מער!".

הערנדיק דאָס שריי איך אויס: וואָס?! ווייטער שניידן דעם פינגער לעבעדיקערהייט, נישט איינגעשלעפערט?!

– ניין, זאָגט ער, איצט וועלן מיר "פאַרפרירן" דעם פינגער, אַזוי אַז דו וועסט נישט פילן קיין ווייטאָג.

נו, אַז מ׳דאַרף – דאַרף מען. וכך הוה, מען האָט ביי מיר אָפּגעשניטן נאָך אַ שטיקל פון פינגער, און איך בין פאַרבליבן אין שפּיטאָל נאָך אַ חודש אויף זיך צו דערהאָלן פון דער צווייטער "אָפּעראַציע".

**מען שניידט ביי מיר אָפּ אַ פינגער פון פוס**

### איך פאַנג אָן אַרבעטן צוביסלעך אין שפּיטאָל

צוביסלעך האָט זיך מיין וואונד אָנגעהויבן צו פאַרהיילן, און די הויט פון פינגער האָט זיך אָנגעהויבן צוביסלעך צו פאַרציען.

פילנדיק זיך אַביסל בעסער, האָב איך אָנגעפאַנגען אַראָפּצוגיין פון בעט און אַביסל אַרומגיין. און אַזוי האָב איך צוביסלעך אָנגעפאַנגען צו אַרבעטן אין שפּיטאָל.

מיין אַרבעט איז באַשטאַנען אין באַדינען אַנדערע חולאים.

– פרק לב –

## דער באַן וואָס פירט אַוועק די טויטע פון די לאַגערן

### די באַן-ליניע וואָס שניידט-דורך די לאַגערן אין קאַלימאַ

אויף יעדע צען קילאָמעטער אין קאַלימאַ איז דאָ אַ לאַגער. נעבן די לאַגערן גייט-דורך אַ שמאָלינקע באַן-ליניע, אויף וועלכע עס פאָרט אַ שמאָלינקער באַן.

וואָס איז דאָס פאַראַ באַן-ליניע?

ערגעץ דאָרט זייער וייט געפינט זיך אַן ענערגיע-סטאַנציע וואָס פּראָדוצירט עלעקטריציטעט. די ענערגיע-סטאַנציע ווערט אַקטיווירט דורך קוילן, וועלכן ווערן אַהין געברענגט – פון אַ קוילן-גרוב אין דער אַנדער זייט – דורך דער דאָזיקער באַן.

### דער קוילן-באַן פירט אַרויס די טויטע קערפּערס פון די לאַגערן

אַזוי ווי אין יעדן איינעם פון די לאַגערן שטאַרבן דאָך יעדן טאָג מענטשן, איז יעדע נאַכט פאָרט דער דאָזיקער קליינער באַן פאַרביי די לאַגערן און שטעלט זיך אָפּ ביי יעדן פון זיי, און די אַרעסטאַנטן פון די לאַגערן דאַרפן אַרויסטראָגן די מתים און זיי אָנלאָדענען אויף דעם באַן, וועלכער פירט זיי אַוועק.

מען טראָגט די פגרים אַרויס אויף אַזאָ אָפענע וועגעלע (אַ "פאַרשאַטקע" אויף רוסיש). מען לייגט זיי צונויף איינע אויף די אַנדערע און מען בינדט זיי צוזאַמען אַזוי ווי מען בינד צונויף האָלץ. די פגרים האָבן דאָרט קיין שום ווערט נישט!

[אָט דאָס איז טאַקע דער אמת'ער "**ביטול היש**"; אָט דאָ זעט מען

טאַקע, ווי אַזוי אַ מענטש איז גאָרנישט מיט גאָרנישט, אין ואפס ממש.

אַזוי, אַז מען לערנט וועגן "ביטול היש", טראַכט מען שטענדיק, אַז דאָס מיינט מען **יענעמס** "יש", נישט דעם אייגענעם; ערשט דאָ זעט מען, ווי אַזוי יעדער מענטש זעלבסט איז "אין ואפס" – גאָרנישט מיט נישט! דאָ זעסטו, ווי אַזוי **דו אַליין ביסט אַ גאָרנישט**! דאָ זעט מען, ווי אַזוי אַ מענטש איז בלויז אַ שטיקל האָלץ; "עפר ואפר"].

## רבונו של עולם: ברענג מיר כאָטש צו קבר ישראל!

בשעת איך בין שוין געוואָרן געזונט און איך בין שוין אַרויס פון שפיטאָל, זע איך אַנומעלט, ווי אַזוי ס'פאָרט-צו דער באַן צום לאַגער, מען פירט-צו די וועגעלע (די "פּאַרשאַטקע") מיט די מתים צו דער באַן, מען לייגט זיי צונויף אַזוי ווי האָלץ און מען לאָדנט זיי אַרויף אויף דער באַן.

אויף מיין פראַגע, וואוהין דער באַן פירט אַוועק די מתים, באַקום איך דעם ענטפער, אַז מען פירט זיי אַוועק ערגעץ-וואו און מען וואַרפט זיי דאָרט אַרויס פאַר די חיות פון וואַלד!

איך טראַכט זיך: רבונו-של-עולם, האָב רחמנות, ברענג מיר צו קבר ישראל! די רשעים זאָלן מיט מיר ח"ו ניט מקיים-זיין וואָס עס



דער "בית-הקברות" אין קאַלימאַ

**דער באַן וואָס פירט אַוועק די טויטע פון די לאַגערן**

שטייט אין תהלים (עט, ב) ״נתנו את נבלת עבדיך מאכל לעוף השמים בשר חסידיך לחיתו-ארץ״ (ווי עס געשעט מיט די דאָזיקע מתים)!

איך טראַכט שוין נישט וועגן דורכלעבן דעם לאַגער און אויפשטעלן אַ משפחה, וועגן צוריקקומען צו מיין משפחה; וואָס לעבן, ווער משפחה – כאָטש קומען צו קבר ישראל און ליגן צווישן אידן! איך טראַכט זיך: ״זאת היתה לי כי פיקודיך נצרתי״ (תהלים קיט, נו).

– פרק לג –

## דאָס זיין אין שפיטאָל האָט מיך געראַטעוועט פון טויט

### איך ווער פולקאָם געזונט און איך קער זיך אום צו דער אַרבעט

מיין וואונד האָט זיך, ברוך השם, פולקאָם פאַרהיילט, איך האָב פאַרלאָזט דעם לאַגער-שפיטאָל און זיך אומגעקערט צו דער אַרבעט פון אויסהאַקן גריבעלעך.

דער ווינטער גייט נאָך אַלץ, אָבער איך זאָג צו זיך: ברוך מרדכי, מען דאַרף אַרבעטן! טאָמער ווילסטו נאָך אַמאָל צוריקקומען פון לאַגער און נאָך אַמאָל זיין אַ מענטש – דאַרפסטו אַרבעטן! און אפשר וועט דער אויבערשטער רחמנות האָבן.

אין לאַגער טאָר מען זיך נישט אָפּלאָזן. טאָמער מען לאָזט זיך חלילה אָפּ אַ טאָג-צוויי און מ׳אַרבעט נישט – איז פאַרפאַלן! מען וועט שוין קיין מענטש נישט ווערן.

### רוב לאַגערניקעס זענען געשטאָרבן פון דעם קאַלטן ווינטער!

אַרויסגייענדיק פון שפיטאָל קוק איך זיך אַרום און איך זע, אַז דער לאַגער איז כמעט ליידיק!

איך פרעג זיך נאָך ביי די לעבן-געבליבענע, וואו עס זענען אַהינגעקומען דאָס רוב לאַגערניקעס, און זיי דערציילן מיר, אַז די עטלעכע חדשים פון ווינטער וואָס איך האָב פאַרבראַכט אין שפיטאָל זענען געווען גאָר שטאַרק קאַלטע; די טעמפּעראַטורע האָט געגרייכט ביז 55-60 דיגריס צעלסיוס און די אַרבעטער זענען געפאַלן טויט ווי די פליגן.

### דאָס זיין אין שפיטאָל האָט מיך געראַטעוועט

### דאָס זיין אין שפּיטאָל אין די קאַלטער ווינטער-חדשים האָט מיך געראַטעוועט פון טויט

איך האָב זיך געטראַכט: געלויבט דער אויבערשטער! דאָס שטיקל פינגער וואָס מען האָט מיך אָפּגעשניטן, האָט מיך געראַטעוועט פון טויט! וואָרום צוליב די דאָזיקע צוויי "אָפּעראַציעס" אויף מיין פינגער בין איך אָפּגעלעגן אין לאַגער-שפּיטאָל במשך די עטלעכע שווערע ווינטער-חדשים, און נישט געדאַרפט אַרויסגיין צו דער אַרבעט, און אַזוי אַרום בין איך געבליבן לעבן.

– פרק לד –

## איך בין זיך משתדל נישט צו דאַרפן אַרבעטן שבת

### איך באַקען זיך מיטן לאַגער-דאָקטאָר – אַ איד

מיט דער צייט האָב איך זיך באַקענט מיט דעם לאַגער-דאָקטאָר, זיך פאַנאַנדער גערעדט מיט אים און זיך דערוואוסט, אַז ער איז אַ איד! אויך ער – אַזוי ווי איך – איז פאַרמשפּט געוואָרן פאַר זיינע "חטאים"; טאַקע נישט פאַר די זעלבע "חטאים" ווי איך (פון פאַרשפּרייטן אידישקייט) אָבער פאַר אַנדערע ענינים.

### דער אידישער לאַגער-דאָקטאָר העלפט מיר איך זאָל נישט דאַרפן אַרבעטן שבת

אַנומעלט רעדנדיק מיט אים פריינטליך, רוף איך זיך אָפּ צו אים: אפשר קענט איר מיר טאָן אַ טובה, מיר העלפן אַז איך זאָל שבת נישט דאַרפן אַרויס צו דער אַרבעט!

– אַה – רופט ער זיך אָפּ – דו ביסט אַ רעליגיעזער איד און דו ווילסט נישט אַרבעטן שבת?

– ריכטיק – ענטפער איך – איך וויל נישט און טאָר נישט אַרבעטן שבת.

– ווייסט וואָס? – זאָגט ער צו מיר – פּרייוואַטיק פאַרנאַכט, נאָך דער אַרבעט, קום אַריין צו מיר אויף אַ וויזיט, וועל איך דיר אַרויסגעבן אַ צעטל, אַז דו ביסט נישט-געזונט און אַז דו ביסט באַפרייט פון אַרויסגיין צו דער אַרבעט אויף מאָרגן, שבת.

נו, ברוך השם, גאַנץ פיין, דאָס האָט געלונגען, און במשך אַ

לענגערע צייט האָב איך נישט געאַרבעט שבת.

**אַ הויכע קאָמיסיע באַזוכט דעם לאַגער און וואונדערט זיך, הלמאי יעדן שבת ווער איך פלוצלונג "קראַנק"!**

איינע פון די פרייטיק פאַרנאַכטס, ווען איך בין אַריינגעקומען צו מיין פריינט דעם לאַגער-דאָקטאָר צו אַרויסנעמען דעם צעטל, אַז איך בין נישט געזונט און איך בין באַפרייט פון דער אַרבעט מאָרגן – רופט ער זיך אָפּ צו מיר און זאָגט: הער זיך איין, די מעשה איז אַ שלעכטע!

– וואָס איז געשעען?! – פרעג איך ביי אים. ער דערציילט מיר ווי פאָלגענד:

– עס איז געקומען צופאָרן אין לאַגער אַ קאָמיסיע פון די "הויכע פענסטער", און זיי האָבן זיך געוואונדערט, וואָס פאַראַ מעשה איז דאָס מיט דעם "ליפשיץ"?! ווען ס'קומט שבת – איז ער פלוצלונג קראַנק און קען נישט אַרבעטן! אַ גאַנצע וואָך אַרבעט ער גוט, און שבת ווערט ער פלוצלונג קראַנק!

– איך האָב זיי געענטפערט – דערציילט מיר דער אידישער דאָקטאָר – וואָס ווייס איך?! אַ מענטש קומט צוגיין, גייט צו מיר אַריין, איך אונטערזוך אים און איך זע, אַז ער האָט אַ הויכע היץ (פיווער), באַפריי איך אים פון דער אַרבעט!

**דער לאַגער דאָקטאָר קען מיר מער נישט העלפן איך זאָל זיין פטור פון אַרבעטן שבת**

– נו – זאָגט מיר דער דאָקטאָר – עס האָט מיך געלונגען און זיי האָבן מיר געלאָזן גיין. אָבער מער קען איך דיר נישט העלפן. איך האָב מורא, אַז מ'וועט מיך כאַפּן מיט דער דאָזיקער "עבירה" און מ'וועט מיר אָפּזאָגן פון מיין אַרבעט אַלס לאַגער-דאָקטאָר און שיקן מיר גראָבן די ערד גלייך מיט דיר!

נו, וואָס קען איך טאָן. איך האָב אים שטאַרק אָפּגעדאַנקט פאַרן עבר און אים געוואונטשן ער זאָל זיין געזונט, בלייבן לעבן און צוריקקומען צו זיין משפחה לעבעדיקערהייט.

**איך בין זיך משתדל נישט צו דאַרפן אַרבעטן שבת**

– פרק לה –

## איך ווער זייער אָפּגעשוואַכט פון דער אַרבעט

ווי שוין דערמאָנט פריער, האָב איך נאָכן אַרויסגיין פון שפּיטאָל באַשלאָסן צו אַרבעטן גוט, כדי צו בלייבן לעבן, און אַזוי האָב איך טאַקע פאַרגעזעצט מיין אַרבעט אין קאַלימאַן ביים גראָבן פאַר גאָלד אין די ווייטערע חדשים פון ווינטער 1941 און אַזוי אויך דעם המשך פון יאָר.

אָבער כאָטש איך האָב באַשלאָסן מיט אַן אייזערנעם ווילן צו אַרבעטן, איז דאָך אָבער אַ מענטש נישט געמאַכט פון אייזן. און אפילו אייזן ווערט אויך "איבערגעברענט". און אַזוי האָב איך טאַקע אָנגעהויבן פילן, אַז איך ווער-אָן מיינע כוחות. מיינע פיס זענען געוואָרן געשוואָלן פון קעלט, און דער עיקר – פון הונגער, פון דעם מאָגערן עסן וואָס מיר האָבן באַקומען.

### אימפּראָוויזירטע "שיך" ווען אונזערע פיס ווערן געשוואָלן פון קעלט און הונגער

נו, אַז די פיס ווערן געשוואָלן – קען מען דאָך נישט אָנטאָן אויף זיי קיין שיך, וואָרום עס זענען נישטאָ אַזעלכע גרויסע שיך. אַזוי ווי מיר האָבן אָבער געהאַט וואַרימע קליידער, פלעגן מיר אָפּשניידן די אַרבל פון אונזערע מלבושים און עס אָנטאָן אויף די פיס, און דאָס האָט געדינט אַנשטאָט שיך!

ובכן, וואָס ווייטער האָב איך געפילט, אַז איך פאַרליר אַלץ מער מיינע כוחות און אַז מיין געזונט-צושטאַנד ווערט אַלץ ערגער און ערגער.

### מען באַשליסט מיך אַריבערצופירן צו אַ גרינגערע אַרבעט

מיינע אויפזעער האָבן איינגעזעען, אַז איך וויל טאַקע מיט אַן אמת אַרבעטן, און איך אַרבעט גוט, אָבער איך האָב מער נישט קיין כוח. דעריבער האָבן זיי באַשלאָסן, אַז מ'דאַרף מיר אַריבערפירן אין אַן אַנדערן לאַגער, אויף אַן אַנדערע, גרינגערע, אַרבעט.

מיין נייע אַרבעט, האָבן זיי באַשלאָסן, וועט זיין צו רייניקן די גרויסע קאַלימסקע וועג פון שניי – אַן אַרבעט וואָס איז, זעלבסטפאַרשטענדליך, באין-ערוך גרינגער ווי אויסהאַקן גריבלעך אין

דער אייז-פאַרפרוירענער ערד כדי צו קענען דאָרט גראָבן פאַר גאָלד.

צוביסלעך האָבן זיך צונויפגעקליבן נאָך מענטשן פון אונזער לאַגער וואָס זענען געוואָרן קראַנק פון דער אַרבעט, און מען האָט אונז צוזאַמען אַריבערגעפירט אין אַ נייעם לאַגער, אונטער אַ נייעם רעזשים.

– פרק לו –

# ווינטער תש"ב ביים רייניקן דעם שניי פון דער קאַלימסקער וועג

## די קאַלימסקע וועג

די גרויסע קאַלימסקע וועג איז געווען די איין און איינציקע וועג וואָס האָט געפירט ביז טיף טיף אין קאַלימאַ. דאָס איז געווען דער איינציקער וועג אויף וועלכן עס זענען געפאָרן אויטאָס אין קאַלימאַ.

דער דאָזיקער וועג איז אויך געווען דער איין און איינציקער וועג אויף וועלכן עס זענען געפאָרן די לאַסט-אויטאָס וואָס האָבן פאַנאַנדערגעפירט עסנוואַרג און דאָס גלייכן אין די אַלע לאַגערן פון קאַלימאַ. בקיצור: אין אָט דעם וועג איז געווען אָפּהענגיק דער לעבן פון די מיליאָנען מענטשן וואָס האָבן זיך געפונען אין די לאַגערן לענג-אויס דעם וועג.

## די שטאַרקע שנייען וואָס דעקן-צו דעם קאַלימסקער וועג

אין די ווינטער-חדשים פלעגט אָבער דער שטענדיקער שניי פאַרדעקן דעם וועג, און אַזוי אַרום פלעגט עס קענען פּאַראַליזירן דעם פאַרקער. און דאָס איז געווען אונזער אַרבעט, צו כסדר רייניקן דעם וועג פון דעם שניי, כדי אַז דער פאַרקער זאָל קענען גיין אויף ווי ווייט מעגליך.

די אַרבעט איז געווען אַזאַ, אַז זי איז נישט געווען אויסגעשטעלט אין רעגולערע טעגליכע אַרבעטס-שעה׳ן. וואָרום זייער אָפט פלעגן מיר דאַרפן אויפשטיין אינמיטן נאַכט צו אָפּרייניקן דעם וועג פון דעם שניי וואָס איז ערשט-אָ געפאַלן.

עס זענען געווען צייטן ווינטער, ווען עס פלעגן פאַלן אַזעלכע שטאַרקע און געדיכטע שנייען (אויף רוסיש הייסט עס אַ "פּורגאַ"), אַז מ׳האָט דאַן קוים געקענט האַלטן אָפן די אויגן. בעת עס פלעגן פאַלן די

דאָזיקע שטאַרקע שנייען האָט מען נישט געקענט רייניקן די וועג, וואָרום גלייך ווי מען פלעגט אָפּרייניקן דעם וועג פון דעם שניי, פלעגט ער ווידער צוגעדעקט ווערן מיט שניי. אין אַזאַ פאַל האָבן מיר געדאַרפט וואַרטן ביז דער שניי ווערט שוואַכער, און ערשט דאַן אָפּרייניקן דעם וועג.

איך האָב געאַרבעט פלייסיג, ווייל איך האָב געוואוסט, אַז באַלד (אין פרילינג 1942) פאַרענדיקן זיך מיינע דריי פאַרשיקונגס-יאָר, און איך האָב געוואָלט מען זאָל מיך דערנאָך באַפרייען. וואָרום דער סדר אין די לאַגערן איז געווען, אַז טאָמער האָט אימיצער נישט געאַרבעט גוט אין זיינע פאַרשיקונגס-יאָרן, אָדער זיך פאַרזינדיקט מיט עפּעס אַנדערש – האָט מען אים צום סוף פון זיין טערמין פאַרמשפּט צו נאָך עטליכע יאָר פאַרשיקונג...

– פרק לז –

## פרילינג תש״ב – מיין פאַרשיקונגס-טערמין ענדיקט זיך

ווי שוין דערמאָנט פריער (קאַפּיטל ט״ו), בין איך אַרעסטירט געוואָרן אין פרילינג פון יאָר תרצ״ט 1939- (מער פּינקטליכער: מוצש״ק כ״א אדר תרצ״ט), און איך בין פאַרמשפּט געוואָרן צו דריי יאָר פאַרשיקונג (וועלכע רעכענען זיך פון דעם טאָג פון אַרעסט). אַזוי אַרום, אַז אין פרילינג פון יאָר תש״ב (1942) האָבן זיך געדאַרפט פאַרענדיקן מיינע דריי יאָר פון פאַרשיקונג.

### צוליב דער אָנגייענדער וועלט-מלחמה ווערן נישט באַפרייט פאַרשיקטע וועמענס טערמין עס האָט זיך פאַרענדיקט

דער סדר אין די מלחמה-יאָרן איז געווען, אַז בעת עס פלעגט זיך פאַרענדיקן דער טערמין פון אַ פאַרשיקטן אין לאַגער, פלעגט מען אים ניט באַפרייען צוריקצוגיין צו זיין היים. און דאָס – צוליב צוויי סיבות:

איינס, וואָרום די מאַכטהאָבער האָבן זיך משתדל געווען, אַז די רוסישע איינוואוינער (די וועלכע זענען נישט נויטיק פאַר דער מלחמה) זאָלן זיך געפינען וואָס ווייטער פון דעם פראָנט, וואו די מלחמה איז דאַן אָנגעגאַנגען אין פולן ברען.

און צווייטנס, האָבן זיי געטענה׳ט, אַז די וואָס האָבן נאָך כוח,

דאַרפֿן זיי זיך אָנשליסן אין דעם מלחמה-עפּאַרט און געפֿינען זיך אויפֿן פראָנט. און דער אמת'ער "פראָנט" – האָבן זיי געטענה'ט צו די פאַרשיקטע – איז דאָ, ביים גראָבן פאַר גאָלד. וואָרום אָן גאָלד קען רוסלאַנד נישט אָנהאַלטן די מלחמה-מאַשין.

**דער נאַטשאַלניק מעלדעט מיר, אַז מען פירט מיר איבער צו אַרבעטן אין מיין פאַך**

אַז עס איז געוואָרן נעענטער צו דער ענדע פון מיין פאַרשיקונגס-טערמין, רופט מיר אַריין דער נאַטשאַלניק פון לאַגער און זאָגט מיר ווי פאָלגענד:

– אַזוי ווי עס דערנעענטערט זיך די ענדע פון דיין פאַרשיקונגס-טערמין, און אַזוי ווי דו האָסט געאַרבעט גוט, איז דיין צוואַנגס-אַרבעט ביי אונז דאָ אין לאַגער אין קאַלימאַ פאַרענדיקט.

– באמת – האָט דער נאַטשאַלניק פאָרגעזעצט – וואָלט מען דיך געדאַרפט באַפרייען, אַז דו זאָלסט קענען צוריקפאָרן אַהיים. נאָר אַזוי ווי כל-זמן די מלחמה פאַרענדיקט זיך נישט לאָזט מען קיינעם נישט צוריקפאָרן אַהיים – וועט מען דיר דעריבער באַפרייען פון לאַגער, און מען וועט דיר איבערפירן צו אַרבעטן – פאַר געצאָלט – אין מאַגאַדאַן, אין דעם פאַך אין וועלכן דו האָסט געאַרבעט איידער מען האָט דיך אַרעסטירט.

– פרק לח –

# איך פאַנג-אָן אַרבעטן אין אַן אויטאָמאָבילן-גאַראַזש

**מיין פאַך אין מאַגאַדאַן: צונויפצושמעלצן צעבראָכענע מעטאַלענע זאַכן**

ווי דערמאָנט פריער (אין קאַפּיטל ט'), איז מיין פאַך איידער איך בין אַרעסטירט געוואָרן, באַשטאַנען אין צונויפשמעלצן צעבראָכענע מעטאַלענע זאַכן (כלי-מתכות). און טאַקע אין אָט דעם פאַך האָט מען מיך געשיקט צו באַשעפטיקן זיך אין דעם נייעם אָרט.

מיין נייער אַרבעטס-פּלאַץ איז געווען אין דער געגנט וואָס הייסט "בוכטאַ נאַגאַיאָוואָ". דאָס איז אויך געווען אין קאַלימאַ. דאָרט איז געווען אַ גרויסער שטח וואו מען פלעגט צונויפשמעלצן און פאַריכטן

צעבראָכענע אויטאָמאָבילן און אויטאָבוסן. איך געדענק, אַז אין דער תקופה ווען איך האָב דאָרט געאַרבעט, זענען דאָרט געווען לערך 200 אויטאָבוסן אויף וועלכע מען האָט געאַרבעט.

## דער נאַטשאַלניק פרואווט מיר אויס צי איך קען די נייע מלאכה

אָנקומענדיק קיין מאַגאַדאַן, האָט מען מיר אַריינגעפירט צום גלאַוונעם נאַטשאַלניק (דער הויפט-אויפזעער אויף די אַלע אַרבעטער דאָרט).

ער האָט מיר געגעבן עפעס צונויפצושמעלצן, אויף צו זעען צי איך טויג זיך אויס צו דער נייער מלאכה. איך האָב עס צונויפגעשמאָלצן, און ווי עס ווייזט אויס, איז עס אים געפעלן געוואָרן, און איך בין פאַרבליבן דאָרט אַרבעטן.

## די מענטשליכע אַרבעטס-אומשטענדן אין דעם נייעם פלאַץ

די אַרבעטס-אומשטענדן אין מיין נייעם אַרבעטס-פלאַץ זענען שוין געווען אינגאַנצן אַנדערש ווי די אומשטענדן בעת איך בין געווען אין פאַרשיקונג. דאָ האָב איך שוין געהאַט אַ פיינעם באַראַק, זיך געקענט באָדן ווען איך וויל און זיך אָנגעטאָן אין ריינע מענטשליכע אַרבעטס-קליידער.

און דער עיקר – דאָ האָב איך זיך געפונען צווישן מענטשן, נישט צווישן רוצחים און גזלנים, וואָרום די (רוב) אַרבעטער אין דעם פּאַלץ זענען געווען רעגולערע רוסישע איינוואוינער, וועלכע זענען געקומען אַהערצו אַרבעטן צו פאַרדינען פאַר זייער פרנסה.

## דער ״לאַנגער רובל״

די סיבה פאַר זייער קומען צו אַרבעטן אין אַזאַ ווייטן אָרט, וואו עס הערשט אַזאַ שווערער ווינטער'דיקער קלימאַט – איז, ווייל דאָ האָט מען געצאָלט צוויי מאָל אַזויפיל. דאָס האָט געהייסן ״דער לאַנגער רובל״: פאַר יעדן טויזנט רובל וואָס איינער האָט פאַרדינט, האָט ער באַקומען צוויי טויזנט רובל!

## איך ווער באַצאָלט פאַר מיין אַרבעט; איך קויף זיך לייטישע קליידער און שיך

אויך איך האָב אָנגעפאַנגען צו באַקומען באַצאָלט פאַר מיין אַרבעט. איך האָב אָנגעפאַנגען צו זעען אַ צורת מטבע – אַ זאַך וואָס

**איך פאַנג-אָן אַרבעטן אין אַן אויטאָמאָבילן-גאַראַזש**

איך האָב שוין עטליכע יאָר נישט געזען פאַר די אויגן!

מיט דעם געלט האָב איך זיך געקענט קויפן אַביסל לייטישע קליידער. און דער אויבערשטער האָט אויך געהאָלפן, אַז מיין געשווילעכץ פון די פיס איז אָפּגעגאַנגען, און אַזוי אַרום האָב איך זיך געקענט קויפן און אָנטאָן אַ פּאָר שיך.

איך האָב מיט דעם געלט אויך געקענט זיך קויפן עסנוואַרג. דער חסרון איז אָבער געווען, וואָס דאָס גאַנצע עסנוואַרג וואָס מיר, די אַרבעטער, האָבן באַקומען אין מאַגאַדאַן, אפילו פאַר געלט, איז נישט געווען קיין פרישע, נאָר בלויז טרוקענע (מער אויספירליך וועגן דעם – ווייטער אין קאַפּיטל מב).

– פרק לט –

## איך באַקום אַ באַגרעניצטן פּאַספּאָרט

גלייך ווי איך האָב אָנגעפאַנגען צו אַרבעטן אין מאַגאַדאַן, האָט מען מיך אַרויסגערופן אין דעם לאָקאַלן מיליציע-ביוראָ, און מיך געזאָגט ווי פאָלגענד:

– אַזוי ווי דו האָסט דאָך אָפּגעדינט דיין שטראָף, און דו האָסט דורכדעם זיך אויסגעקויפט דיינע עוונות, חטאים ופשעים, ביסטו איצט געוואָרן אַ לייטישער סאָוועטישער בירגער. דעריבער וועלן מיר דיר אַרויסגעבן אַ פּאַספּאָרט.

– אָבער – זעצן זיי פאָר – דער פּאַספּאָרט וואָס מיר וועלן דיר איצט אַרויסגעבן וועט זיין אַ באַגרעניצטער פּאַספּאָרט: אין אים וועלן זיין פאַרשריבן 38 שטעט אין וועלכע דו טאָרסט נישט וואוינען. אין די גרויסע שטעט טאָרסטו דערווייל נישט וואוינען!

נו, אַ ברירה האָב איך? – האָט מען מיך, דערווייל, אַרויסגעגעבן אַ באַגרעניצטן פּאַספּאָרט.

– פרק מ –

# ראש-השנה און יום-כיפור תש״ג אין מאַגאַדאַן

## איך פרוביר אויסגעפינען ווען עס איז ראש-השנה און יום-כיפור

אַזוי האָב איך געאַרבעט און דער זומער רוקט זיך צוביסלעך און האַלט זיך שוין ביי ענדיקן. עס איז שוין דורכגעגאַנגען אויגוסט און עס פאַנגט זיך שוין אָן סעפטעמבער.

דעם חשבון פון די אידישע חדשים האָב איך טאַקע נישט געוואוסט; איך האָב אָבער געוואוסט, אַז אין מאָנאַט סעפטעמבער דאַרפן זיין אידישע ימים-טובים: ראש-השנה, יום-כיפור וכו׳ – איך ווייס אָבער נישט גענוי ווען עס פאַלן אויס די דאָזיקע ימים-טובים.

## איך באַקען זיך מיט אַ רומענישן אידן און מיט אַ פוילישן אידן – אָבער אויך זיי וויסן נישט ווען עס איז ר״ה און יוהכ״פ

אין מאַגאַדאַן האָב איך זיך באַקענט מיט אַ אידישן יונגערמאַן פון רומעניע. ער איז געווען אַ רומענישער קאָמוניסט און מען האָט אים ״צוגעטיילט״ צען יאָר פאַרשיקונג.

איך פרעג ביי אים, אפשר ווייסט ער ווען עס פאַלן אויס די אידישע ימים-טובים פון ראש-השנה און יום-הכיפורים? אָדער אפשר האָט ער עפּעס אַן עצה, ווי אַזוי מען קען עס אויסגעפינען?

ער ענטפערט מיר, אַז ער אַליין ווייסט גאָרנישט. נאָר וואָס דען? עס פאָרט דאָ אַרום אַ פוילישער איד וועלכער פירט פאַנאַנדער וואַסער. מען דאַרף אים אָפּוואַרטן און ביי אים פרעגן, אפשר וועט ער וויסן ווען עס פאַלן אויס ראש-השנה און יום-הכיפורים.

איך האָב טאַקע אָפּגעוואַרט ביז דער איד איז פאַרבייגעפאָרן. איך זע פאַר זיך אַ איד מיט אַ באָרד. איך גיי צו אים צו, און דער פאָלגענדער געשפרעך איז פאָרגעקומען צווישן אונז:

איך – ״שלום עליכם!״. ער – ״עליכם שלום!״. – פון וואַנען אַ איד? – פון פוילן. – פיין, זייער פיין. אפשר ווייסט איר ווען עס פאַלן אויס ראש-השנה און יום-הכיפורים? – ניין – ענטפערט ער – איך ווייס גאָרנישט!

### מיר באַשטימען אַ טאָג אין וועלכן מיר האַלטן יום-כיפור

זעענדיק, אַז איך קען זיך נישט דערוויסן ווען עס פאַלן-אויס די טעג פון ראש-השנה און יום-הכיפורים, האָב איך צו זיך גערופן דעם רומענישן יונגערמאַן און מיר האָבן אָפּגעשטעלט דעם פוילישן אידן, און איך האָב זיי געזאָגט ווי פאָלגענד:

– אַזוי ווי מיר ווייסן נישט ווען עס פאַלט-אויס ראש-השנה, און אַזוי אַרום ווייסן מיר אויך נישט ווען עס פאַלט-אויס יום-כיפור, לאָמיר דעריבער אַליין אויסקלייבן אַ טאָג וועלכן מיר וועלן באַשטימען אַלס אונזער "יום-כיפור".

אומר ועושה, מיר האָבן טאַקע באַשטימט אַ געוויסן טאָג אַלס אונזער "יום-כיפור", און מיר האָבן באַשלאָסן, אַז אין דעם טאָג וועלן מיר פאַסטן און נישט אַרבעטן, און אַז ערב אונזער "יום-כיפור", ווען ס'איז נאָך ליכטיק, וועלן מיר זיך פאַרפאַסטן.

מיר האָבן אויך צווישן זיך אָפּגעמאַכט, אַז נאָכן פאַרפאַסטן זיך, ווי אויך אויף מאָרגן "יום-כיפור", וועלן מיר זיך טרעפן צוזאַמען ביי דעם רומענישן אידישן יונגערמאַן (וועלכער האָט שוין געהאַט אַ אייגענעם צימער, וואָרום ער איז שוין געווען אין מאַגאַדאַן עטליכע יאָר) און דאָרט וועלן מיר דורכפירן אונזער "יום-כיפור".

וכך הוה. ערב אונזער "יום-כיפור" האָבן מיר זיך פאַרפאַסט. דערנאָך האָבן מיר זיך צונויפגעקליבן ביי דעם רומענישן יונגערמאַן, און דאָרט האָבן מיר צוזאַמען געפראַוועט "יום-כיפור": ווער עס האָט געדענקט אויסענווייניק עפּעס פון "כל-נדרי" אָדער פון יום-כיפור'דיקע "שמונה-עשרה" האָט עס געזאָגט, און די אַנדערע האָבן אים נאָכגעזאָגט. אַזוי האָבן מיר אויך געטאָן אויף מאָרגן, "יום-כיפור".

– פרק מא –

## איך דערוויס זיך, אַז מיין משפחה איז אומגעקומען אין "באַבי-יאַר"

### איך גיב-אָן אין מאָסקווע אין ביוראָ פאַר אויפזוכן קרובים, צו זוכן מיין מוטער און מיין ברודער

די צייט דעמאָלט איז געווען אינמיטן דער צווייטער וועלט-

מלחמה. מענטשן זענען זיך פאַנאַנדערגעפאָרן אין אַלע עקן רוסלאַנד, און פיל פון זיי האָבן נישט געוואוסט וואו עס געפינען זיך זייערע משפחה-קרובים אָדער פריינט און צי זיי זענען נישט אומגעקומען אין דער מלחמה.

דעריבער האָט זיך אויפגעעפנט אין מאָסקווע אַ ספעציעלער ביוראָ, וואוהין מען האָט אָנגעגעבן די נעמען פון די מענטשן וועמען מען זוכט, און זיי האָבן זיך משתדל געווען צו באַזאָרגן די געהעריקע אינפאָרמציע.

אַזוי ווי בעת איך בין אַרעסטירט געוואָרן האָב איך איבערגעלאָזט אין קיעוו מיין מוטער מרת פרומה שרה מיט מיין ברודער חיים גדלי׳ה מיט זיין ווייב חנה (גייסינסקי) און זייערע צוויי קינדער בן-ציון און ישראליק, פון וועמען איך האָב זינט מיין פאַרשיקונג גאָרנישט געהערט, האָב איך דעריבער אַוועקגעשיקט קיין מאָסקווע, אויסצוגעפינען וואָס עס איז מיט זיי געשעען.

**מען מעלדעט מיר פון מאָסקווע, אַז מיין משפחה איז אומגעקומען אין דער שחיטה אין ״באַבי יאַר״!**

אין אַ קורצער צייט אַרום איז מיר אָנגעקומען פון מאָסקווע די פאָלגענדע מעלדונג: ״**דעם 29סטן סעפטעמבער 1941, איז די ליפשיץ-משפחה אַוועקגעגאַנגען הינטערן שטאָט, און זיי האָבן זיך נישט אומגעקערט**״.

נו, איך האָב שוין פאַרשטאַנען וואָס עס מיינט ״זיי האָבן זיך נישט אומגעקערט״.

דערנאָך האָב איך זיך דערוואוסט, אַז דעם 29סטן סעפטעמבער 1941 איז געווען יום-כיפור, און דעמאָלט איז פאָרגעקומען די באַוואוסטע שחיטה אין ״באַבי-יאַר״, וואו עס זענען אומגעקומען (היל״ת) צעהנדליקע טויזענטער אידן, צווישן זיי אויך מיין מוטער, **פרומא שרה**, מיין ברודער, **חיים גדליה** און זיין פרוי **חנה** מיט זיינע קינדער.

נו, אויס! וואָס זאָל איך טאָן?! דאָס איז דאָס! **השם ינקום דמם ותהא נשמתם צרורה בצרור החיים!**

**איך דערוויס זיך, אַז מיין משפחה איז אומגעקומען אין "באַבי-יאַר"**

– פרק מב –

## דער קיעווער יונגערמאַן טענענבוים

זייענדיק אין מאַגאַדאַן האָב איך זיך געמאַכט אַ סדר, אַז ווען איך פלעג טרעפן דאָרט אַ איד, פלעג איך זיך מיט אים באַקענען; זיך נאָכפרעגן ביי אים "מה פשעו ומה חטאתו" און ווי אַזוי קומט ער עפּעס אַהערצו. בקיצור, איך פלעג פּרובירן אויסגעפינען "מה טיבו של עובר זה".

אַזוי האָב איך זיך באַקענט מיט אַ יונגערמאַן פון קיעוו. זיין נאָמען איז געווען **טענענבוים**. איך האָב ביי אים געפרעגט פאַרוואָס מען האָט אים פאַרשיקט, און ער האָט מיר דערציילט דאָס פאָלגענדע:

**מען אַרעסטירט דעם נאַטשאַלניק און צוזאַמען מיט אים אויך זיין ווייב און קינדער און... זיין שאָפער – טענענבוים**

פון פאַך איז ער געווען אַ שאָפער. ער פלעגט פירן אַ גאָר גרויסן נאַטשאַלניק.

מאַכט זיך, אַז מ'האָט אַרעסטירט דעם נאַטשאַלניק און אים אַריינגעזעצט אין "חד גדיא". מען האָט אים אַזוי שטאַרק געמוטשעט ביי די פאַרשונגען, ביז ער האָט זיך "מודה-געווען", אַז ער איז אַ טראָצקיסט און אַז ער האָט געוואָלט הרג'ענען סטאַלינ'ען.

נו, פאַרשטייט זיך, אַז מ'האָט דעם נאַטשאַלניק פאַרמשפּט און אים "אַוועקגעלייגט אויף אַ ווילע"...

אין יענע פינסטערע יאָרן איז געווען דער "סדר", אַז בשעת מען האָט איינעם אַריינגעזעצט אין "חד גדיא" – האָט מען שוין פאַראיינס אויך אַריינגעזעצט זיין משפחה, זיין ווייב מיט זיינע קינדער, מיט דער טענה: ער איז דאָך דיין מאַן – האָסטו געוויס געוואוסט אַלע זיינע פינסטערע "אונטערגרונט" אַקטיוויטעטן, און היות דו האָסט עס אונז נישט מודיע געווען, ביסטו אויך אַ שותף אין זיינע עבירות. די זעלבע טענה האָבן זיי געהאַט אויך צו די קינדער פון דעם פאַראורטיילטן.

און אַזוי פלעגט מען אין אַזאַ פאַל אויך די ווייב מיט די קינדער פון אַ פאַראורטיילטן, "צוטיילן" עטליכע יאָרן. – יאָרן איז ביי די סאָוועטן געווען גענוג. מ'האָט בלויז געדאַרפט געפינען מענטשן צו וועמען "צוצוטיילן" די דאָזיקע "יאָרן". אַ "שולד" וועט מען שוין געפינען.

**דער קיעווער יונגערמאַן טענענבוים**

בעת מען האָט אַרעסטירט דעם נאַטשאַלניק, האָט מען אויך אַרעסטירט זיין שאָפער טענענבוים – מיט דער זעלביקער טענה: דו ביסט דאָך געווען זיין שאָפער און דו האָסט אים אומעטום אַרומגעפירט, האָסטו דריבער זיכער געוואוסט זיינע מעשים. און היות ווי דו האָסט אים נישט פאַרמסר׳ט צו די קאָמוניסטישע מאַכטהאָבער – קומט דיר אויך אַ שטראָף. און אַזוי האָט מען אים צוגעטיילט אַ ״צענערל״ אין קאַלימאַ!

## פרישע פירות און גרינצייג – אַ זעלטענהייט אין מאַגאַדאַן

ווי שוין דערמאָנט אויבן (ענדע קאַפּיטל לח), איז די אַרבעטער אין מאַגאַדאַן, מיט וועלכע איך האָב זיך געפונען אין איינעם, האָבן באַקומען גאָר גוט באַלוינט פאַר זייער אַרבעט.

איז געלט האָבן זיי טאַקע געהאַט אַ סך, נאָר צו קענען קריגן פאַר דעם געלט עפּעס פרישע עסנוואַרג – אַזוי ווי פרישע פירות, פרישע גרינסן און דאָס גלייכן – איז געווען אוממעגליך. אַלץ וואָס מיר האָבן באַקומען איז געווען טרוקענע.

– מען ברענגט טאַקע קיין מאַגאַדאַן – דורך אַן עראָפּלאַן – יעדן טאָג פרישע פרוכט, גרינצייג און אַלע גוטע זאַכן. אָבער דאָס איז בלויז פאַר די גרויסע נאַטשאַלניקעס, נישט פאַר די פשוט׳ע אַרבעטער.

## טענענבוים ברענגט צוריק אין באַראַק אַ פריש אוגריקע!

דער פאָלגענדער עפּיזאָד קען אילוסטרירן ווי זעלטען מיר האָבן געזען פאַר אונזערע אויגן אין מאַגאַדאַן פרישע גרינסן און דאָס גלייכן:

דעם אויבנדערמאָנטן קיעווער יונגערמאַן האָט זיך איינגעגעבן און ער איז געוואָרן אין מאַגאַדאַן אַ באַדינער ביי אַ גרויסן נאַטשאַלניק.

טרעפט זיך אַמאָל, אַז בעת טענענבוים האָט געאַרבעט ביים נאַטשאַלניק, האָט מען צום נאַטשאַלניק געברענגט פרישע גרינע אוגריקעס. דער נאַטשאַלניק האָט גענומען איין אוגריקע און עס געגעבן צו טענענבוים.

דער קיעווער אידישער יונגערמאַן, טענענבוים, האָט געוואוינט מיט מיר אין איינעם אין באַראַק. ער קומט צוגיין צוריק פון דער אַרבעט צום באַראַק און הויבט-אָן אָפּצושיילן די אוגריקע.

ווי נאָר די איינוואוינער פון דעם באַראַק האָבן דערשמעקט דעם

ריח פון דאָס פריש אוגריקע, איז אין באַראַק אויסגעבראָכן אַ מהומה: אַן אוגריקע; אַ פריש אוגריקע! אַלע זענען צוגעלאָפן צו טענעבוים און יעדערער רייסט אַ שטיקל. אַהו! אַזאַ געשמאַקע זאַך! אַי, אַי, אַי... זיי בעטן זיך ביי אים, ער זאָל זיי געבן כאָטש די שאָלעכץ פון די אוגריקע; כאָטש אַ שמעק-טאָן די שאָלעכץ פון די אוגריקע!

אַזוי טייער איז ביי אונז געווען אַ פריש אוגריקע!

– פרק מג –

## תש״ה (1945) – די מלחמה פאַרענדיקט זיך

אַזוי איז געגאַנגען די אַרבעט אין מאַגאַדאַן און אַזוי האָבן זיך געצויגן די טעג, די וואָכן, די חדשים און די יאָרן, ביז עס האָט זיך געענדיקט די צווייטע וועלט-מלחמה, אין פרילינג 1945.

### מען פאַנגט-אָן באַפרייען פאַרשיקטע וואָס האָבן פאַרענדיקט זייער טערמין

אַ צייט נאָכדעם ווי די מלחמה האָט זיך פאַרענדיקט, האָבן אַלע לאַגערן – מיט דער דערלויבעניש פון די ״הויכע פענסטער״, די קאָמוניסטישע מאַכטהאָבער אין מאָסקווע – אָנגעפאַנגען צו באַפרייען פאַרשיקטע מענטשן, וואָס האָבן שוין אָפגעדינט זייער שטראָף; אַזעלכע מענטשן וואָס זענען נאָך געווען אין די לאַגערן בלויז צוליב דעם וואָס עס איז אָנגעגאַנגען די מלחמה.

אַזוי אויך אין מאַגאַדאַן האָט מען אָנגעפאַנגען באַפרייען מענטשן און זיי דערלויבן צוריקצופאָרן צו זייערע היימען.

### דער נאַטשאַלניק גיט-אָן קיין מאָסקווע מען זאָל אַראָפּנעמען פון מיר די שולד און מיר אַרויסגעבן אַ פּאַסּפּאָרט, איך זאָל קענען צוריקפאָרן אַהיים

אויך מיין רייע איז געקומען, אין 1946. דער נאַטשאַלניק האָט מיך אַריינגערופן און מיר געזאָגט ווי פאָלגענד:

– אַזוי ווי די מלחמה האָט זיך געענדיקט, און אַזוי ווי דיין שטראָף האָסטו דאָך שוין אָפּגעדינט, און דערצו האָסטו אויך גוט געאַרבעט אין מאַגאַדאַן – דאַרף מען דעריבער אָנגעבן אין מאָסקווע, אַז מ׳זאָל פון דיר אינגאַנצן אַראָפּנעמען די שולד און אַרויסגעבן דיר אַ רעגולערן

פּאַספּאָרט, כדי מיר זאָלן דיך קענען באַפרייען פון דאַנען און דו זאָלסט קענען צוריקפאָרן אַהיים, פון וואַנען דו ביסט געקומען.

נו, אומר ועושה: דער נאַטשאַלניק האָט אָנגעשריבן וועגן מיר אַ "כאַראַקטעריסטיקע", אַז איך האָב גוט געאַרבעט; זיך גוט אויפגעפירט, און אין אַלגעמיין – אַז איך בין געוואָרן אַ פיינער מאַן.

## מאָסקווע נעמט פון מיר אַראָפּ די שולד און מען גיט מיר אַרויס אַ נייעם רעגולערן פּאַספּאָרט

אין אַ קורצער צייט אַרום, אין פעברואַר 1946, האָט מען מיך געמאָלדן פון מאָסקווע, אַז מען נעמט פון מיר אַראָפּ די שולד.

– דאָס הייסט, נישט אַז מ'האָט געפונען, אַז איך בין **מלכתחילה** גאָרנישט געווען שולדיק. – ניין! שולדיק בין איך – לויט זייער מיינונג – יאָ געווען. נאָר דורך מיין אָפּאַרבעטן די דריי פאַרשיקונגס-יאָרן האָב איך זיך אויסגעקויפט מיינע "עבירות"!

[ערשט אין יאָר 1989, אין די יאָרן פון דער "פּערעסטראָיקע" פון מיכאַאיל גורבאַטשאָוו, האָב איך אָנגעגעבן ווידער אַ בקשה מען זאָל פון מיר אינגאַנצן אַראָפּנעמען די – פאַלשע – שולד אין וועלכע איך בין באַשולדיקט געוואָרן. וכך הוה].

אַז ס'איז אָנגעקומען די דאָזיקע מעלדונג פון מאָסקווע – בין איך גערופן געוואָרן אין דעם מיליציע-ביוראָ פון מאַגאַדאַן, און זיי האָבן מיר געהייסן צוריקגעבן זיי מיין פריערדיקן (באַגרעניצטן) פּאַספּאָרט. איך האָב זיי עס צוריקגעגעבן, און זיי האָבן מיר אַרויסגעגעבן אַ נייעם פּאַספּאָרט, אין וועלכן עס איז שוין גאָרנישט געשטאַנען וועגן שטעט אין וועלכע איך טאָר נישט וואוינען. מיט אָט דעם נייעם פּאַספּאָרט האָב איך שוין געמעגט פאָרן און וואוינען וואו איך וויל.

מען האָט מיר אויך געמאָלדן, אַז איך ביך איצט פריי צו פאַרלאָזן מאַגאַדאַן און צוריקפאָרן אַהיים, קיין קיעוו.

# דריטער טייל

– פרק מד –

## תש״ו (1946) – איך פאָר צוריק אַהיים קיין קיעוו

אַ קורצע צייט נאָכדעם וואָס איך האָב באַקומען דעם נייעם פּאַספּאָרט און באַפרייט געוואָרן, בין איך מיט אַ שיף אַוועקגעפאָרן פון מאַגאַדאַן קיין וולאַדיוואַסטאָק, און פון דאָרטן בין איך צוריקגעקומען קיין קיעוו.

אָנקומענדיק קיין קיעוו האָב איך פאַרפאָרן ביי אַ מומע מיינע, וועלכע האָט געוואוינט נישט ווייט פון קיעווער שול.

### איך באַזוך דעם הויף אין קיעוו וואו מיין משפחה האָט אַמאָל געוואוינט; איך געפין, אַז דער הויף איז געוואָרן ״יודענריין״!

נאָכן אָפּזיין עטליכע טעג אין קיעוו, בין איך אַוועק צו באַזוכן דעם הויף וואו עס האָט געוואוינט מיין משפחה, איידער מען האָט מיך אַרעסטירט. אויסער מיין משפחה, האָבן אין דעם דאָזיקן הויף דאַן געוואוינט נאָך אַ סך אידישע משפחות.

איך גיי אַריין אין הויף – איך טרעף דאָרט אָבער קיינעם נישט פון די אידישע משפחות.

### גוי׳אישע שכנה דערציילט ווי אַזוי די דייטשן האָבן אָפּגעגנאַרט די אידן פון קיעוו און זיי דערמאָרדעט אין ״באַבי יאַר״

פּלוצלונג האָט אַ גאָר אַלטע גוי׳ע, אַ געוועזענע שכנה פון מיין משפחה, מיך דערקענט. זי פרעגט ביי מיר, צי איך בין ליפּשיץ. איך ענטפער איר, אַז יאָ.

איך פרעג ביי איר (אויף רוסיש): וואָס איז דאָ פאָרגעקומען? און זי דערציילט מיר, אַז אין יאָר 1941, נאָכדעם ווי די דייטשן האָבן אָקופּירט קיעוו, האָבן זיי אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, אַז אַלע אידן פון קיעוו זאָלן זיך צונויפזאַמלען אין אַ באַשטימטן פּלאַץ.

די דייטשן – דערציילט מיר ווייטער די גוי׳אישע שכנה – האָבן דערלויבט די אידן מיטצונעמען צום טרעפונגס-פּלאַץ מכל טוב:

עסנוואַרג, קליידער און דאָס גלייכן[56].

אַזוי ווי אייער משפחה – דערציילט זי ווייטער – האָט געהאַט אַ גרויסן צימער, האָבן זיך דאָרט פאַרזאַמלט אַלע אייערע פריינט און זיי האָבן דאָרט געקאָכט און געבאַקן מכל טוב.

אויפן באַשטימטן טאָג – פאַרענדיקט די גויע איר דערציילונג – זענען זיי אַלע אַוועק צום טרעפונגס-פּלאַץ. זינט דאַן האָב איך זיי קיינמאָל מער נישט געזעען, און מער ווייס איך גאָרנישט.

נו, די גויע ווייס נישט – אָדער מאַכט זיך נישט-וויסנדיק – וואָס מיט די אידן פון דעם הויף (ווי אויך מיט די איבעריקע אידן פון קיעוו) איז פאָרגעקומען. אָבער איך ווייס יאָ: דעם 29סטן סעפּטעמבער 1941 האָט מען זיי אַלעמען אויסגעשאָכטן אין דער באַוואוסטער שחיטה אין דעם "באַבי-יאַר" וואַלד. **השם ינקום דמם ותהא נשמותיהם צרורות בצרור החיים**.

– פרק מה –

## באתי ואין איש...

### איך טרעף נישט אין קיעווער שול קיינעם פון די אַמאָליקע ליובאַוויטשער חסידים

שבת אינדערפרי בין איך געגאַנגען דאַוונען אין דער דערבייאיקער שול. איך קום אַריין אין שול און איך זע דאָרטן קיינעם נישט פון די אַמאָליקע קיעווער ליובאַוויטשער חסידים. דו קענסט שרייען "אני קהלת"[57], "איך בין שלמה...", אָבער קיינער קען דיך נישט, קיינער ווייס דיך נישט.

דער אויבערשטער האָט אָבער געהאָלפן, און איינער פון די שול-אידן האָט מיך פאָרט דערקענט. ער גייט-צו און רופט זיך צו מיר אָן:

– דאָס ביסטו, מאָטל?!

– יאָ! – ענטפער איך – דאָס בין איך!

---

56) די דייטשן ימ"ש האָבן עס געטאָן כדי אָפּצונאַרן די אידן, זיי זאָלן נישט וויסן, אַז מען פירט זיי צו דער שחיטה!

57) זעט קהלת א, יב. תרגום יונתן בן עוזיאל אויפן פסוק. ועוד.

– דו ביסט געבליבן לעבן?!

– יאָ! ברוך השם. דו זעסט דאָך, אַז איך בין אַ לעבעדיקער; פון דער וועלט. איך קום נישט פון יענער וועלט...

ביים ענדע פון דעם געשפרעך האָט דער איד מיך איינגעלאַדן צו קומען צו אים עסן סעודת שבת, אויף וואָס איך האָב זעלבסטפאַרשטענדליך מסכים געווען.

**מיין ערשטער אידישער שבת נאָכן צוריקקומען פון פאַרשיקונג**

נאָכן דאַווענען האָב איך זיך געגרייט גיין צוזאַמען מיט מיין גאַסט-געבער צו זיין היים, צו פראַווען מיין ערשטן אמת'ן, אידישן שבת אויף דער פריי.

אין שול האָט זיך געדרייט נאָך עפּעס אַ יונגערמאַן מיט אַ געלער באָרד, און אויך אים האָט מיין גאַסט-געבער מיטגענומען צוזאַמען מיט מיר צו זיך אַהיים צו דער שבת-סעודה.

**איך פרעג מיין גאַסט-געבער וואו עס זענען אַהינגעקומען מיינע ליובאַוויטשער חברים פון אַמאָל**

זיצנדיק ביים טיש גיב איך אַ פרעג ביים בעל-הבית, מיין גאַסט-געבער: אפשר ווייסט ער וואו עס איז אַהינגעקומען **יחיאל מיכל ראַפּאָפּאָרט** און זיין ברודער **הענעך ראַפּאָפּאָרט**? – זיי זענען מיינע געוועזענע חברים. מיר זענען אויסגעוואַקסן אין איינעם און פאַרבראַכט אין איינעם.

מיין גאַסט-געבער ענטפערט מיר: איך ווייס גאָרנישט. איך קען דיר גאָרנישט ענטפערן. עס איז נישטאָ ביי וועמען צו פרעגן. מ'האָט אַלעמען אויסגעהרג'עט און עס איז קיינער נישט פאַרבליבן פון יענע מענטשן.

נו, אַז ער ווייסט נישט ווייסט ער נישט!

– פרק מו –

# איך דערוויס זיך, אַז די ליובאַוויטשער חסידים געפינען זיך אין לעמבערג...

## דער יונגערמאַן מיט דער געלער באָרד דערציילט מיר, אַז זיי וואַרטן דאָרט אַריבערצופאָרן קיין פוילן!

הכלל, מיר האָבן אָפּגעגעסן ביי אונזער גאַסט-געבער, אָפּגעבענטשט און אַוועק צוריק אין שול צו דאַוונען מנחה.

נאָך מנחה, גיט מיר דער אויבנדערמאָנטער יונגערמאַן מיט דער געלער באָרד אַ וואונק, איך זאָל אַרויסגיין פון שול און מיטגיין מיט אים.

גייענדיק זאָגט ער צו מיר: דו האָסט זיך פריער נאָכגעפרעגט ביי אונזער גאַסט-געבער וועגן מיכל און הענעך ראַפּאָפּאָרט? – זאָלסטו וויסן זיי, אַז זיי לעבן, ברוך השם.

– אויב אַזוי – פרעג איך ביי אים – איז וואו זענען זיי?

– זיי געפינען זיך – ענטפערט ער מיר – אין לעמבערג, אין לוואָוו. עס געפינען זיך דאָרט – זעצט ער פאָר – הונדערטער (אָדער אפילו טויזנטער אידן, צווישן זיי פיל) ליובאַוויטשער חסידים, וואָס "זיצן אויף די פעקלעך", און וואַרטן אויף אַ הזדמנות אַריבערצופאָרן קיין פוילן[58]!

### איך שרעק זיך איבער אומזיסט

הערנדיק פון דעם יונגערמאַן מיט דער געלער באָרד, אַז די ליובאַוויטשע חסידים "זיצן אויף זייערע פעקלעך" און וואַרטן אַריבערצופאָרן קיין פוילן – האָב איך זיך שטאַרק איבערגעשראָקן: וואָס איז דאָ געשען; וואָס הייסט עס אַז "מען זיצט אויף די פעקלעך"? און וואָס איז דאָס פאַראַ פאָרן קיין פוילן?!

איך האָב שוין גענומען איבערטראַכטן, אַז דאָס האָט מען דעם יונגערמאַן אונטערגעשטעלט פון דער "נ.ק.וו.ד." אַ טאַפּ צו טאָן ביי

58) מער אויספירליך וועגן דעם אַרויספאָרן פון ליובאַוויטשער חסידים פון רוסלאַנד דורך לעמבערג (לוואָוו) – זעט "**תולדות חב"ד ברוסיא הסובייטית**", פרקים קטו-קטז.

מיר דעם דופק, און מיר פּאַקן ביי אַ נייער "עבירה", כדי צו קענען מיר ווידער פאַרשיקן!

### דער יונגערמאַן מיט דער געלער באָרד אַנטפּלעקט זיך צו מיר, אַז ער איז פון אנ"ש

דערזעענדיק, אַז איך ביך צעטראָגן און אַז איך כאַפּ נישט אויף וואָס דאָ קומט-פאָר – רופט ער זיך אָפּ און זאָגט צו מיר:

– באַרואיק זיך! איך בין פון "אנ"ש". מיין נאָמען איז **משה ניסליעוויטש**[59].

ער זאָגט צו מיר ווייטער: ווייסט וואָס? אויב דו גלויבסט מיר נישט, איז גיב מיר דיין אַדרעס, איך וועל עס איבערגעבן צו מיכל ראַפּאָפּאָרט אין לעמבערג, און ער אַליין וועט דיר צושיקן אַ בריוו.

מיט זיינע ווערטער האָט ער מיר אַביסל באַרואיקט. עס איז דאָך פּאָרט "ניכרים דברי אמת". האָב איך דעריבער מסכים געווען צו געבן אים מיין אַדרעס, טראַכטענדיק צו זיך: אַז עס וועט אָנקומען אַ בריוו פון די ראַפּאָפּאָרט'ס – וועל איך וויסן אַז זיי לעבן, ברוך השם. זיי זענען דאָך מיינע טייערע חברים.

אַזוי ווי איך האָב נאָך דערווייל נישט געהאַט קיין אייגענע שטוב, האָב איך זיך דעריבער געהאַט געעפנט אַ "פּאָסט-קעסטל" אין לאָקאַלן פּאָסט-ביוראָ (אַ "זאַוואָטרעלעוואַניע" אויף רוסיש; אַ "פּאָסט אָפיס באָקס" אויף ענגליש). און איך האָב איבערגעגעבן משה ניסניעוויטש'ן דעם דאָזיקן אַדרעס מיינעם און זיך געזעגנט מיט אים.

– פרק מז –

## תש"ז (1947) – איך פאָר קיין לעמבערג

### איך באַקום אַ בריוו פון יחיאל מיכל ראַפּאָפּאָרט

עס זענען דורכגעגאַנגען עטליכע וואָכן. איך גיי אַריין אין פּאָסט-ביוראָ און איך זע, אַז אין מיין "פּאָסט-קעסטל" איז אָנגעקומען אַ

59) דאָס איז דער היינט-באַוואוסטער חסיד **ר' משה ניסניעוויטש**, וועלכער ווערט אויך אָנגערופן מיט ליבשאַפט: **משה'קע דער געלער; משה'קע קרעמענטשוגער**. היינט-צו-טאָג וואוינט ער אין נחלת הר חב"ד, קרית מלאכי, אין ארץ ישראל.

בריוו פון יחיאל מיכל ראַפּאָפּאָרט.

אין דעם בריוו באגריסט ער מיך מיט אַ האַרציקן "שלום עליכם", און פרייט זיך זייער דערמיט וואָס איך בין ברוך השם געבליבן לעבן.

ווייטער שרייבט ער מיר אין בריוו, אַז איך זאָל תיכף קומען צופאָרן קיין לעמבערג, און ער גיט מיר אָן דעם אַדרעס אין לעמבערג פון **חיים וואָלאָוויק** (חיים ראָמענער), וואו איך זאָל פאַרפאָרן ווען איך וועל אָנקומען קיין לעמבערג.

## איך קום-אָן קיין לעמבערג ביינאַכט און איך געפין קוים די הויז פון חיים וואָלאָוויק (ראָמענער)

איך האָב אויסגעפאָלגט וואָס יחיאל מיכל ראַפּאָפּאָרט האָט מיר געשריבן און איך בין אַוועקגעפאָרן פון קיעוו און געקומען צופאָרן קיין לעמבערג.

ווען איך בין אָנגעקומען קיין לעמבערג איז שוין געווען נאַכט, און עס איז מיר אָנגעקומען גאַנץ שווער צו געפינען די גאַס וואו עס וואוינט חיים וואָלאָוויק (ראָמענער). צו דער זעלבער צייט האָב איך אויך געדאַרפט זיין זייער אויפמערקזאַם, צו מאַכן זיכער, אַז אומגעוואונטשענע עלעמענטן גייען מיר נישט נאָך[60].

סוף-כל-סוף האָב איך געפונען די הויז פון חיים ראָמענער. איך קלאַפּ-אָן אין טיר. דער בעל-הבית – חיים ראָמענער – פרעגט: ווער איז דאָס? און איך ענטפער אים, אַז מיכל ראַפּאָפּאָרט האָט מיך געהייסן קומען קיין לעמבערג און צו פאָרפאָרן אויף דעם אַדרעס.

חיים ראָמענער עפענט-אויף די טיר, און פאַנגט-אָן צו שרייען: אוי, וואָס האָט מיכל ראַפּאָפּאָרט צו מיר? וואָס שיקט ער צו מיר אַהער מענטשן? און ער ווענדעט זיך צו מיר און זאָגט: קום, קום שוין! גיך גיך! איך וועל דיר גלייך באַגלייטן צו דעם אָרט וואו עס געפינט זיך מיכל ראַפּאַפּאָרט!

חיים ראָמענער ערקלערט מיר די סיבה פון דער איילעניש: אין לעמבערג איז דער מנהג, אַז 11 אַזייגער ביינאַכט פאַרשליסן זיך אַלע

60) אין יענער תקופה – ענדע יאָר תש״ו – האָבן שוין די אינסטאַנצן אין דער הויפּט-שטאָט מאָסקווע און אין לעמבערג גענומען פאַרדעכטיקן, אַז עפּעס נישט-כשר קומט דאָ פאָר, און אַז ליובאַוויטשער חסידים שמוגלען זיך אַרויס אומלעגאַל פון רוסלאַנד קיין פּוילן, און דעריבער האָט מען זיך געדאַרפט שטאַרקן היטן מחשש עינא בישא.

**תש"ז (1947) – איך פאָר קיין לעמבערג**

טויערן, דעריבער דאַרפֿן מיר זיך יאָגן וואָס שנעלער אָנצוקומען באַצייטנס צו דער הויז וואו עס וואוינט מיכל ראַפּאָפּאָרט.

און אַזוי לויפֿט חיים ראָמענער, און איך לויף אים נאָך. היות ווי איך האָב באַמערקט, אַז מיין באַגלייטער ציטערט פון שרעק, האָב איך אויך אָנגעפאַנגען צו ציטערן. איך האָב זיך געטראַכט: רבונו-של עולם, מען קען מיר דאָך כאַפּן און ווידער אַריינזעצן אין "חד גדיא"!

## איך באַגעגן זיך מיט מיין טייערן פריינט מיכל ראַפּאָפּאָרט

דער אויבערשטער האָט געהאָלפן, און מיר זענען אָנגעקומען צו דער הויז וואו עס געפינט זיך יחיאל מיכל ראַפּאָפּאָרט אין צייט, איידער מען האָט פאַרמאַכט דעם טויער.

מיר קלאַפּן-אָן אין טיר. עס עפנט זיך די טיר און פּלוצלונג דערזעע איך מיין טייערן פריינט מיכל! מיר האָבן ביידע אויסגעשריען: אוי, מיכל! אוי, מאָטל! און מיר זענען געפאַלן איינער אויפן צווייטנס האַלדז און זיך גוט צעוויינט.

מיין באַגלייטער, חיים ראָמענער, האָט אַהערצו אַריינגעוואָרפן מיין פּעקל און מיך דאָ איבערגעלאָזט און איז שנעל אַנטלאָפן צוריק צו זיין הויז.

נו, אַז איך געפין זיך ביי מיין פריינט מיכל, איז שוין גאָר אַנדערע ווערטער. דאָ וועט מען שוין זען וואָס וועט זיין ווייטער.

## יחיאל מיכל ראַפּאָפּאָרט דערציילט מיר וואָס עס טוט זיך אין לעמבערג

נאָכדעם ווי מיר האָבן זיך אַביסל באַרואיקט, האָט מיר מיכל ראַפּאָפּאָרט אָנגעפאַנגען צו דערציילן וואָס עס קומט דאָ פאָר.

ער האָט מיר דערציילט, אַז עס האַלטן אין איין אָנפאָרן קיין לעמבערג (לוואָוו) אַנ"ש פון גאַנץ רוסלאַנד, כדי פון דער דאָזיקער גרעניץ-שטאָט זיך אַריבערכאַפּן דעם רוסישן גרעניץ קיין פוילן, און פון דאָרט פאָרזעצן ווייטער צו דער פרייער וועלט.

מיכל ראַפּאָפּאָרט האָט מיר ווייטער דערציילט, אַז אנ"ש באַקומען דאָ פאַלשע פּאַספּאָרטן, אַז זיי זענען פוילישע בירגער וואָס קערן זיך אום, נאָך דער מלחמה, אַהיים קיין פוילן.

דער ליובאַוויטשער עולם – האָט מיר מיכל ראַפּאָפּאָרט ווייטער

דערציילט – פאַרט פון דאַנען אין גרופּן. אַז עס קומט-אָן פון איין גרופּע אַ ידיעה, אַז זיי זענען אָנגעקומען בשלום, דעמולט שיקט מען אַרויס אַ צווייטע גרופּע.

הערנדיק דאָס בין איך אַביסל נתבלבל געוואָרן: וואָס הייסט פּאָרן אַלס פּוילישע בירגער? – מיר קענען דאָך נישט קיין וואָרט פּויליש! נו, מילא, איך האָב נישט אינגאַנצן פאַרשטאַנען, אָבער איך האָב געהאָפט צום אויבערשטן אַז אַלץ וועט גיין גוט.

– פרק מח –

# ר׳ שמואל קריסלאַווער (נאָטיק)

## ר׳ שמואל נאָטיק (קריסלאַווער) מיט זיין משפחה וואַרטן איבערצופאָרן דעם גרעניץ

ווען איך בין אָנגעקומען צו יחיאל מיכל ראַפּאָפּאָרט אין לעמבערג, איז זיין קוואַרטיר [דירה] דעמאָלט געווען ביי **ר׳ שמואל נאָטיק** (ר׳ שמואל קריסלאַווער)[61].

צוזאַמען מיט ר׳ שמואל נאָטיק זענען דעמולט געווען זיין פרוי, **מרים**, זיין זון **יעקב נאָטיק** (״יאַנקל דער געלער״) און זיין טאָכטער **שרה**[62]. זיי האָבן געוואַרט אויף אָפּצופאָרן מיט איינע פון די קומענדע גרופּעס.

יחיאל מיכל ראַפּאָפּאָרט האָט מיר געזאָגט: אָט באַלד דאַרף

61) ר׳ שמואל נאָטיק (קריסלאַווער) איז געבוירן געוואָרן, אין קריסלאַווא, אין יאָר תר״נ. אין די יאָרן תרס״ד-תרע״ו האָט ער געלערנט אין ישיבת ״תומכי תמימים״ אין דאָקשיץ, האָראָדישיץ און ליובאַוויטש. אין די יאָרן תרע״ו-תרע״ח איז געווען משפּיע אין אַרשע. שפּעטער איז ער געווען רב אין קאָפּוסט. אין יאָר תרצ״ה איז ער אַרעסטירט געוואָרן און פאַרשיקט געוואָרן אויף א פאר יאָר. אין די פערציקער יאָרן איז ער געווען איינער פון די ראשי-ישיבה אין כותאַיס און סאַמאַרקאַנד. אין יאָר תש״ז איז ער אַרעסטירט געוואָרן (אין לעמבערג – לוואָוו) , פאַרשיקט געוואָרן און איז נפטר געוואָרן אין פאַרשיקונג (זעט ווייטער מער אויספירליך).

62) זיין עלטערער זון, **שלום דובער נאָטיק** (״שלום בער הגדול״) און זיין אַנדער טאָכטער, **רחל** (שפּעטער חתונה-געהאַט מיט **ר׳ שלום סלאַווין** (״שלום לויקיס״)), זענען שוין געווען אַוועקגעפאָרן מיט אַ פריערדיקער גרופּע. זיין זון שלום דובער, האָט במשך יאָרן געוואוינט אין פראַנקרייך, נעבן פּאַריז. ער איז נפטר געוואָרן ״צום גדליי״ תשס״ב. און זיין טאָכטער שרה וואוינט היינט צו-טאָג אין תל-אביב, ארץ הקודש.

**ר' שמואל קריסלאַווער (נאָטיק)**

אַוועקפאָרן ר׳ שמואל קריסלאַווער מיט זיין משפחה, מיט נאָך אַנדערע מענטשן אין אַ גרופּע. אַז זיי וועלן אָנקומען אויף דער אַנדער זייט גרעניץ, וועלן זיי צושיקן אַהער אַ ידיעה, אַז זיי זענען ברוך השם אָנגעקומען בשלום, און דאַן וועט אָפּפאָרן אַן אַנדער גרופּע, און דו וועסט אי״ה קענען מיטפאָרן מיט זיי.

[נאָך עטליכע טעג מיט יחיאל מיכל ראַפּאָפּאָרט ביי ר׳ שמואל קריסלאַווער, בין איך איבערגעגאַנגען צו וואוינען אין דער הויז פון **מרדכי (מאָטל) שענקאַר**].

## עס קומט נישט אָן קיין ענטפער פון ר׳ שמואל נאָטיק

נו, דער אויבערשטער האָט געהאָלפן און אין עטלעכע טעג אַרום איז ר׳ שמואל נאָטיק (קריסלאַווער) מיט זיין משפחה אָפּגעפאָרן צום עשאַלאָן[63].

---

63) אין ״**תולדות חב״ד ברוסיא הסובייטית**״ פרק קטז (ע׳ שצו) דערציילט **ה״ר יהודה ליב מאָצקין**, אַז ט׳ טבת תש״ז (די נאַכט פון ערשטן יאַנואַר 1947) האָט מען זיך דערוואוסט, אַז אָט-אָט פאָרט-אָפּ אַן עשאַלאָן (דער לעצטער עשאַלאָן פון לעמבערג קיין פוילן). מען האָט דעמאָלט געשיקט מעלדן די ליובאַוויטשער חסידים וואָס זענען געווען פאַרשפּרייט אין פאַרשידענע הייזער, אַז זיי זאָלן גלייך קומען צום וואַגזאַל.

ר׳ יהודה ליב מאָצקין דערציילט דאָרטן, אַז ״עטליכע מענטשן האָבן געוואוינט אויפן זעקסטן שטאָק, און די טיר פון דער הויז איז געווען געשלאָסן [דאָס איז שוין געווען, ווייזט-אויס, נאָך 11 ביינאַכט, ווען די טויערן פון די הייזער אין לעמבערג ווערן געשלאָסן]. עס האָט נישט געהאָלפן דער קלאַפּן און מען האָט נישט מצליח-געווען זיי ברענגען [צום עשאַלאָן]. צווישן זיי [איז געווען] ה״ר שמואל נאָטיק״.

אָבער ווי שוין באַוואוסט, זענען עטלעכע פּרטים אין דער אויבנדערמאָנטער באַשרייבונג פון הרב מאָצקין נישט קיין ריכטיקע. דאָס זעלבע איז אויך אין אונזער פאַל:

א) ר׳ שמואל נאָטיק׳ס וואוינונג אין לעמבערג איז נישט געווען אויפן זעקסטן שטאָק (אַזוי זאָגט עדות דער מחבר פון דעם ספר, און אַזוי האָט מיר אויך עדות-געזאָגט מיין פאָטער, ר׳ שלום דובער נאָטיק. – **צ.ה. נאָטיק**). אגב, דאָס רוב הייזער אין לעמבערג זענען נישט געווען אַזעלכע הויכע.

ב) וואָס עס איז יאָ געשען איז דאָס פאָלגענדע:

אין דער אויבנדערמאָנטער נאַכט (פון ערשטן יאַנואַר 1947) ווען עס איז אָפּגעפאָרן דער לעצטער עשאַלאָן, איז אין לעמבערג פאָרגעקומען אַן ״אַבלאַווע״: די סאָוועטישע פּאָליציי און מיליטער האָבן זיך אַרויסגעלאָזט איבערן שטאָט, אויף צו זוכן און אַרעסטירן פאַרבליבענע אוקראַאינישע קעגנער פון סאָוועטישן רעזשים.

פאַרשטייט זיך, אַז אין אַזאַ נאַכט איז געווען אַ סכנה פאַר אומלעגאַלע מענטשן

בכלל, איז דער ענטפער פון אַ קבוצה, אַז זי איז אָנגעקומען בשלום, פלעגט אָנקומען נאָך צוויי-דריי טעג. אין דעם פאַל איז דורכגעגאַנגען אַ וואָך, צוויי – און ס׳איז נישטאָ קיין ענטפער.

דער עולם וואָס איז נאָך פאַרבליבן אין לעמבערג האָט אָנגעהויבן איבערצוקלערן, אַז עפּעס איז דאָ געשען.

## ר׳ שמואל קריסלאַווער (נאָטיק) מיט זיין משפחה איז אַראָפּגענומען געוואָרן פון באַן און אַרעסטירט געוואָרן

שפּעטער האָט מען זיך דערוואוסט, אַז ר׳ שמואל קריסלאַווער (צוזאַמען מיט זיין פרוי, זון און טאָכטער) איז אַראָפּגענומען געוואָרן פון באַן, אַזוי אַרום אַז זיי זענען נישט איבערגעפאָרן דעם גרעניץ.

ר׳ שמואל קריסלאַווער מיט זיין פרוי, זיין זון יעקב און זיין טאָכטער שרה, זענען דעמולט געשטעלט געוואָרן צום משפּט פאַר זיין ״עבירה״ צו פּרובירן שמוגלען אומלעגאַל דעם גרעניץ אַרויסצופאָרן פון רוסלאַנד. ער איז געפונען געוואָרן ״שולדיק״ און איז פאַרמשפּט געוואָרן פאַרשיקט צו ווערן (צום צווייטן מאָל!).

ר׳ שמואל קריסלאַווער איז נעבעך געבליבן ״דאָרטן״. ער איז דאָרט נפטר געוואָרן ו׳ עש״ק פ׳ בא, ה׳ שבט ה׳תש״ט, און איז נישט געקומען צו קבר ישראל. השם ינקום דמו ותהא נשמתו צרורה בצרור החיים.

זיין זון יעקב (יאַנקל דער געלער) און זיין טאָכטער שרה (ווי נאָך פיל אַנדערע ליובאַוויטשער חסידים) זענען דעמאָלט פאַרבליבן אין רוסלאַנד, דאָרט חתונה געהאַט און מיט מסירת-נפש אויפגעשטעלט אַ חסידישע משפחה. זיי זענען פון דאָרט ערשט אַרויסגעפאָרן אין יאָר תשל״א.

---

צו פאָרן אין די גאַסן. עס איז דאַן אויך געווען אוממעגלעך צו קריגן אַ שאָפער וואָס זאָל מסכים-זיין צו פירן זיי. אַזוי אַרום, אַז ביז ר׳ שמואל נאָטיק מיט זיין משפחה האָבן באַקומען אַ שאָפער אָפּצופירן זיי צום וואַגזאַל האָט גענומען אַ משך זמן, און דעריבער האָבן זיי פאַרשפּעטיקט דעם דאָזיקן עשאַלאָן.

אַ קורצע צייט שפּעטער האָט ר׳ שמואל נאָטיק פּרובירט אַרויסצופאָרן מיט אַ רעגולערן באַן. צוזאַמען מיט אים זענען אויך געווען **ר׳ מענדל פוטערפאַס** און נאָך עטלעכע ליובאַוויטשער חסידים. זיי זענען אָבער געכאַפּט געוואָרן, אַראָפּגענומען געוואָרן פון באַן און אַרעסטירט געוואָרן.

**ר' שמואל קריסלאַווער (נאָטיק)**

ר׳ יעקב וואוינט היינט אין נחלת הר חב״ד, ארץ הקודש, און שרה (וועלכע האָט חתונה געהאַט מיט **ר׳ מאיר יוניק**) וואוינט היינט אין מאָנטרעאַל, קאַנאַדאַ.

**ר׳ שמואל קריסלאַווער (נאָטיק) – אַ טייערער איד**

אַזאַ טייערער און הייליקער איד איז ר׳ שמואל קריסלאַווער געווען.

איך געדענק נאָך זייער גוט, ווי אַזוי ער פלעגט במשך אַ האַלבע שעה צייט בודק-זיין די ציצית פון זיין טלית פאַרן דאַווענען.

איך געדענק נאָך זיינעם אַ וואָרט וועלכן ער פלעגט דעמולט אָפט איבערחזר׳ן. ער פלעגט טייטשן דעם פסוק אין תהלים (קי״ח) ״**כי גבר עלינו חסדו**״: עס וועט גאָרנישט העלפן. דער ״חסד הוי׳״ וועט פאָרט גובר-זיין!

– פרק מט –

## די עשאַלאָנען פון לעמבערג שטעלן זיך אָפּ

דער אויבנדערמאָנטער עשאַלאָן איז געווען דער לעצטער עשאַלאָן פון לעמבערג אין וועלכן אנ״ש האָבן זיך אַרויסגעשמוגלט פון רוסלאַנד. די קאָמוניסטישע מאַכט-אָרגאַנען האָבן באַשלאָסן צו מאַכן אַ סוף צום אַרויסשמוגלען זיך פון רוסלאַנד דורך לעמבערג[64].

**אנ״ש וואָס געפינען זיך אין לעמבערג ווערן אַרעסטירט**

פלוצלונג אין איין נאַכט האָבן די קאָמוניסטישע געהיים-אַגענטן אויך אָנגעפאַנגען צו אַרעסטירן פיל ליובאַוויטשער חסידים וואָס האָבן זיך געפונען אין לעמבערג (לוואָוו) און געוואַרט אַרויסצופאָרן פון רוסלאַנד מיט די עשאַלאָנען.

[נישט בלויז דאָס אַרויסשמוגלען זיך פון רוסלאַנד מיט נישט-כשר׳ע פאַפּירן איז געווען אומלעגאַל, נאָר אויך דער עצם געפינען זיך דאָרט איז געווען אומלעגאַל. וואָרום ערשטנס, אין רוסלאַנד האָט מען געדאַרפט זיין רעגיסטרירט אין דעם אָרט וואו מען וואוינט, און

64) מער אויספירליך וועגן דעם – זעט ״**תולדות חב״ד ברוסיא הסובייטית**״ קאַפּיטל קט״ז (ע׳ קצב און ווייטער).

צווייטנס, דאָס געפינען זיך אין דער גרעניץ-שטאָט האָט זיי געמאַכט פאַרדעכטיקט אַז זיי פּלאַנירן צו שמוגלען דעם גרעניץ].

אנ״ש האָבן זיך גענומען צעלויפן פון לעמבערג. אַ טייל האָבן טאַקע מצליח געווען צו אַנטלויפן פון דאָרטן, אָבער אַ טייל זענען אַרעסטירט געוואָרן.

על-כל-פּנים – ״פרשת לעמבערג״ האָט זיך פאַרענדיקט.

**די עשאַלאָנען פון לעמבערג שטעלן זיך אָפּ**

# פערטער טייל

– פרק נ –

## איך האָב חתונה און באַזעץ זיך אין לעמבערג

ווי שוין דערמאָנט אויבן, איז דער ליובאַוויטשער עולם זיך פאַנאַנדערגעלאָפן פון לעמבערג. איך האָב זיך אָבער געטראַכט: וואוהין קען איך דען לויפן?!

היות אָבער ווי מען האָט דאָך מיר שוין דעמאָלט געהאַט איבערגעפירט צו וואוינען אין דער הויז פון **מרדכי (מאָטל) שענקאַר**, בין איך שוין דאָרטן פאַרבליבן.

### איך האָב חתונה

אַ קורצע צייט שפּעטער האָב איך חתונה געהאַט צו מרת העניא חנה (זיידע). די חתונה איז פאָרגעקומען כ״ב כסלו, תש״ז, אין לעמבערג (לעוואָו). דער מסדר-קידושין איז געווען **יעקב גוראַרי׳**.

### מיין אַרבעט אין לעמבערג

אין לעמבערג האָב איך געפונען אַן אַרבעט אין מיין פאַך:



**מיין משפחה מיט מיין שווער, ר׳ יעקב זיידע**

**איך האָב חתונה און באַזעץ זיך אין לעמבערג**

צונויפצושמעלצן צעבראָכענע מעטאַלענע זאַכן.

מיין גוי׳אישער בעה״ב איז געווען צופרידן פון מיין אַרבעט. עס איז מיר ביי אים אויך אָנגעקומען זייער גרינג אויסצופירן נישט צו דאַרפן אַרבעטן שבת און יום-טוב, וואָרום ער איז געווען אַ גרויסער שיכור, דעריבער איז מיר געווען זייער גרינג אים משחד זיין מיט אַ ביסל בראָנפן, און ער האָט מיך באַפרייט פון דער אַרבעט שבת און יום-טוב.

**דער געשעפט וואו איך האָב געאַרבעט שליסט זיך**

אַזוי זענען אָפּגעגאַנגען גוטע דריי יאָר. אָבער ביים סוף פון די דריי יאָר איז דער געשעפט פון מיין בעה״ב געשלאָסן געוואָרן. ווי עס ווייזט אויס, איז די גאַנצע אַרבעט אין דעם געשעפט פון מיין בעה״ב געווען אַ טריפה׳נע אַרבעט, פאַרבונדן מיט גנב׳ענען און דאָס גלייכן, אַזוי, אַז נאָך עטליכע יאָר איז ער געצוואונגען געוואָרן צו שליסן דעם געשעפט.

נו, אַזוי בין איך ווידער געבליבן אָן אַרבעט, און איך האָב ווייטער אָנגעפאַנגען צו זוכן אַן אַרבעט.

– פרק נא –

## תש״ח (1948) – מיין נייער אַרבעטס-פּלאַץ אין לעמבערג

אין לעמבערג איז געווען אַ פאַבריק פון שמעלצן מעטאַלן. איך בין דאָרטן אַוועק און זיך פאָרגעשטעלט אַלס אַ צונויפשמעלצער.

דער אינזשיניער רופט זיך אָפּ צו מיר: מיר וועלן דיר געבן עפּעס צונויפצושמעלצן, און מיר וועלן זעען צי דו טויגסט זיך אויס אין דער דאָזיקער פאַך. עס איז זייער אַ שווערע און איידעלע אַרבעט. אין רוסלאַנד האָט מען דאָס גערופן אַ ״יוּווּעלירנָע״ אַרבעט (אַן ״איידעלע״ ארבעט).

אומר ועושה, ער האָט מיר געגעבן עפּעס צונויפצושמעלצן. איך האָב עס צונויפגעשמאָלצן, און ווי עס ווייזט אויס, איז עס אים געפעלן געוואָרן, און ער האָט מסכים-געווען מיך אָנצונעמען אַלס אַן אַרבעטער.

## איך רעד אָפּ מיט מיין בעה״ב ער זאָל מיר באַפרייען פון צו אַרבעטן שבת און יום-טוב

נאָכן אָפּאַרבעטן אין מיין נייעם אַרבעטס-פּלאַץ במשך פון אַ וואָך צייט, רופט מיך אַריין מיין נייער בעה״ב און זאָגט מיר, אַז היות איך פּלאַניר צו בלייבן אַרבעטן ביי אים אויף אַ פּערמאַנענטן אופן (נישט קיין מלאכת-עראי, ווי ביז-איצט), דאַרף איך זיך דעריבער פאַרשרייבן, און ער דאַרף מיט מיר אָפּרעדן די תנאים פון מיין אַרבעט; מיין געהאַלט און דאָס גלייכן.

וויבאַלד אַז איך האָב געדאַרפט מיט אים דאַן אָפּרעדן וועגן די תנאים פון מיין אַרבעט, האָב איך אים דאַן געמוזט דערציילן וועגן דעם, אַז איך אַרבעט נישט אום שבת. איך האָב זיך צו אים געוואָנדן מיט די פאָלגענדע ווערטער:

– די מעשה איז אַזוי: איך לייד פון אַזאַ ״קראַנקהייט״, צוליב וועלכער איך בין מסופק צי איר וועט מיר וועלן האַלטן ביי דער אַרבעט.

– ״וואָס פאַראַ קראַנקהייט?״ – פרעגט ער ביי מיר. – ״מיין ׳קראַנקהייט׳ איז, – ענטפער איך אים – וואָס איך אַרבעט נישט אום שבת!״.

– ״אָבער זונטיק אַרבעטסטו יאָ?״ – פרעגט ער ביי מיר ווידער. – ״יאָ – ענטפערט איך אים – זונטיק בין איך גרייט צו אַרבעטן״. – ״נו, – ענטפערט מיר מיין בעה״ב – אויב אַזוי, בין איך גרייט דיך אָנצונעמען צו אַרבעטן ביי מיר״.

מיין בעה״ב זעצט פאָר ווייטער:

– מיר וועלן דיר צושטעלן אַ באַהעלפער דיך אַרויסצוהעלפן מיט דער אַרבעט. אין דעם שבת׳דיקן טאָג וועט דיין באַהעלפער צוגרייטן פאַר דיר אַרבעט פאַרן גאַנצן זונטאָגדיקן טאָג, ווען אַלע אַנדערע אַרבעטער (אַריינגערעכנט דיין באַהעלפער) אַרבעטן נישט. זונטאָג וועסטו קומען צוגיין צו דער פאַבריק, וואו ביים שומר וועט שוין ליגן פאַר דיר אַ ״פּראָספּעָקט״ (אַן ערלויבונג) אַז ער זאָל דיר אַריינלאָזן זונטאָג אין דער פאַבריק. און אַזוי וועסטו דאָרטן אַרבעטן איינער אַליין זונטאָג אַנשטאָט דעם שבת׳דיקן טאָג.

נו, פאַרשטייט זיך, אַז איך האָבן דערצו גערן מסכים געווען. און

**אין לעמבערג**

אַזוי האָט טאַקע אָנגעהאַלטן דער סדר במשך פון אַפּאָר חדשים אַז איך פלעג שבת נישט קומען צו דער אַרבעט, און אַנשטאָט דעם פלעג איך אַרבעטן זונטאָג.

## איך ווער גערופן פאַר אַ קאָמוניסטישע קאָמיסיע פאַר נישט אַרבעטן שבת

אַנומעלט אין מיטן דער וואָך, בעת איך זיץ און אַרבעט, דערזעע איך פּלוצלונג, אַז דער גרויסער קאָמוניסט פון דער פאַבריק שטייט און קוקט זיך שטאַרק איין ווי אַזוי איך אַרבעט. ער רעדט קיין וואָרט נישט, ער קוקט זיך בלויז צו צו מיין אַרבעט.

גלייך נאָכדעם, קומט צוגיין אַ שליח און מעלדעט מיר, אַז מען רופט מיך "אַהין", דאָס הייסט אין ביוראָ פון דער פאַבריק, צו די באַלעבאַטים.

איך גיי אַריין און איך זע, אַז עס געפינט זיך דאָרט דער גאַנצער פּרעזידיום (דער "שולחן הנשיאות") פון דער פאַבריק. איך האָב גלייך פאַרשטאַנען, אַז עס "שמעקט" דאָ מיט עפּעס נישט גוטס. מען האָט מיך געהייסן זיך אַוועקזעצן, און נאָכן פרעגן ביי מיר די סקראַבאָוונע פראַגן (מיין נאָמען, ווי אַלט איך בין און דאָס גלייכן), רופט זיך אָפּ צו מיר דער הויפּט פון די קאָמוניסטן פון דער פאַבריק מיט דאָס פאָלגענדע:

– וויפל איז דער שיעור?! ביז וואַנען וועסט אַלץ פּראַווען דיינע "פאָקוסן" (קונצן) מיט דעם שבת?! אַלע אַרבעטן שבת, און דו ביסט דאָרט נישטאָ! ווידער, זונטאָג ביסטו איינער אַליין אויף דער פאַבריק. וואו איז דאָס געהערט געוואָרן צו לאָזן איין מענטשן אַרבעטן אַליין?!

– אויב איר דאַרפט מיר נישט האָבן ביי דער אַרבעט – האָב איך געענטפערט – דאַן בין איך גרייט אַוועקצוגיין!

– ניין! – ענטפערט ער מיר. – מיר דאַרפן דיך יאָ האָבן. מיר **מוזן** דיך האָבן אין דער פאַבריק. נאָר דו דאַרפסט אַרבעטן מיט אַלעמען צוגלייך.

– אַזוי האָב איך אָפּגערעדט מיט דעם אינזשיניער פון דער פאַבריק, – ענטפער איך אים. – מיר האָבן אָפּגערעדט, אַז שבת אַרבעט איך נישט, און אַנשטאָט דעם אַרבעט איך זונטאָג. און אויב איר זענט צו דעם נישט מסכים, בין איך גרייט אָפּצולאָזן מיין אַרבעט אין דער

פאַבריק!

– ניין, ניין! – זאָגט ער ווידעראַמאָל, – דו וועסט נישט אַוועקגיין! מיר דאַרפן דיך האָבן.

דער הויפּט-קאָמוניסט פון דער פאַבריק זעצט-פאָר:

– מיט וועמען באַגעגנסטו זיך? וועך באַאיינפלוסט דיר צו היטן שבת?

– איך באַגעגן זיך מיט קיינעם נישט, – ענטפער איך אים. – קיינער דאַרף מיך נישט באַאיינפלוסן, אַז איך זאָל נישט אַרבעטן שבת, וואָרום אַזוי שטייט געשריבן אין דער הייליקער תורה, אַז שבת טאָר מען נישט אַרבעטן. בלויז מיט דער תורה "באַגעגן" איך זיך, און זי האָט מיך באַאיינפלוסט נישט צו אַרבעטן שבת.

– ניין, ס'קען נישט זיין! – רופט זיך אָפּ דער הויפּט-קאָמוניסט אַן אויפגערעגטער. – דו ביסט אַ יונגער מענטש, איינער אַליין. מסתמא האָסטו עפּעס אַ רעדל אַרום זיך!

– עס איז קיין שום רעדל נישט! – ענטפער איך אים. – איך בין איינער אַליין. איך, מיט דער תורה מיט דעם אויבערשטן. מער ווייס איך קיין זאַך נישט!

הכלל, אַזוי איז ווייטער געגאַנגען דער געשפּרעך, אַהין און צוריק. דער קאָמוניסט האָט אָנגעפאַנגען מיך צוצודריקן.

– ווייסטו וואָס? – זאָג איך אים – איך האָב שבת קיינמאָל נישט געאַרבעט, און איך וויל ווייטער אויך נישט אַרבעטן שבת! און אויב עס געפעלט אייך נישט – בין איך גרייט אָפּצולאָזן די אַרבעט אין דער פאַבריק!

– פרק נב –

## איך בין געצוואונגען צו אַנטלויפן פון לעמבערג

### איך ווער "באַפרייט" פון מיין אַרבעט

איינזעענדיק מיין אַנטשלאָסנקייט נישט צו אַרבעטן שבת – רופט זיך אָפּ דער הויפּט-קאָמוניסט פון דער פאַבריק צום אינזשיניער, און זאָגט צו אים: נו, מען דאַרף אים באַפרייען פון דער אַרבעט. אַז ער וויל

נישט גיין מיט אונז טראַט ביי טראַט – דאַרפן מיר אים נישט!

נו, מילא. אַז זיי דאַרפן מיר נישט צו דער אַרבעט – דאַרף מען נישט. ווי דער סדר איז דאַן געווען, האָב איך אויסגעשריבן אַ בקשה, אַז איך בעט מען זאָל מיך באַפרייען פון דער אַרבט, און איך בין טאַקע באַפרייט געוואָרן.

## רביצין חיה׳קע סעגאַל טענה׳ט, אַז ס׳איז פאַר מיר אַ סכנה צו בלייבן אין לעמבערג

אין לעמבערג איז געווען אַ סקווערער רב מיטן נאָמען מאַניע סעגאַל (״מאַניע דער רב״ פלעגט מען אים רופן). בעת זיין רביצין – חיה׳קע – האָט דערהערט, אַז מען האָט מיך באַפרייט פון דער אַרבעט צוליב דעם וואָס איך וויל נישט אַרבעטן שבת, און אַז איך האָב דערקלערט צו די קאָמוניסטן, אַז איך האָב שבת קיינמאָל נישט געאַרבעט און אַז איך וועל ווייטער אויך נישט אַרבעטן שבת – האָט זי זיך שטאַרק דערשראָקן, און זי האָט געטענה׳ט, אַז עס איז סכנת-נפשות פאַר מיר צו פאַרבלייבן אין לעמבערג.

מען דאַרף נישט פאַרגעסן, אַז דאָס איז געווען אין די ביטערע יאָרן, אין דעם 48טן יאָר. די שיטה ביי די קאָמונסטישע רוצחים איז דאַן געווען, אַז איינער וואָס איז שוין אַמאָל ״געזעצן״ – איז אפילו פאַר אַ קלייניקייט האָט מען אים ווידעראַמאָל איינגעזעצט! די ״לאָגיק״ אין דעם איז געווען: כאָטש דער דאָזיקער מענטש האָט שוין אָפּגעדינט זיין שטראָף, וויבאַלד אָבער ער איז שוין איינמאָל געזעצן – דעריבער דאַרף מען אים ווידער איינזעצן!

עס איז קיין וואונדער נישט דעריבער פאַרוואָס חיה׳קע האָט זיך אַזוי איבערגעשראָקן פאַר מיין וואוילזיין. זי איז טאַקע גלייך אַוועק צו מיר אין היים און דאָרט געמאַכט אַ גאַנצן טומל, אַז איך מוז שוין אַנטלויפן פון לעמבערג!

## איך אַנטלויף קיין חאַרקאָוו

נו, אַז עס איז פאַר מיר סכנת-נפשות צו פאַרבלייבן אין לעמבערג – דאַרף איך טאַקע אַנטלויפן. אָבער וואוהין זאָל איך לויפן?

ווי שוין דערמאָנט אויבן (קאַפּיטל מח), האָב איך אין לעמבערג געוואוינט אין דער הויז פון **מרדכי (מאָטל) שענקאַר**. די דאָזיקע שענקאַר-משפחה האָט געהאַט קרובים אין חאַרקאָוו, דעריבער איז

**איך בין געצוואונגען צו אַנטלויפן פון לעמבערג**

באַשלאָסן געוואָרן, אַז איך זאָל אַנטלויפן קיין חאַרקאָוו.

וכך הוה, איך בין אַנטלאָפן פון לעמבערג קיין חאַרקאָוו.

אָנקומענדיק קיין חאַרקאָוו האָט זיך פאַר מיר אָנגעפאַנגען אַ נייער גלות: גלות חאַרקאָוו! איך האָב ווידער געדאַרפט נעמען זוכן אַן אַרבעט, און ווייטער איז אַנטשטאַנען דער פּראָבלעם פון שמירת-שבת א.אַ.וו. בקיצור, עס האָט זיך פאַר מיר פאַרענדיקט "**גלות לוואָוו (לעמבערג)**" און עס האָט זיך אָנגעפאַנגען "**גלות חאַרקאָוו**".

– פרק נג –

## תש"ט (1949) – איך פאָר קיין טשערנאָוויץ צו לערנען זיך שחיטה

### מיין שוואָגער פסח משה זיידה שלאָגט-פאָר, אַז איך זאָל ווערן אַ שוחט און אַ מוהל

איך האָב געהאַט אַ שוואָגער מיטן נאָמען **פסח משה זיידה**. ער האט געלעבט אין לעמבערג און שפּעטער אין חרקוב. ער איז געווען אַן איש אלקים. זאָגט ער צו מיר:

– וויפל אַ שיעור זיך צו מאַטערן מיט דיין אַרבעט? וואָס איז דאָס פאַר אַן אַרבעט צו זיין אַ קנעכט ביי יענעם?! דו דאַרפסט זיך אויסלערנען די אומנות פון שחיטה און מילה און ווערן אַ שוחט און אַ מוהל!

– אויף צו לערנען די פאַך פון שחיטה – זעצט-פאָר מיין שוואָגער – דאַרפסטו פאָרן קיין טשערנאָוויץ. דאָרט געפינען זיך עטלעכע פון אנ"ש, צווישן זיי: **חיים זלמן קאַזלינער** ("חז"ק"); **משה וויטעבסקער** (ווישעצקי) און **יואל איטקין**. דער דאָזיקער יואל איטקין איז אַ שוחט, און ער וועט דיר אויסלערנען ווי אַזוי צו "שטעלן דעם חלף".

זעלבסטפאַרשטענדליך, אַז איך האָבן גערן מסכים געווען צו מיין שוואָגערס הצעה, אַוועקצופאָרן קיין טשערנאָוויץ אויסצולערנען זיך די פאַך פון שחיטה. אָבער ווי אַזוי קען איך פון דאַנען אַוועקפאָרן – איך האָב דאָך דאָ אַ משפחה, אַ פרוי מיט צוויי קינדער וועמען איך דאַרף מפרנס זיין! אויף דעם האָט זיך מיין טייערער שוואָגער משה זיידה אונטערגענומען, אַז במשך פון דער צייט וואָס איך וועל נישט זיין

אין חאַרקאָוו, וועט ער מפרנס זיין מיין פרוי מיט די קינדער. וכך הוה.

## איך קום-אָן קיין טשערנאָוויץ

קומענדיק צופאָרן קיין טשערנאָוויץ, האָט מען מיך באַקענט מיט **ר׳ יואל איטקין**, אַ געוועזענער שוחט. איך האָב ביי אים פאַרבראַכט אַ משך זמן און ער האָט מיך אויסגעלערנט ווי אַזוי צו ״שטעלן דעם חלף״.

אין טשערנאָוויץ האָט נאָך דעמאָלט עקזיסטירט אַ אידישע בית-השחיטה (אַ שלאַכט-הויז). איז משה וויטעבסקער (ווישעצקי) אַוועק צום דאָרטיקן שוחט, און ביי אים געפועל׳ט, ער זאָל מיך אָננעמען דאָרט צו פּראַקטיצירן שחיטת עופות: ווי אַזוי צו נעמען אַן עוף; מאַכן די ״תפיסה״, און מיט דער צייט – אויך ווי אַזוי צו שחט׳ן. דער שוחט האָט אויף דעם מסכים-געווען (פאַרשטייט זיך, אַז מען האָט אים דערפאַר באַצאָלט).

אַזוי האָב איך טאַקע במשך אַ זמן פאַרבראַכט אין דער טשערנאָוויצער בית-השחיטה, זיך אויסגעלערנט די אומנות הזביחה און אָנגעפאַנגען אַליין צו שחט׳ן. דער דאָרטיקער שוחט האָט זיך צוגעקוקט צו מיין שחט׳ן און מיין אַרבעט איז אים געפעלן געוואָרן.

## איך באַקום ״הודעה״ און ״קבלה״ אויף שחיטה פון טשערנאָוויצער רב

אין טשערנאָוויץ איז געווען אַ רב (איך האָב פאַרגעסן זיין נאָמען), בין איך אַוועק צו אים צו באַקומען פון אים ״הודעה״ און ״קבלה״ אויף צו ווערן אַ שוחט.

דער רב האָט מיך פאַרהערט אין די דינים פון שחיטה; בודק געווען מיינע חלפים א.אַ.וו. און דער טשערנאָוויצער שוחט האָט מעיד געווען פאַרן רב, אַז איך טויג זיך אויס אין דער מלאכת הזביחה, און דער רב האָט מיר טאַקע אַרויסגעגעבן ״הודעה״ און ״קבלה״, און אַזוי אַרום בין איך נסמך געוואָרן צו ווערן אַ שוחט ובודק.

אין טשערנאָוויץ האב איך פארבראכט לערך דריי חדשים.

**תש"ט (1949) – איך פאָר קיין טשערנאָוויץ צו לערנען זיך שחיטה**

– פרק נד –

# איך ווער אַ שוחט אין חאַרקאָוו

## איך פאָר צוריק אַהיים קיין חאַרקאָוו

היות איך האָב שוין פאַרענדיקט דאָס לערנען זיך די מלאכת הזביחה, איז געקומען די צייט אומצוקערן זיך צוריק אַהיים, קיין חאַרקאָוו, צו מיין משפחה, און אָנצופאַנגען אַרבעטן אַלס שוחט.

צוריקקומענדיק קיין חאַרקאָוו האָב איך באַזוכט עטלעכע פון די חשוב'ע ליובאַוויטשער חאַרקאָווער בעלי-בתים (צווישן זיי **ר' זלמן סקאַבלאָ**), זיי דערציילט, אַז איך בין אַ שוחט און זיי געוויזן די ״קבלה״. זעלבסט-פאַרשטענדליך, אַז זיי זענען געווען זייער צופרידן דערפון וואָס ס'איז צוגעקומען נאָך אַן ״אייגענער״ שוחט, פון אנ״ש.

## ביידע חאַרקאָווער שלאַכט-הייזער ווילן מיר נישט אָננעמען אַלס שוחט!

אין חאַרקאָוו זענען דעמאָלט געווען צוויי (אידישע) בתי-שחיטה (שלאַכט-הייזער) פאַר עופות, איינער אין איין מאַרק און דער צווייטער אין דעם צווייטן מאַרק. אין די דאָזיקע שלאַכט-הייזער (וועלכע האָבן באַלאַנגט צו דער מלוכה) האָבן געאַרבעט אידישע שוחטים. אויסער די שוחטים, זענען דאָרט געווען אויך גויים, וועלכע פלעגן זיך פאַרנעמען מיטן אויספליקן די פעדערן פון די עופות.

[פעדערן זענען אין יענע יאָרן פאַררעכנט געוואָרן ווי ״וואַלוטע״. די סאָוועטישע רעגירונג פלעגט עס עקספּאָרטירן און פאַרקויפן אין אויסלאַנד, און באַקומען אַנשטאָט דעם דאָלאַרן].

מען האָט זיך געוואָנדן צום הויפּט-שוחט פון איין מאַרק, און ביי אים געבעטן אָנצונעמען מיך צו דער אַרבעט. ער האָט אָבער דערצו נישט מסכים געווען. ער האָט געטענה'ט, אַז מען שעכט זייער ווייניק, און אַז אפילו פאַר איין שוחט איז נישטאָ גענוג אַרבעט.

אויך דער שוחט אין דעם אַנדער מאַרק האָט זיך אָפּגעזאָגט אָנצונעמען מיר אַלס שוחט. יענער האָט, ווייזט-אויס, מורא געהאַט איך זאָל נישט כאַפּן אַ בליק אויף זיין חלף...

מען האָט זיך געפּרואווט שפּאַרן מיט די שוחטים, אָבער עס האָט גאָרנישט געהאָלפן – זיי האָבן מיך בשום אופן נישט געוואָלט צולאָזן

שחטן בײַ זיי.

### איך ווייז צוריק אָנבאָט צו גיין שחט'ן איבער די הייזער

אַזוי ווי אין די ביידע חאַרקאָווער שלאַכט-הייזער האָט מען נישט מסכים געווען אָנצונעמען מיך אַלס שוחט, איז אויפגעקומען אַ הצעה, אַז איך זאָל גיין שחט'ן איבער די הייזער. דאָס הייסט, אַז פּריוואַטע מענטשן וועלן מיך איינלאַדן צו קומען שחט'ן זייערע עופות אין זייערע פּריוואַטע היימען, דאָ און דאָרט.

איך האָב, זעלבסטפאַרשטענדליך, צוריקגעוויזן דעם אָנבאָט. איך האָב דאָך אַ משפחה, וועלכע איך דאַרף מפרנס זיין, – האָט איב געטענה'ט – און פון אַרומגיין איבער די הייזער שעכטן קען מען כמעט גאָרנישט פאַרדינען.

### איינער פון די חאַרקאָווער שוחטים איז געשטאָרבן – און מען נעמט מיך אויף אַלס שוחט אויף זיין פּלאַץ

אינצווישן האָט פּאַסירט, אַז איינער פון די חאַרקאָווער שוחטים איז געשטאָרבן. אַזוי ווי עס האָט אויסגעפעלט אַ שוחט, האָבן זיי זיך גלייך געוואָנדן צו מיר, איך זאָל אויספילן זיין פּלאַץ.

איך האָב, זעלבסטפאַרשטענדליך, אַ צופרידענער אָנגענומען דעם אָנבאָט, און נאָכן רעגיסטרירן זיך בײַ די געהעריקע מלוכה-אינסטאַנצן בין איך אָנגענומען געוואָרן אַלס שוחט אין חאַרקאָוו. אַזוי ווי יעדן שוחט, האָט מען אויך מיר צוגעשטעלט אַ גוי צו פליקן די עופות.

אַזוי האָב איך ברוך-השם געאַרבעט אַלס שוחט במשך פון עטלעכע יאָר און געצויגן דערפון אַ פּרנסה, כאָטש גאַנץ אַ קנאַפּע...

– פרק נה –

## תשי"ז (1957) – די ישיבה פאַר רבנים אין מאָסקווע

אין 57טן יאָר איז אָנגעקומען אַ ידיעה, אַז עס האַלט זיך בײַ עפענען אין מאָסקווע אַ ישיבה, וואו תלמידים וועלן זיך לערנען צו ווערן רבנים, שוחטים, מוהלים און חזנים.

פאַרשטייט זיך, אַז אַ שוחט (אָדער אַ מוהל א.ד.ג.) וואָס וועט האָבן אַ צעטל, אַז ער האָט פאַרענדיקט די מאָסקווער ישיבה – וועט מען אויף אים קוקן אינגאַנצן אַנדערש, מיט אַ סך מער רעספּעקט ווי

מען קוקט אויף איינעם וואָס האָט – אַזוי ווי איך, למשל – געלערנט שחיטה אין טשערנאָוויץ, באַהאַלטענערהייט.

איך האָב דעריבער באַשלאָסן, אַז ס'איז פאַר מיר כדאי צו פאָרן קיין מאָסקווע אָנגענומען צו ווערן אין דער דאָרטיקער ישיבה כדי אַזוי אַרום צו באַקומען (אויך) פון דער דאָזיקער ישיבה סמיכה אַלס אַ שוחט.

## איך קום-אָן קיין מאָסקווע און איך ווער אויפגענומען פון הרב שלייפער, דער הויפט-רב פון מאָסקווע

אומר ועושה, איך בין טאַקע באַלד געפאָרן קיין מאָעסקווע. אָנקומענדיק דאָרט, בין איך אויפגענומען געוואָרן פון **הרב שלייפער**, דער הויפט-רב פון מאָסקווע, וועלכער איז אויך געשטאַנען אין שפּיץ פון דער ניי-אויפקומענדער ישיבה. איך האָב צו אים געזאָגט, אַז היות איך האָב געהערט, אַז ביי זיי עפענט זיך אויף אַ ישיבה – וויל איך אָנגענומען ווערן אַלס תלמיד אין דער דאָזיקער ישיבה.

הרב שלייפער האָט זיך ביי מיר נאָכגעפרעגט ווער איך בין און פון וואַנען איך קום. איך האָב אים אויף אַלץ געענטפערט, און צוגעגעבן,




**ישיבת ״קול יעקב״ אין מאסקעווער שול**

**פון רעכטס צו לינקס – שטייענדיק: הרב יהודה ליב לעווין; הרב חיים כ״ץ און הרב שלייפער. ערשטע באַנק: ?; וועלוועל דער סופר; איך און ר׳ ישראל שוואָרצבאָרד. אונטערשטע באַנק: העשל גורעוויטש; יעקב אלישעוויץ; הרב פישמאן; ?.**

**תשי"ז (1957) – די ישיבה פאַר רבנים אין מאָסקווע**

אַז עס זענען פאַרן דאָ, אין מאָסקווע, אידן וואָס געדענקען מיר נאָך פון קיעוו, צווישן זיי **יאַנקל האָרענשטיין** און אַנדערע. מיינע ענטפערס האָבן אים באַפרידיקט.

## מען פאַרהערט מיר און איך ווער אָנגענומען אַלס תלמיד אין דער מאָסקווער ישיבה

קורצליך דערנאָך האָב איך זיך געשטעלט צו אַ בחינה (אַ פאַרהער) ביי **הרב זלמן נתן** און **הרב סנדלר**, וועמענס אויפגאַבע עס איז געווען צו פאַרהערן די תלמידים וואָס האָבן געוואָלט אָנגענומען ווערן אין דער נייער ישיבה.

הרב סנדלר האָט אַרויסגענומען אַ גמרא קידושין, און מיך געהייסן פאָרלערנען פאַר אים. איך האָב פאַר אים פאָרגעלערנט די ערשטע משנה פון דער מסכת ("האשה נקנית בשלשה דרכים כו'"). מיין לערנען האָט אים, ווייזט אויס, באַפרידיקט און ער האָט מסכים געווען מיך אָנצונעמען אַלס תלמיד אין דער נייער מאָסקווער ישיבה.

– זעלבסט-פאַרשטענדליך, אַז איך האָב פון אים אויסבאַהאַלטן דעם פאַקט, אַז איך האָב שוין געלערנט שחיטה אין טשערנאָוויץ און אַז איך האָב שוין אַ צעטל פאַר שחיטה. וואָרום איך האָב דאָך געוואָלט באַקומען אַ שחיטה-צעטל דווקא פון דער מאָסקווער ישיבה. עפּעס אַ קלייניקייט?! מאָסקווע!

## תלמידים פון איבעראַל קומען-צופאָרן צו לערנען אין דער נייער מאסקווער ישיבה

צוביסלעך האָבן אָנגעפאַנגען צו קומען קיין מאָסקווע תלמידים פון איבעראַל, וועלכע האָבן געוואָלט אָנגענומען ווערן אין דער נייער מאָסקווער ישיבה. צווישן די אָנגעקומענע זענען אויך געקומען תלמידים פון גרוזיע, וועלכע האָבן זיך געוואָלט אויסלערנען די אומנות הזביחה, וואָרום גרוזיע האָט זיך שטאַרק געניטיק אין שוחטים.

צווישן די אָנגעקומענע תלמידים קיין מאָסקווע געדענק איך אויך איינעם מיטן נאָמען **העשל גורעוויטש** פון ריגע. ער האָט זיך געהאַלטן פאַר אַ גאַנצן "יאַ-טי-ביע-דאַם" ("א גאנצע מציאות"). ער איז דערצו אויך געווען אַ גאַנץ פיינער חזן. פאַרשטייט זיך, אַז ער איז אָנגענומען געוואָרן אַלס תלמיד אין דער נייער מאָסקווער ישיבה.

### דער מלמד און דער ראש-ישיבה אין דער נייער ישיבה

מיט דער צייט האָבן די איניציאַטאָרן פון דער נייער מאָסקווער ישיבה אָנגעפאַנגען צו זוכן אַ מלמד און אַ ראש-ישיבה פאַר דער ישיבה.

אַלס מלמד איז אויפגענומען געוואָרן **ר׳ חיים כ״ץ**, אַ געוועזענער תלמיד פון ״חפץ חיים״ זצ״ל און אַלס ראש-ישיבה איז אויפגענומען געוואָרן **הרב יהודה ליב לעווין**, דער שפּעטערדיקער הויפּט-רב פון מאָסקווע.

און אַזוי האָבן זיך אָנגעפאַנגען די לימודים אין דער נייער מאָסקווער ישיבה. מ׳האָט אָנגעהויבן צו לערנען מסכת חולין און אַביסל דעם ספר ״שמלה חדשה״. די לימודים זענען געגאַנגען גאַנץ פיין.

אין חצר פון ישיבה איז איינגעשטעלט געוואָרן אַ קיך מיט אַן עס-צימער פאַר די תלמידים. דער משגיח אויף דער כשרות פון דער קיך איז געווען איינער פון אנ״ש, **בערל ריקמאַן**. ער האָט טאַקע שטאַרק מקפּיד געווען, אַז דאָס פלייש זאָל געכשר׳ט ווערן ווי עס דאַרף צו זיין, און האָט אויך געמאַכט זיכער, אַז מען זאל נישט אויסמישן ח״ו פליישיגס מיט מילכיגס. זעלבסט-פאַרשטענדליך, אַז מיט אַזאַ משגיח האָב איך זיך געקענט ערלויבן צו עסן פון דער דאָזיקער קיך.

### הרב שלייפער נפטר געוואָרן; הרב לעווין ווערט דער נייער הויפּט-רב פון מאָסקווע און הרב טרעבניק ווערט ראש-ישיבה

אַ צייט נאָכדעם ווי עס האָבן זיך אָנגעפאַנגען די לימודים אין דער מאָסקווער ישיבה, איז הרב שלייפער, דער מאָסקווער הויפּט-רב, נפטר געוואָרן. אַנשטאָט אים איז אויפגענומען געוואָרן אַלס הויפּט-רב – אונזער ראש-ישיבה הרב לעווין. ובכן האָט די ישיבה זיך גענויטיקט אין אַ נייעם ראש-ישיבה.

מען האָט געזוכט, ביז מען האָט געפונען **ר׳ שמעון טרעבניק** – אַ ברודער פון ר׳ נחום טרעבניק[65] – אויך אַ תלמיד פון ״חפץ חיים״ זצ״ל, אַ חבר פון דעם מלמד ר׳ חיים כ״ץ, און ער איז אויפגענומען געוואָרן אַלס דער נייער ראש-ישיבה אין דער מאָסקווער ישיבה. ר׳ שמעון

65) דער שפּעטערדיקער רב פון כפר-חב״ד.

טרעבניק איז געווען אַן איש אלקים.

### מיר פּראַקטיצירן שחיטת עופות און שחיטת גסות

אַ צייט נאָכדעם ווי מיר האָבן אָנגעפאַנגען צו לערנען די דינים פון שחיטה, האָבן מיר געדאַרפט אָנפאַנגען צו פּראַקטיצירן ווי אַזוי צו שחטן, סיי עופות און סיי גסות.

פאַרשטייט זיך, אַז צו פּראַקטיצירן שחיטת עופות איז אונז נישט אָנגעקומען שווער, וואָרום אין מאָסקווע איז געווען אַ בית-השחיטה פאַר עופות. אופיציעל האָט דאָרט געשאָכטן **יעקב אלישעוויץ** ("**יאַנקל דער שוחט**")[66], אום אופיציעל האבן דארטן אויך געשאכטן **שמעון גייסינסקי**, **איציק קוצינאַק** און **יאסל מאסיעיו**. טאַקע אין דעם דאָזיקן בית-השחיטה האָבן מיר זיך געלערנט ווי אַזוי צו שחטן עופות.

דאַקעגן צו לערנען זיך ווי אַזוי צו שחטן בהמות גסות איז אונז אָנגעקומען זייער שווער וויבאלד אז דער שחטן איז פארגעקומען אין הויף בא די גויים. און בשעת עס איז געווען ווינטער, איז אויסער דער שווריקייט וואס דער רעגן און שניי האט אנגעמאכט צום ארבעט, איז אין דער קעלט זייער שווער בודק-זיין דעם "חלף". אין מאָסקווע זענען געווען צוויי שוחטים פאַר גסות: **יאָסל מאַסייאיוו** און **איציק קוצינאַק**. מיר האָבן אָנגעפאַנגען אַרומצוגיין איבער די דערפער מיט די גסות. דאָס איז געווען יענע אַרבעט! וואָרום מיר האָבן גע'שחטן אין הויף, וואו עס איז געווען קאַלט און נאַס, און דאָרט האָבן מיר אויך געדאַרפט מאַכן די בדיקת פנים וכו' וכו'.

מיר האָבן אָבער קיין ברירה נישט געהאַט, וואָרום מיר האָבן געוואָלט זיך אויסלערנען (נישט בלויז די אַרבעט פון שחיטת עופות, נאָר) אויך די אַרבעט פון שחיטת בהמות. אידן ווילן דאָך האָבן אויך בהמה-פלייש, נישט בלויז עופות. עס איז דאָ אַ באַוואוסטער גרוזינער ווערטער-שפּיל אויפן פסוק "**הציפור לא בתר**": הציפור לא בשר! **עוף איז נישט קיין פלייש**!

וכך הוה, איך האָב זיך טאַקע אין דער מאָסקווער ישיבה אויסגעלערנט אויך ווי אַזוי צו שחטן בהמות גסות.

---

66) אין יאָר תשכ"ז האָט ער עולה-געווען קיין ארץ-ישראל, און איז דאָרט נפטר געוואָרן אין יאָר תשנ"ד.

– פרק נו –

# מיר לערנען זיך צו ווערן מוהלים

אין דער זעלבער צייט וואָס מיר האָבן זיך געלערנט די אומנות הזביחה, האָבן מיר אויך אָנגעפאַנגען צו לערנען זיך די אומנות המילה.

## די פראַקטיקע וואָס עס פאָדערט זיך פון אַ מוהל

אויף אויסצולערנען זיך די אומנות פון מילה דאַרף מען (פונקט ווי ביי דער אומנות הזביחה) – אויסער דאָס לערנען פון די הלכות – אויך האָבן **פראַקטיקע**. און די די דאָזיקע פראַקטיקע באַשטייט אין צוויי טיילן:

צום אַלעם ערשטן דאַרף אַ מוהל פשוט פראַקטיצירן ווי אַזוי מַל צו זיין אַ קינד, דאָס הייסט ווי אַזוי צו מאַכן ווי געהעריק די מעשה המילה: דעם חיתוך, די פריעה און דאָס גלייכן. פאַרשטייט זיך, אַז די דאָזיקע פראַקטיקע איז דער עיקר.

צוזאַמען דערמיט אָבער דאַרף אַ מוהל אויך האָבן פראַקטיקע אין נאָך זאָכן וואָס זענען פאַרבונדן מיט דורכפירן אַ ברית-מילה; סיי וואָס אָנבאַלאַנגט פאַרן ברית און סיי – און דאָס איז דער עיקר – וואָס אָנבאַלאַנגט נאָכן מַל זיין דאָס קינד.

אַ מוהל דאַרף, למשל, בודק זיין דאָס קינד פאַרן ברית, כדי צו באַשליסן צי דאָס קינד איז געזונט און מען קען אים מַל זיין, אָדער מען דאַרף אָפּלייגן דעם ברית אויף אַ שפּעטערדיקע צייט.

דאָס זעלבע דאַרף אַ מוהל קומען באַזוכן דאָס קינד נאָכן מַל זיין אים, כדי איבערצובייטן זיין באַנדאַזש, און מאַכן זיכער, אַז עס האָבן זיך נישט געשאַפן ח״ו קיין קאָמפּליקאַציעס אַלס תוצאה פון דער ברית מילה.

אַמאָל טרעפט אפילו, אַז דער מוהל דאַרף בלייבן איבערנעכטיקן ביי דעם רך הנימול, וויבאַלד אַז די מוטער פון דאָס קינד איז יונג (אָדער דאָס איז איר ערשטער בן-זכר) און זי האָט נאָך נישט קיין פראַקטיקע. אין אַזאַ פאַל, דאַרף דער מוהל אויך וויסן ווי אַזוי צו נעמען דעם רך-הנימול אויף די הענט כדי אים צו באַרואיקן בעת ער וויינט – דורך זינגען פאַר אים אַ אידישן חסידישן ניגון. [די פראַקטיקע האָט געוויזן, אַז בעת מען זינגט, ח״ו, פאַרן קינד אַ גוי׳אישן ניגון –

וויינט ער ווייטער. דאַקעגן אָבער, אַז מען זינגט פאַר אים עפּעס אַ אידישן חסידישן ניגון – דאַן באַרואיקט ער זיך. עס איז דאָך אַ אידישע נשמה׳ילע!].

## מיר פּראַקטיצירן מילה ביי יאַנקל דעם מוהל

כאָטש אין מאָסקווע זענען דאַן געווען עטלעכע מוהלים, איז אָבער דער אויבנדערמאָנטער יאַנקל דער שוחט פאַררעכנט געוואָרן אַלס דער ״פּראָפעסאָר״ וואָס אָנבאַלאַנגט ברית-מילה. דער עולם האָט זייער געהאַלטן פון אים. און טאַקע צו אים זענען מיר געגאַנגען צו לערנען זיך ווי אַזוי צו ווערן מוהלים.

צוליב ״כבוד אלקים הסתר דבר״, איז ווען עס איז געקומען צו לערנען זיך די אומנות פון מילה, האָט יאַנקל דער שוחט עס געלערנט מיט אונז אין גרופּעס פון בלויז עטלעכע תלמידים אויף אַ מאָל. וואָרום נישט ווי ביי שחיטה, איז ביי מילה האָט עס געדאַרפט זיין אָן פרסום און אָן רעש וויבאלד אז דאס איז געווען א סכנה פאר דער פאטער פון קינד

## די שוועריקייטן ביים פּראַקטיצירן אַ ברית-מילה

אין דער צייט וואָס דאָס לערנען זיך די פּראַקטיקע פון שחיטה ביי יאַנקל דעם שוחט איז אונז אָנגעקומען נישט גאָר שווער – איז אָבער דאָס לערנען זיך די פּראַקטיקע פון ברית-מילה ביי אים שוין געווען אַ גאָר שווערער געשעפט.

כאָטש מיר זענען מיטגעגאַנגען מיט יאַנקל דעם שוחט צו די ברית׳ן וואָס ער האָט דורכגעפירט, און זיך גוט צוגעקוקט ווי אַזוי ער טוט אַלץ – איז אָבער ״המעשה הוא העיקר״: מען דאַרף דאָך מיט די אייגענע הענט פּראַקטיצירן ווי אַזוי צו האַלטן דאָס מעסערל און ווי אַזוי צו מאַכן דעם מעשה החיתוך. און דאָס האָט אונז יאַנקל דער שוחט נישט געקענט לאָזן טאָן, וואָרום די עלטערן פון דעם רך-הנימול שטייען דאָך דערביי, און זיי האָבן בשום-אופן נישט דערלאָזט, אַז איינער וואָס איז נישט קיין מוהל-מומחה, און בפרט אַזאַ איינער וואָס האָט נישט קיין שום פריערדיקע פּראַקטיקע – זאָל מַל זיין זייער קינד! צו מַל זיין זייערע קינדער האָבן זיי צוגעלאָזט בלויז יאַנקל דעם מוהל-מומחה אַליין.

– צו מאַכן פּריעה אויף דעם רך-הנימול האָבן אַ טייל עלטערן אונז

צוגעלאָזן. וואָרום כאָטש אויך פריעה איז אַ גאָר חשוב׳ער טייל פון ברית-מילה (און ״מל ולא פרע כאילו לא מל״ ח״ו), איז אָבער אויף דעם האָבן זיי נישט אַזוי שטאַרק מדקדק געווען, אַז דאָס זאָל געטאָן ווערן בלויז דורך אַ מוהל-מומחה. דאַקעגן בנוגע צו דער מעשה המילה אַליין וואָלטן די עלטערן אונז בשום-אופן נישט צוגעלאָזן דערצו.

און אַזוי האָבן מיר – די תלמידים פון דער מאָסקווער ישיבה – טאַקע געלערנט די נויטיקע דינים וואָס אַ מוהל דאַרף וויסן; מיטגעגאַנגען מיט יאַנקל דעם שוחט צו זעען ווי אַזוי ער פירט-דורך ברית-מילה׳ס; פראַקטיצירט אפילו די פריעה – אָבער וואָס אָנבאַלאַנגט די מעשה המילה אַליין האָבן מיר נישט באַקומען קיין שום פראַקטיקע.

**מיר באַקומען אַ געלט-סטיפּענדיע פון דער מאָסקווער ישיבה**

היות ווי במשך פון דער גאַנצער תקופה וואָס מיר האָבן געלערנט אין דער מאָסקווער ישיבה, האָבן מיר דאָך נישט געאַרבעט, און אַזוי אַרום האָבן מיר נישט געהאַט קיין שום פרנסה אָפּצושיקן צו אונזערע משפחות – דעריבער טאַקע האָט יעדערער פון אונז באַקומען אַ סטיפּענדיע פון דער ישיבה, דאַכט זיך מיר אין דער סומע פון הונדערט רובל אַ חודש. נו, הונדערט רובל אין יענע יאָרן איז געווען געלט!

– פרק נז –

## תשי״ח (1958) – מיר פאַרענדיקן דאָס לערנען און שטעלן זיך צו די פאַרהערן

אַזוי האָבן מיר פאַרבראַכט אַ גאַנץ יאָר אין דער מאָסקווער ישיבה; אַ יאָר אין וועלכן מיר האָבן סיי געלערנט די דינים פון שחיטה און מילה און סיי עס פראַקטיצירט.

אַז עס איז דורכגעגאַנגען דער יאָר, זענען מיר אַריינגערופן געוואָרן צום ראש-ישיבה הרב לעווין, וועלכער האָט אונז געזאָגט, אַז עס הערשט אַ מחסור אין שוחטים און מוהלים אין סאָוועטן-פאַרבאַנד, און דעריבער איז שוין צייט מיר זאָלן דורכגיין די בחינות און ווערן מוסמך׳דיקע שוחטים און מוהלים.

**תשי"ח (1958) – מיר פאַרענדיקן דאָס לערנען און שטעלן זיך צו די פאַרהערן**

## די קעגנערשאַפט פון ליעפּליער רב צו דער מאָסקווער ישיבה

אין לענינגראַד (די אַמאָליקע פּעטערבורג) האָט געוואוינט דער **ליעפּליער רב**. דער דאָזיקער חשוב׳ער רב האָט געקוקט מיט אַ שטאַרקן פאַרדאַכט אויף דער ניי-אויפגעקומענער מאָסקווער ישיבה. ער האָט געטענה׳ט, אַז די תלמידים וואָס זענען אָנגענומען געוואָרן אין דער ישיבה זענען מן הסתם קאָמוניסטן פון דער קאָמוניסטישער יוגנט-אָרגאַניזאַציע (״קאָמסאָמאָלצעס״) און פאַרבינדעטע פון דער ״ק.ג.ב.״, און אַז די איינציקע סיבה וואָס מען האָט אויפגעעפנט די דאָזיקע ישיבה איז, כדי אויסצוהאָדעווען דאָרט ״רבנים מטעם״.

דער ליעפּליער רב האָט נישט געגלויבט, אַז די תלמידים וואָס די מאָסקווער ישיבה וועט מסמיך זיין וועלן טאַקע קענען עפּעס לערנען. ער האָט געהאַלטן, אַז זייער ״לומדות״ איז בלויז אַן אָנשטעל. דעריבער האָט ער געבעטן, אַז בשעת עס וועט קומען די צייט פון די פאַרהערן, זאָל מען אים וועגן דערויף מעלדן, וואָרום ער וויל זיך באַטייליקן אין די פאַרהערן.

אַז עס איז געקומען די צייט פון די פאַרהערן, האָט טאַקע די אָנפירערשאַפט פון דער מאָסקווער ישיבה וועגן דעם געמאָלדן צום ליעפּליער רב, און ער האָט מודיע געווען, אַז ער וועט אי״ה קומען קיין מאָסקווע צו באַטייליקן זיך אין די פאַרהערן.

בעת די ישיבה האָט דערהאַלטן אַ טעלעגראַמע פון דעם ליעפּליער רב, אַז ער איז שוין אַרויסגעפאָרן פון לענינגראַד, האָט דער ראש-ישיבה, הרב לעווין פאַראָרדנט אַלע תלמידים זיך אָנצוטאָן אין שיינע קליידער און גיין מקבל-פּנים זיין דעם ליעפּליער רב. ער איז טאַקע געווען אַ גאָר חשוב׳ער רב.

וכך הוה, מיר האָבן מקבל-פּנים געווען דעם ליעפּליער רב און אים געבראַכט אין דער ישיבה.

אויסער דעם ליעפּליער רב, האָט די מאָסקווער ישיבה אויך איינגעלאַדן צו די פאַרהערן דעם **מאַכנאָווקער רבי**, וועלכער האָט מיט זיך אויך מיטגעבראַכט זיינעם אַ שוחט, כדי דער שוחט זאָל אויך קענען פרעגן עטלעכע שאלות ביי די נייע שוחטים.

**תשי"ח (1958) – מיר פאַרענדיקן דאָס לערנען און שטעלן זיך צו די פאַרהערן**

### דער ליעפּליער רב באַטייליקט זיך אין די פאַרהערן און ווערט באַאיינדרוקט פון די תלמידים פון דער מאָסקוואר ישיבה

דער פאַרהער פון דער ערשטער קבוצה תלמידים פון דער מאָסקווער ישיבה איז פאָרגעקומען ה׳ שבט תשי״ח (1958).

דער ליעפּליער רב איז שטאַרק באַאיינדרוקט געוואָרן פון די תלמידים המסיימים פון דער מאָסקווער ישיבה, סיי פון זייער קענטשאַפט אין זייערע לימודים און סיי פון זייער אויסזעען; ער האָט געזעען, אַז זיי זענען טאַקע פיינע, ערלעכע תלמידים, אנשי צורה (נישט ווי ער האָט פריער חושד געווען). ער איז ספּעציעל באַאיינדרוקט געוואָרן פון די גרוזינער תלמידים, וועלכע זענען טאַקע געווען אמת׳ע יראי-שמים.



**די רבנים זיצן ביים פאַרהער. אויבן זיצט הרב לעווין. אונטן זיצן (פון לינקס) דער ליעפּליער רב; דער מאַכנאָווקער רבי; הרב טרעבניק; ? און הרב חיים כ״ץ.**

דעם גוטן רושם וואָס די תלמידים המסיימים האָבן געמאַכט אויף דעם ליעפּליער רב, איז געווען קענטיק אויך דערפון וואָס ער האָט לגמרי געביטן זיין קוק אויף דער מאָסקווער ישיבה. בה בשעה וואָס פריער האָט דער ליעפּליער רב פאַראָרדנט, אַז מען זאָל דער דאָזיקער ישיבה נישט געבן קיין איין קאָפּקע געלט, איז נאָכן פאַרהער האָט ער דערקלערט אַז עס איז זייער אַ פיינע ישיבה און אַז עס איז אַ מצוה עס

**תשי"ח (1958) – מיר פאַרענדיקן דאָס לערנען און שטעלן זיך צו די פאַרהערן**

צו שטיצן.

### מיר ווערן מוסמך אַלס שוחטים און מוהלים

נאָכן דורכגיין בהצלחה די פאַרהערן אין שחיטה, האָט מען אונז אַרויסגעגעבן ״קבלה״ און ״הודעה״ – סיי אויף שחיטת עופות און סיי אויף שחיטת גסות. [מיר האָבן טאַקע שטאַרק געהאָפּט צו באַקומען סמיכה אויך אויף גסות. דעריבער האָבן מיר טאַקע גוט אויסגעחזר׳ט אין דעם ״שמלה חדשה״ די אַלע פינף סימנים].

די מאָסקווער שוחטים – צווישן זיי אויך אַ ליובאַוויטשער שוחט– האָבן אויף אונז מעיד געווען, אַז מיר זענען ראוי צו ווערן שוחטים בישראל.

אַזוי אויך נאָכן דורכגיין בהצלחה די פאַרהערן אויף מילה, האָבן מיר באַקומען צו ווערן מוהלים מוסמכים.

– פרק נח –

## איך ווער שוחט און מוהל אין פרונזה

### איך פאָר צוריק קיין חאַרקאָוו צו מיין משפחה

קורצליך נאָכדעם ווי איך האָב פאַרענדיקט בהצלחה די פאַרהערן און באַקומען די לאַנג-געגאַרטע צעטלען צו קענען ווערן אַ שוחט און אַ מוהל – האָב איך פאַרלאָזט מאָסקווע און צוריקגעפאָרן קיין חאַרקאָוו צו מיין פאַמיליע.

צוריקקומענדיק קיין חאַרקאָוו, האָב איך נישט געקענט געפינען תיכף קיין אַרבעט. און אַזוי האָב איך זיך אַרומגעדרייט עטלעכע וואָכן אָן אַרבעט.

### הרב לעווין שלאָגט מיר פאָר איך זאָל ווערן שוחט און מוהל אין פרונזה

פלוצלונג האָב איך דערהאַלטן אַ בריוו פון **הרב יהודה ליב לעווין** פון מאָסקווע, אין וועלכן ער שרייבט, אַז די קהילה פון פרונזה, אין דער קירגיזיער רעפּובליק, נויטיקט זיך גאָר שטאַרק אין אַ שוחט און אַ מוהל. און היות ווי דערווייל האָב איך נישט וואָס צו טאָן אין חאַרקאָוו, דעריבער שלאָגט ער מיר פאָר, איך זאָל פאָרן קיין פרונזה צו

ווערן זייער שוחט און מוהל.

איך האָב, זעלבסטפאַרשטענדליך, גערן אָנגענומען דעם אָנבאָט.

פאַר מיין אָפּפאָרן קיין פרונזה, האָט הרב לעווין צוגעגרייט אַ לענגערן בריוו וועלכן איך זאָל מיטנעמען צו די ראשי-הקהל פון פרונזה. אין זיין בריוו איז הרב לעווין מיך שטאַרק משבח און שרייבט דאָרט, צווישן אַנדערן, אַז ער שיקט צו זיי אַ גרויסן שוחט און אַ מוהל-מומחה; אַ מוהל וואָס האָט שוין מכניס געווען תחת כנפי השכינה הונדערטער אידישע קינדער! – ווען הרב לעווין וואָלט עס נישט געשריבן, וואָלטן זיי מיך קיינמאָל נישט צוגעלאָזן צו מַל זיין זייערע קינדער.

## אידן פון פרונזה האַלטן זיך צוריק פון לאָזן מיר מַל זיין זייערע קינדער

אָנקומענדיק קיין פרונזה, בין איך געפעלן געוואָרן פאַר די דאָרטיקע בעלי-בתים, און זיי האָבן מיך אָנגענומען אַלס זייער שוחט און מוהל. דערצו נאָך זענען זיי געווען צופרידן דערפון וואָס איך בין אויך אַ שטיקל חזן.

און אַזוי אַרום האָב איך טאַקע אָנגעפאַנגען צו אַרבעטן אין דער פעלד פון שחיטה – סיי שחיטת עופות, און פון צייט צו צייט אויך שחיטת גסות. די "בית השחיטה" פאר די עופות פלעגט פארקומען ביי אן אידינע אין חצר. די גסות פלעגט מען שחט'ן ביי די גויים אין די דערפער.



**איך פיר דורך א ברית**

וואָס אָנבאַלאַנגט אָבער צו דורכפירן ברית'ן – האָב איך נישט געהאַט דאָרט קיין שום אַרבעט. ווי עס ווייזט אויס, האָבן זיך די אידן פון פרונזה צוריקגעהאַלטן פון צו אָנפאַרטרויען מיר מיט דורכפירן די ברית'ן פון זייערע קינדער, נישט וויסנדיק מיין מומחיות אין דעם דאָזיקן תחום

[אגב, איך בין דערפון גאָר געווען צופרידן, וויסנדיק דעם אמת, אַז איך האָב נאָך נישט קיין פּראַקטיק אין דעם

**איך ווער שוחט און מוהל אין פרונזה**

תחום פון ברית-מילה׳ס].

דער גבאי פון דער קהילה אין פרונזה האָט מיר געזאָגט, אַז איך האָב נישט וואָס צו זיין באַזאָרגט, וואָרום ווי נאָר עס וועט זיך מאַכן דער ערשטער ברית-מילה וואָס איך וועל דורכפירן, און דער עולם וועט זיין צופרידן פון מיין אַרבעט – דאַן וועלן שוין אַלע אָנפאַנגען צו נוצן מיך אַלס דעם מוהל פון זייערע קינדער.

– פרק נט –

## מיין ערשטע ברית-מילה אין פרונזה

אַזוי איז דורכגעגאַנגען אַ צייט. ויהי היום, קומט צוגיין אַ איד און דערציילט מיר, אַז ביי אים איז געבוירן געוואָרן אַן אייניקל, און ער וויל אַז איך, דער מאָסקווער מוהל, זאָל אים מכניס זיין בבריתו של אברהם אבינו ע״ה.

איך האָב זיך געטראַכט: **רבונו של עולם, האָב אויף מיר רחמנות!** ווייז מיר עפּעס אַ דרך. איך האָב נאָך קיין איין ברית-מילה נישט דורכגעפירט! מען דאַרף דאָך מאַכן דעם חיתוך, די פריעה, אָפּשטעלן דאָס בלוט וכו׳ וכו׳! ״**אליהו מלאך הברית . . עמוד על ימיני וסמכני**״! רבונו של עולם, דו מוזט מיר העלפן, פונקט ווי דו האָסט געהאָלפן אברהם אבינו ע״ה, ווי עס שטייט (נחמי׳ ט, ח) ״וכרות עמו הברית״[67].

הכלל, איך האָב געמאַכט אַלע צוגרייטונגען צום ברית. בעת עס איז אָבער געקומען דורכצופירן דאָס עצם ברית-מילה, בין איך געווען אינגאַנצן אַ צעטומלטער און איך האָב זיך אינגאַנצן פאַרלוירן.

### אליהו מלאך הברית איז מצליח מיין אַרבעט

איך קום צוגיין אויף מאָרגן צו באַזוכן דעם רך הנימול. איך גיב אַ קוק און איך זע, אַז אַלץ איז אין בעסטער אָרדענונג! דאָס בלוט האָט זיך ברוך השם אָפּגעשטעלט וכו׳ וכו׳. די אַרבעט איז געווען אַזאַ פיינע, אַז איך האָב זיך געטראַכט, אַז נישט איך האָב עס דורכגעפירט דעם ברית-מילה; אליהו מלאך הברית אַליין האָט מַל געווען דאָס קינד!

67) זעט רש״י אויפן פסוק (לך לך יז, כד) בהמולו בשר ערלתו: נטל אברהם סכין . . והי׳ מתיירא . . מה עשה הקב״ה, שלח ידו ואחז עמו, שנאמר וכרות עמו הברית כו׳.



**אַ ברית ביי בוכאַרישע אידן**

אַדאַנק דעם דאָזיקן ברית וואָס איך האָב ברוך השם הצלחה׳דיק דורכגעפירט, האָט זיך פאַרשפרייט אַ קלאַנג אין פרונזה, אַז מאָטל איז אַ פיינער מוהל! און אַזוי אַרום האָבן מענטשן אָנגעפאַנגען צו ברענגען זייערע קינדער איך זאָל זיי מַל זיין. מען האָט צו מיר געבראַכט צו מַל זיין אויך אויסגעוואָקסענע קינדער, וועמען די עלטערן האָבן ביז איצט נישט געהאַט מַל געווען.

**מען לאַדענט מיך איין צו מַל זיין קינדער אין אַלמאַ אַטאַ**

אינצווישן האָב איך אויך אָנגעפאַנגען באַקומען איינלאַדונגען דורכצופירן ברית׳ן אין אַלמאַ אַטאַ, ביי די דאָרטיקע בוכאַרער און גאָרסקע אידן.

פון פרונזה קיין אַלמאַ אַטאַ איז נישט געפאָרן קיין באַן, און צו אָנקומען דאָרטן האָב איך געדאַרפט פאָרן מיט אַ טעקסי, אַ נסיעה וואָס האָט געדויערט אַ גוטע פאָר שעה.

– פרק ס –

# איך פאַנג-אָן אַרבעטן אין אַן אַרטעל

פאַרשטייט זיך, אַז מיין אַרבעט אין דער פעלד פון שחיטה און מילה איז נישט געווען קיין ״כשר׳ע״ אַרבעט, און זיכער נישט קיין אַרבעט וואָס איז אָפיציעל אַנערקענט ביי די קאָמוניסטישע

אינסטאַנצן.

דערצו נאָך איז די אַרבעט ביי שחיטה און מילה נישט געווען גענוג צו קענען ציען דערפון אַ לייטישע פרנסה.

דעריבער האָב איך אָנגעפאַנגען צו זוכן עפּעס אַן אַרבעט אין אַ מלוכה'שן אַרטעל[68], כדי צו זיין אָפיציעל רעגיסטרירט אַז איך טו עפּעס-וואָס אַן אַרבעט, און אויך כדי צו האָבן אַ צוגאָב-פרנסה.

## איך אַרבעט אין אַן אַרטעל וואו מען מאַנופעקטירט קנעפּלעך פאַר ווייבערשע קליידער

אין פרונזה איז געווען אַן אַרטעל וואו מען פלעגט פאַבריצירן קנעפּלעך וואס זאל צופאסן צו דעם קליר פון די ווייבערשע קליידער אויף וואס מען פלעגט דערנאך צונייען. טאַקע דאָרט האָב איך אָנגעפאַנגען צו אַרבעטן.

אויף צו מאַכן קנעפּלעך דאַרף מען האָבן (אויסער די מאַשינען דערצו) אַ שטיקל סחורה פון דעם בגד, כדי צו קענען צופּאַסן צו דעם די געהעריקע קנעפּלעך, און דער עיקר – מאַטעריאַל פון **וואָס** צו מאַכן די קנעפּלעך.

אָבער אין דער צייט וואָס שטיקלעך סחורה צוצופּאַסן דערצו די קנעפּלעך האָט די אַרטעל געהאַט – איז אָבער מאַטעריאַל פון וואָס צו מאַכן די קנעפּלעך האָט די אַרטעל נישט געהאַט, און מען האָט עס געדאַרפט באַקומען אויף נישט-כשר'ע וועגן.

אַזוי אַרום, אַז (ווי איך האָב זיך דעוואוסט אַביסל שפּעטער) די גאַנצע אַרבעט אין דעם דאָזיקן אַרטעל איז געווען אַ "טריפה'נע" אַרבעט פון קאָפּ ביז די פיס; פון אלף ביז תיו.

ביי דער דאָזיקער אַרבעט האָב איך געאַרבעט און אויך גאַנץ פיין פאַרדינט.

68) אַן "אַרטעל" איז אַ בשותפות'דיקע בית-מלאכה (פאַבריק), וואָס באַלאַנגט צו דער רעגירונג, און די אַרבעטער דאָרט קריגן באַצאָלט פון דער רעגירונג. מער וועגן "אַרטעלן" זעט, ביטע, אויבן קאַפּיטל ח.

– פרק סא –

# איך ווער גערופן צו דער מיליציע

אַ יאר נאָכדעם ווי איך האָב אָנגעפאַנגען צו אַרבעטן אין דעם אַרטעל, באַקום איך פלוצלונג אַ טעלעפאָן-רוף פון דעם נאַטשאַלניק פון דער לאָקאַלער מיליציע, אַז איך דאַרף זיך מעלדן ביי זיי. נו, אַז די מיליציע רופט – דאַרף מען גיין!

אָנקומענדיק צו דער מיליציע, האָבן זיי מיר מקבל-פנים געווען מיט כבוד און אָפּגעגעבן מיר אַ ברייטן "שלום-עליכם", און באַלד נאָכדעם ווי איך האָב זיך אַוועקגעזעצט, האָט דער נאַטשאַלניק זיך געוואָנדן צו מיר מיט דאָס פאָלגענדע:

### איך ווער באַשולדיקט אין באַשעפטיקן זיך מיט "טריפה" אַרבעט און עס דראָט מיך צען יאָר פאַרשיקונג!

– די מעשה איז אַזוי, – זאָגט ער צו מיר – דו אַרבעטסט שוין דאָ, אין פרונזה, אַ לאַנגע צייט, אָבער דיין גאַנצע אַרבעט איז דאָך "טריף"! דו ביסט אַ שוחט און אַ מוהל (דו פירסט דורך ברית'ן אפילו אין אַלמאַ אַטאַ) – און דו צאָלסט נישט פאַר די דאָזיקע אַרבעט קיין נאַלאָגן (מיסים, טעקסע"ס בלע"ז).

– ווער רעדט נאָך די אַרבעט דיינע ביי די קנעפּלעך – דאָס איז דאָך לגמרי טריף!

– זאָלסט וויסן זיין, – זעצט ער פאָר ווייטער – אַז דאָס שמעקט מיט צען יאָר פאַרשיקונג!

– וואָס הייסט "צען יאָר"? – האָב איך פּראָטעסטירט – מה פשעי ומה חטאתי?!

– מיר ווייסן אַלעס וועגן דיר. אַלע דיינע מעשים זענען ביי אונז פאַרשריבן און מיר וועלן דיר אַלץ אויפווייזן! מיר ווייסן ווי אַזוי דו האָסט געמאַכט די קנעפּלעך; וואו דו האָסט גענומען דעם מאַטעריאַל מיט וואָס צו מאַכן די קנעפּלעך און ווי אַזוי מען האָט דיך געשיקט אין אַן אַנדער שטאָט דאָרט צו באַקומען (בגניבה) דעם מאַטעריאַל. דאָס – זאָלסטו וויסן זיין – שמעקט מיט צען יאָר פאַרשיקונג!

**די "נ.ק.וו.ד." שלאָגט מיר פאָר, איך זאָל פאַר זיי "אַרבעטן"...**

– נאָר וואָס דען – זעצט ער פאָר – מיר האָבן פאַר דיר אַן עצה, ווי אַזוי דו קענסט מכפר זיין דיינע חטאים ופשעים.

– וואָס איז אייער עצה? – האָב איך געפרעגט. – דו דאַרפסט אונז העלפן! – ענטפערט ער. – וואָס הייסט "העלפן"? – פרעג איך ווידער. – דו דאַרפסט פאַר אונז אַרבעטן! ענטפערט ער. און ער זעצט פאָר:

– דו האָסט דאָך אַ פיינעם נאָמען אין פרונזה. אַלע ווייסן ווער עס איז "מאָטל דער שוחט", "דער מאָסקווער שוחט", און אַלע אָנפּאַרטרויען דיך זייערע סודות. אויך אין שול הערסטו דאָך וואָס מענטשן רעדן צווישן זיך. דעריבער בעטן מיר ביי דיר, דו זאָלסט פאַר אונז אַרבעטן, דאָס הייסט, פון צייט צו צייט זאָלסט אונז באַריכטן אַלץ וואָס דו הערסט זיך אָן.

– ובכן, – זאָגט ער צו מיר ווייטער – ועסטו מסכים-זיין צו אַרבעטן פאַר אונז – דאַן וועלן מיר דיך מוחל זיין דיינע חטאים ופשעים. טאָמער אָבער ועסטו נישט מסכים-זיין דערצו – דאַן שמעקט עס מיט אַ "צענערל"! מען וועט דיר צוריקשיקן צום אָרט וואו דו ביסט שוין אַמאָל געווען...

– איצט – האָט ער פאַרענדיקט – גיי אַהיים, טראַכט זיך גוט איבער וועגן דעם וואָס מיר האָבן דאָ גערעדט, און דאַן וועסט מיר מעלדן דיין באַשלוס.

– פאַרשטייט זיך – האָט ער צוגעגעבן – אַז דאָס וואָס מיר האָבן דאָ גערעדט דאַרף בלייבן צווישן אונז, און קיינער טאָר וועגן דערויף נישט וויסן...

**איך דערציילט נישט די בעלי-בתים פון פרונזה וואָס מען האָט פון מיך געוואָלט אין מיליציע**

צוריקקומענדיק אַהיים פון מיין "באַזוך" אין דער מיליציע, פרעגט ביי מיר דער גבאי פון דער קהילה: נו, וואָס האָבן זיי דאָרט פון דיך געוואָלט?

פאַרשטייט זיך, אַז איך האָב דעם גבאי נישט געטאָרט דערציילן דעם אמת, וואָס מען האָט פון מיר געוואָלט אין מיליציע און וואָס זיי האָבן מיך דאָרט פאָרגעשלאָגן. דעריבער האָב איך אים פאַרדרייט די קאָפּ, אַז זיי האָבן צו מיר געהאַט טענות, הלמאי איך בין נישט

**איך ווער גערופן צו דער מיליציע**

רעגיסטרירט אָפיציעל, אַז איך אַרבעט דאָ אַלס שוחט.

**איך באַשליס, אַז יעבור עלי מה, אָבער איך ווער נישט ח"ו קיין "מסור" און מלשין אויף אידן!**

באַלד אָבער האָב איך זיך אָפּגעגעבן אַ דין-וחשבון וואָס זיי מיינען מיט דעם וואָס זיי פאָדערן פון מיר איך זאָל פאַר זיי "אַרבעטן"; זיי "העלפן". זיי מיינען דערמיט, אַז איך זאָל ווערן "זייערער" אַ מענטש, דאָס הייסט ווערן ח"ו אַ מסור און אַ מלשין אויף אידן, הי' לא תהי'!

איך האָב דעריבער באַלד באַשלאָסן, אַז יעבור עלי מה, אָבער איך וועל צו דעם בשום-אופן נישט מסכים-זיין. ניין! איך וועל בשום-אופן נישט ווערן קיין מסור ח"ו! נישט אויף דערויף האָט אונז דער רבי – מהוריי"צ – מחנך געווען ח"ו! נישט אויף דערויף האָט דער רבי געהאַט מסירת-נפש און איז געזעצן אין טורמע!

– פרק סב –

## איך בין געצוואונגען צו פאַרלאָזן פרונזה

### איך בין מודיע דעם נאַטשאַלניק, אַז איך פאַרלאָז פרונזה און פאָר צוריק קיין חאַרקאָוו

אין עטלעכע טעג אַרום – דאָס איז געווען אַ פרייטיק – בין איך צוריקגעקומען צום נאַטשאַלניק פון דער מיליציע, און צו אים געזאָגט דאָס פאָלגענדע:

– איך בין קיין פרונזה געקומען צופאָרן ערשט נישט לאַנג צוריק. איך בין דאָ געקומען בלויז צייטווייליק, נישט אויף צו בלייבן דאָ לעבן אויף שטענדיק. איך האָב אפילו מיין משפחה איבערגעלאָזן אין דער היים, אין חאַרקאָוו.

– דעריבער – זאָג איך צו אים ווייטער – האָב איך באַשלאָסן תיכף צו פאַרלאָזן פרונזה און צוריקצופאָרן קיין חאַרקאָוו!

דער נאַטשאַלניק האָט גוט פאַרשטאַנען פאַרוואָס איך פאַרלאָז פרונזה; אַז איך טו עס כדי דערמיט אויסצודרייען זיך פון צו דאַרפן "אַרבעטן" פאַר זיי. ער האָט דעריבער צו מיר געזאָגט אַן אויפגערעגטער:

– נו, דו ווילסט פאַרלאָזן פרונזה און פאָרן אַרבעטן קיין חאַרקאָוו

זאָל זיין. נאָר דאָס זאָלסטו וויסן זיין, אַז די שולד פאַר דיין טריפה׳נער אַרבעט אין פרונזה וועט פון דיר נישט ווערן אַראָפּגענומען אויך ווען דו וועסט זיין אין חאַרקאָוו!

– נו, – האָב איך אים געענטפערט – דאָרט וועלן מיר שוין זעען. אָבער פון דאַנען פאָר איך באַלד אַוועק!

## עס קאָסט מיך אָפּ אַ בכבודיקע מטבע כדי צוריקצובאַקומען מיין פאַספאָרט פון דער מיליציע

בעת איך האָב זיך געהאַט געשטעלט דעם צווייטן מאָל צו דער מיליציע, האָט דער נאַטשאַלניק פון מיר געהאַט געבעטן מיין פאַספאָרט.

נאָך אונזער געשפרעך, בעת וועלכן איך האָב אים געמאָלדן וועגן מיין באַשלוס צו פאַרלאָזן פרונזה, האָב איך אים געבעטן ער זאָל מיר צוריקגעבן מיין פאַספאָרט. אָבער דאָ האָט זיך דער נאַטשאַלניק אָפּגערופן און געזאָגט: ניין. דערווייל גיבן מיר דיך נישט צוריק דיין פאַספאָרט!

פאַרשטייט זיך, אַז אָן אַ פאַספאָרט קען איך ערגעץ נישט פאָרן. צוריקקומענדיק קיין חאַרקאָוו וועט מען דאָך ביי מיר פרעגן: וואו איז דיין פאַספאָרט? וואו ביסטו געווען? פאַרוואָס האָסטו זיך אומגעקערט פון דאָרט? און דאָס גלייכן.

עס האט מיך אפגעקאסט א גוטע מטבע כדי צוריקצובאקומען מיין פאספארט. איך האב גערעדט מיט די חברי הקהל און זיי האבן געפונען א מענטש וואס איז געווען א חבר מיט דעם נאטשאלניק און ער האט איינגערעדט דעם נאטשאלניק צו נעמען 10,000 רובל כאבאר. (דאס איז דאן געווען גאר א גרויסע סומע געלט וואס איז ממש ווערט קויפן א הויז).

עס איז געווען א נס אז דער נאטשאלניק האט גענומען די געלט. אז דער אויבערשטער וויל אז א שוחט זאל זיצן און לערנען, ניט ארבעטן אין קנעפלאך, האט דער אויבערשטער באוויזן אז ער זאל אוועקגעבן דעם באנדיט. אזוי ווי דער רבי האט געזאגט ״מען זאל נוצן די געלט אויף געזונטע זאכן״.

**איך בין געצוואונגען צו פאַרלאָזן פרונזה**

**איך בין מודיע די גבאים פון פרונזה אַז איך פאַרלאָז תיכף פרונזה**

צוריקקומענדיק פון דער מיליציע, האָב איך באַלד געמאָלדן די גבאים פון דער קהילה, אַז איך פאַרלאָז תיכף פרונזה.

זיי האָבן, פאַרשטייט זיך, גענומען זיך טענה'ן מיט מיר: היתכן?! וואָס הייסט דו פאָרסט אַוועק? איך האָב זיי געזאָגט, אַז מיין באַשלוס איז ענדגילטיק.

– איך בין געקומען קיין פרונזה בלויז צייטווייליק, – האָב איך זיי געזאָגט – נישט צו באַזעצן זיך דאָ אויף שטענדיק. לגור בארץ באתי און נישט להשתקע. איך פאָר צוריק קיין חאַרקאָוו צו מיין ווייב און קינדער!

– פאַרשטייט זיך, אַז די אמת'ע סיבה פאַר מיין פאַרלאָזן פרונזה האָב איך זיי נישט געקענט דערציילן.

– פרק סג –

## תש"כ – צוריק אין חאַרקאָוו

**איך נעם-איבער אָרט פון חאַרקאָווער שוחט**

ובכן בין איך צוריקגעקומען קיין חאַרקאָוו, צו מיין פרוי און קינדער.

אַ קורצע צייט נאָך מיין צוריקקומען קיין חאַרקאָוו, איז נפטר געוואָרן דער חאַרקאָווער שוחט, און איך בין געוואָרן שוחט אַנשטאָט אים. און אַזוי האָב איך לערך דריי יאר געאַרבעט אַלס שוחט אין חאַרקאָוו.

**איך אַראַנזשיר אימיצער זאָל איבערנעמען מיין אָרט אין פרונזה**

פאַרשטייט זיך, אַז עס האָט מיך שטאַרק פאַרדראָסן וואָס איך דאַרף פאַרלאָזן די פרונזער הילה. עס איז פאָרט אַ רחמנות אויף זיי; אַ פיינע אידישע קהילה.

דערפאַר טאַקע האָב איך – נאָכן צוריקקומען קיין חאַרקאָוו – מסדר געווען, אַז אימיצער אַנדערש זאָל קומען קיין פרונזה אַנשטאָט מיר. ומעשה שהי' כך הי':

אין מאָסקווע האָט זיך געפונען אַ ווילנער יונגערמאַן. דאַכט זיך מיר, אַז זיין נאָמען איז געווען **זלמן**. דער דאָזיקער יונגערמאַן האָט צוזאַמען מיט מיר געלערנט שחיטה און מילה אין דער מאָסקווער ישיבה.

אין יענער תקופה האָט זיך דער דאָזיקער יונגערמאַן אַרומגעדרייט אין מאָסקווע אָן אַ טאָלק. איך האָב זיך דעריבער מיט אים זיך פאַרשטענדיק, און ער האָט מסכים געווען איבערצונעמען מיין אָרט אין פרונזה.

אַזוי אַרום האָבן איך מודיע געווען די פרונזער אידישע קהילה, אַז איך שיק זיי אימעצן אויף מיין אָרט.

וכך הוה, ער האָט טאַקע איבערגענומען מיין אָרט.

אגב, דער אויבנדערמאָנטער יונגערמאַן האָט אויך געשפּילט מיט אַ פידל. נו, אַ ברית-מילה מיט דער באַגלייטונג פון מוזיק פון אַ פידל – איז גאַנץ אַ פיינע זאַך!

– פרק סד –

# איך פיר-אָן מיט דער אידישער קהילה אין סווערדלאָווסק

### הרב לעווין ווענדעט זיך צו מיר, איך זאָל אָננעמען אַמט אין סווערדלאָווסק

פלוצלונג דערהאַלט איך אַ בריוו פון **הרב יהודה ליב לעווין** פון מאָסקווע, אין וועלכן ער שרייבט, אַז די אידישע קהילה אין סווערדלאָווסק (יעקאַטערינענבורג) בעט זיך רחמים, מען זאָל זיי צושיקן אימעצן וואָס זאָלן דאָרט דינען אַלס רב, שוחט, מוהל און חזן. בקיצור: אַ "כלבו'ניק"! טאָמער שיקט מען זיי נישט אַזאַ איינעם – וועט זיך די שול מוזן שליסן!

דעריבער בעט מיר ווייטער הרב לעווין, איך זאָל פאָרן קיין סווערדלאָווסק אָנצופירן דאָרט מיט די אַלע ענינים.

איך האָב, זעלבסטפאַרשטענדליך, אָנגענומען דעם אָנבאָט, און איך בין אַוועקגעפאָרן קיין סווערדלאָווסק.

**איך פיר-אָן מיט דער אידישער קהילה אין סווערדלאָווסק**

## איך פיר-אָן מיט די אידישקייט-אָנגעלעגנהייטן אין סווערדלאָווסק

אָנקומענדיק קיין סווערדלאָווסק, האָב איך זיך באַקענט מיט די דאָרטיקע בעלי-בתים, די גבאים פון דער אידישער קהילה, און איך בין זיי געפעלן געוואָרן.



**אין איינע פון די רבנישע שטעלעס**

אַרבעט אין דער פעלד פון שחיטה און מילה איז טאַקע דאָרט געווען זייער ווינציק; זיי האָבן אָבער געדאַרפט האָבן אַ רב. אָן אַ רב קען נישט עקזיסטירן קיין שול!

און טאַקע די דאָזיקע פונקציע פון אַ רב האָב איך דאָרט אויסגעפילט. איך האָב אָנגעפאַנגען צו פאָרלערנען אַ שיעור אין "עין יעקב" פאַר די מתפללים פון שול, מיט זיי פאַרבראַכט און דאָס גלייכן.

עס איז אויך ווידער איינגעפירט געוואָרן דאָס פראַווען שבת סעודה-שלישית אין שול, מיט חסידישע ניגונים וכו' וכו'.

נאָך בלויז עטלעכע וואָכן וואָס איך בין געווען אין סווערדלאָווסק, בין איך געפעלן געוואָרן דעם דאָרטיקן עולם.

## איך גיי זיך רעגיסטרירן אין דער סווערדלאָווסקער מיליציע אַלס היגער תושב

נאָכדעם ווי ס'איז דורכגעגאַנגען אַ שטיקל צייט, איז באַשלאָסן

געוואָרן, אַז מען דאַרף זען איך זאָל זיך רעגיסטרירן אָפיציעל אין דער לאָקאַלער מיליציע אַלס אַ היגער תושב.

און אַזוי זענען מיר טאַקע אַוועק צו דער לאָקאַלער מיליציע – איך, צוזאַמען מיטן יושב-ראש (דער "פּרעסידאַטער") פון דער סווערדלאָווסקער אידישער קהילה.

[עס איז כדאי דאָ צו באַמערקן, אַז די יושבי-ראש (די "גבאים") פון די אידישע קהילות אין סאָוועטן-פאַרבאַנד זענען תמיד געווען "זייערע" מענטשן; "ק.ג.ב."-אַגענטן].

אָנקומענדיק צו דער מיליציע, האָט דער יושב-ראש פון דער קהילה מיך פאָרגעשטעלט פאַרן הויפּט-נאַטשאַלניק פון דער סווערדלאָווסקער מיליציע, זאָגנדיק צו אים: מען האָט אונז צוגעשיקט אַ רב פון מאָסקווע, און מיר ווילן אים פאַרשרייבן אַלס היגער תושב.

**דער נאַטשאַלניק פאָדערט, די קהילה זאָל קויפן אַ הויז פאַר מיין משפחה איידער מען רעגיסטרירט מיך אַלס תושב**

דער נאַטשאַלניק פרעגטביים יושב-ראש פון דער קהילה:

– דער רב אייערער האָט אַ משפּחה? אַ ווייב מיט קינדער?

– יאָ, – ענטפערט דער יושב-ראש – ער האָט אַ משפחה אין חאַרקאָוו.

– אויב אַזוי, אַז מיר וועלן אים רעגיסטרירן אַלס היגן תושב, וועט ער דאָך זיכער אַרויסברענגען אַהער אויך זיין פרוי מיט די קינדער און ער וועט מאָנען מיר זאָלן אים באַזאָרגן מיט אַ וואוינונג.

– ניין, זאת לא! – זאָגט ווייטער דער נאַטשאַלניק – קודם-כל זאָל די אידישע קהילה קויפן אַ הויז פאַר דעם רב מיט זיין משפחה, און שפּעטער זאָלט איר קומען אים רעגיסטרירן אַלס תושב!

– גוט, – האָט דער יושב-ראש געענטפערט. – די קהילה וועט קויפן אַ הויז פאַרן רב מיט זיין משפחה.

וכך הוה, די קהילה האָט פאַר מיר געקויפט אַ הויז אין סווערדלאָווסק. די הויז האָט זיי – דאַכט זיך מיר – אָפּגעקאָסט 35 טויזנט רובל – גאַנץ אַ פיינע מטבע אין יענע יאָרן (נו, מילא, געלט האָט די קהילה געהאַט).

**איך פיר-אָן מיט דער אידישער קהילה אין סווערדלאָווסק**

### דער הויפּט-נאַטשאַלניק אַנטזאָגט זיך צו רעגיסטרירן מיר אַלס תושב פון סווערדלאָווסק

נאָכדעם וואָס די קהילה האָט שוין געהאַט געקויפט אַ הויז פאַר מיין משפחה, איז דער יושב-ראש ווידער געגאַנגען צום הויפּט-נאַטשאַלניק פון דער לאָקאַלער מיליציע צו רעגיסטרירן מיך אַלס היגער תושב.

דער יושב-ראש קומט-אַריין צום נאַטשאַלניק און מעלדעט אים, אַז די קהילה האָט שוין געקויפט אַ הויז פאַר מיר מיט מיין משפחה, ובכן זענען זיי צוריקגעקומען צו דער מיליציע מיך צו רעגיסטרירטן.

אָבער דאָ רופט זיך פלוצלונג אָפּ דער הויפּט-נאַטשאַלניק און זאָגט צום יושב-ראש פון דער קהילה:

– מיר וועלן אייער נייעם רב נישט רעגיסטרירן אַלס תושב אין סווערדלאָווסק! כל-זמן איך בין דער הויפּט-נאַטשאַלניק פון סווערדלאָווסק; כל-זמן איך טראָג אויף מיינע אַקסלען די ״פּאַגאָנע״ (די אויסצייכענונגס-מעדאַלן) – וועט אייער רב דאָ נישט זיין!

– וואָס הייסט ער וועט דאָ נישט זיין?! דו האָסט דאָך אונז געזאָגט, אַז נאָכדעם וואָס די קהילה וועט קויפן אַ הויז פאַר דעם רב מיט זיין משפחה, דאַן זאָלן מיר צוריקקומען אים רעגיסטרירן אַלס תושב!

– על-פי דין זענט איר טאַקע גערעכט, – ענטפערט דער הויפּט-נאַטשאַלניק – אָבער מיר האַנדלען דאָ ״לפנים משורת הדין״... לויטן קאָמוניסטישן געזעץ!

און דער נאַטשאַלניק זעצט-פאָר אַ ברוגז׳ער:

– וואָס הייסט מ׳האָט אייך געשיקט פון מאָסקווע אַ יונגען מענטש פאַר אַ רב?! אַלס רב דאַרף מען נעמען אַן עלטערן מענטש, נישט קיין יונגען! בקיצור, כל-זמן איך בין דאָ – וועט אייער רב דאָ נישט זיין!

– דו האָסט דאָך אָבער אונז געהייסן קויפן אַ הויז! – האָט דער יושב-ראש געפּרואווט זיך טענה׳ן מיטן הויפּט-נאַטשאַלניק – און מיר האָבן טאַקע געקויפט די הויז און עס האָט אונז אָפּגעקאָסט אַ שיינע מטבע!

– נו, האָב איך געהייסן! טאָ נעמט מיך צום רב!...

**איך פיר-אָן מיט דער אידישער קהילה אין סווערדלאָווסק**

און אַזוי איז דער יושב-ראש פון דער סווערדלאָווסקער אידישער קהילה אַוועק אַן אַנטוישטער פון דער מיליציע.

### סווערדלאָווסקער בעלי-בתים רופן אסיפה

נאָכדעם ווי דער יושב-ראש איז צוריקגעקומען פון דער מיליציע, און דערציילט די בעלי-בתים פון דער קהילה, אַז דער הויפּט-נאַטשאַלניק אַנטזאָגט זיך צו רעגיסטרירן מיך אַלס היגער תושב – איז באַשלאָסן געוואָרן צו פאַררופן אַן אסיפה, כדי מטכס-עצה צו זיין וואָס מען זאָל טאָן.

אינצווישן, כאָטש מען האָט זיך אַנטזאָגט מיך צו רעגיסטרירן אַלס תושב קבע אין סווערדלאָווסק, בין איך נאָך אָבער צייטווייליק פאַרבליבן דאָ, ביז די בעלי-בתים וועלן זיך אַן עצה געבן. במשך פון דער דאָזיקער צייט בין איך איינגעשטאַנען אין אַ צייטווייליקער וואוינונג, ביי איינעם פון די סווערדלאָווסקער בעלי-בתים.

– פרק סה –

## איך בין געצוואונגען צו פאַרלאָזן סווערדלאָווסק

### איך ווער גערופן צום נאַטשאַלניק

אַזוי איז דורכגעגאַנגען אַ פאר וואָך'ן. פּלוצלונג קלינגט מען מיר אין טעלעפאָן אַמאָל פרייטיק פון דער מילציע אין דער סווערדלאָווסקער שול, און מען איז מודיע דעם גבאי, אַז דער נאַטשאַלניק פון דער היגער פּאַספּאָרטן-אָפּטיילונג בעט, מען זאָל צו אים צושיקן מאָטל ליפשיץ!

פאַרשטייט זיך, אַז איך בין גלייך אַוועקגעגאַנגען צו דער מיליציע.

אָנקומענדיק דאָרט, בין איך אויפגענומען געוואָרן פון דעם נאַטשאַלניק מיט אַ ברייטן "שלום עליכם". ער דערלאַנגט מיר אַ בענקל איך זאָל זיך זעצן, און פאַנגט-אָן:

– זאָלסט וויסן זיין, אַז די מיליציע ווייסט אַלץ וואָס עס טוט זיך מיט דיר. מיר ווייסן, אַז דו ביסט פאַרבליבן אין סווערדלאָווסק, כאָטש דו ביסט דאָ נישט רעגיסטרירט אַלס תושב קבע; מיר ווייסן וואָס דו טוסט דאָ און וואו דו וואוינסט.

– אין אמתן – זעצט ער פאָר ווייטער – האָבן מיר גלייך נאָכן אָפּזאָגן דיין רעגיסטראַציע-בקשה, געקענט אַרויסגעבן אַ באַפעל, אַז במשך פון 24 שעה דאַרפסטו פאַרלאָזן סווערדלאָווסק. מיר האָבן דאָס אָבער נישט געטאָן, ווייל מיר פירן זיך מיט דיר מיט גרויס כבוד, צוליב דעם כבוד פון דער קהילה און וויבאלד דו ביסט דאך א פרומער. (זעלבס פארשטענדליך דאס איז געווען א קלארע ליגן).

– אָבער אין דער נאָענטער צייט דאַרף אין סווערדלאָווסק פאָרקומען אַן אונטערזוכונג פון די תושבים: פאָרשטייער פון דער פּאַספּאָרטן-אָפּטיילונג וועלן אין די אָווענטן אַרומגיין איבער די הייזער צו בודק זיין, צי אַלע שטאָט-איינוואוינער געפינען זיך דאָ לעגאַל.

– און דער הויפּט-נאַטשאַלניק פון סווערדלאָווסק – זעצט ער פאָר – האַלט אין איין האָבן טענות צו מיר – אַלס הויפּט פון דער פּאַספּאָרטן-אָפּטיילונג – הלמאי איך דערלויב דיר צו פאַרבלייבן אין שטאָט.

דעריבער בעט איך דיר זייער: פאָר אַוועק פון דאַנען וואָס פריער! מער קען איך דיך דאָ נישט האַלטן. עס איז "באו מים עד נפש"!

איך האָב אים געגעבן די האַנט און אים צוגעזאָגט, אַז ביז דריי טעג וועל איך דאָ נישט זיין!

דער נאַטשאַלניק האָט מיר שטאַרק אָפּגעדאַנקט פאַר דעם, און מיך אַרויסבאַגלייט מיט גרויס כבוד.

### איך בין מודיע די בעלי-בתים, אַז איך פאַרלאָז סווערדלאָווסק

צוריקקומענדיק פון דער מיליציע, האָב איך באַלד געמאָלדן די בעלי-בתים, אַז איך פאַרלאָז סווערדלאָווסק.

עס האָט אויסגעבראָכן אַ "ויצעקו" מיט אַ געוויינעריי. אָבער איך האַלט זיך ביי מיינס: איך קען אייך גאָרנישט העלפן! – האָב איך זיי געזאָגט. – אויב איר ווילט איך זאָל דאָ פאַרבלייבן, דאַרפט איר גיין צום הויפּט-נאַטשאַלניק, און אַרויסנעמען פון אים אַ דערלויבעניש איך זאָל מעגן דאָ פאַרבלייבן.

די בעלי-בתים האָבן גענומען זוכן פאַרשידענע עצות, ווי אַזוי צו אַראַנזשירן מיין פאַרבלייבן אין סווערדלאָווסק. איך האָב זיי אָבער געזאָגט, אַז עס וועט דאָ קיין שום עצה נישט העלפן! בלויז אויב דער הויפּט-נאַטשאַלניק וועט פאַר מיר אַרויסגעבן אַ דערלויבעניש, דאַן

**איך בין געצוואונגען צו פאַרלאָזן סווערדלאָווסק**

וועל איך פאַרבלייבן.

– פאַרשטייט זיך, אַז צום הויפּט-נאַטשאַלניק איז קיינער נישט געגאַנגען, ווייל מען האָט געוואוסט, אַז עס וועט גאָרנישט העלפן.

און אַזוי אַרום בין איך געווען געצוואונגען צו פאַרלאָזן סווערדלאָווסק, און צוריקצופאָרן קיין חאַרקאָוו.

* * *

כדי די חשוב׳ע לייענער זאָלן לייכטער קענען פאַרשטיין פאַרוואָס איך בין געצוואונגען געוואָרן צו פאַרלאָזן מיין אַרבעט אין סווערדלאָווסק, וויל איך דאָ צוגעבן דאָס פאָלגענדע:

**מען טאָר נישט איבערכאַפּן די מאָס!**

מען טאָר נישט פאַרגעסן, אַז כאָטש עס האָט זיך אין יענע יאָרן טאַקע געהאַט געעפנט אין דער קאָמוניסטישער מאָסקווע אַ ישיבה וכו׳ וכו׳ – איז אָבער משיח נאָך נישט געווען געקומען. עס איז האט זיך געפילט גאַנץ ווייט פון משיח׳ס צייטן!

דעריבער האָב איך אין סווערדלאָווסקי נישט געטאָרט איבערכאַפּן די מאָס.

מיינע אידישקייט-אַקטיוויטעטן אין סווערדלאָווסק האָבן גורם געווען דערצו, אַז עס האָבן אָנגעפאַנגען צו קומען אין שול אַ סך מער מענטשן ווי עס פלעגן קומען פריער.

די מיליציע האָט, זעלבסטפאַרשטענדליך, געוואוסט וועגן אַלץ וואָס קומט-פאָר אין שול. זיי האָבן דאָרט שטענדיק געהאַט ״זייערע״ מענטשן, וועלכע פלעגן זיי איבערגעבן יעדן וואָרט וואָס מ׳רעדט אין שול.

נו, פאַרשטייט זיך, אַז עס איז דער ״נ.ק.וו.ד.״ כלל נישט געפעלן געוואָרן די דאָזיקע אידישקייט-אַקטיוויטעטן. עס האָט זיי פאַרדראָסן וואָס איך האָב אָנגעפאַנגען צוציען צו אידישקייט פיל מענטשן. דעריבער האָבן זיי באַשלאָסן, אַז מען דאַרף פון מיר פטור ווערן! וכך הוה.

אַ צייט נאָכדעם, אין יאר תשכ״ו, שוין זייענדיק אין חאַרקאָוו, האָב איך צוליב פארשידענע טעמים זיך אפגעגט פון מיין פרוי.

נאָכן אָפּגטין זיך, האָט מיין געוועזענע פרוי גענומען די קינדער און איז מיט זיי אַוועקגעפאָרן קיין טאַשקענט. פון דאָרט האָבן זיי

פאַרלאָזן דעם סאָוועטן-פאַרבאַנד און עולה געווען קיין ארץ ישראל.

– נו, פאַר דעם קומט איר טאַקע אַ דאַנק! זי האָט גראַטעוועט די קינדער פון פייער; זיי אַרויסגעפירט מאפילה לאור גדול – פון דעם קאָמוניסטישן סאָוועטן-פאַרבאַנד קיין ארץ-ישראל.

– פרק סו –

## תשכ״ז – איך ווער שוחט און מוהל אין מאָסקווע

### הרב לעווין רופט מיך אַרויס קיין מאָסקווע איבערצונעמען דעם פלאַץ פון יאַנקל אלישביץ

אין אַ צייט אַרום האָב איך דערהאַלטן אַ בריוו פון **הרב יהודה ליב לעווין** פון מאָסקווע, אין וועלכן ער שרייבט צו מיר, אַז אַזוי ווי **יאַנקל אלישביץ** (״יאַנקל דער שוחט״), דער שוחט און מוהל פון מאָסקווע, האַלט ביים עולה-זיין קיין ארץ-ישראל – דעריבער שלאָגט ער מיר פאָר, איך זאָל קומען קיין מאָסקווע איבערצונעמען זיין אָרט.



ביי דער שחיטה

וכך הוה. איך בין געקומען צופאָרן קיין מאָסקווע. קורצליך נאָכדעם האָט יאַנקל אלישביץ פאַרלאָזן דעם סאָוועטן-פאַרבאַנד, און איך האָב איבערגענומען זיין אָרט און אָנגעפאַנגען צו אַרבעטן צוזאַמען מיטן צווייטן שוחט און מוהל אין מאָסקווע, **וועלוול באָגאָמאַלני**[69].

69) ער איז געווען אַ תמים (וואָס האָט געלערנט אין ״תומכי תמימים״) און האָט שפעטער זוכה געווען פאָרן קיין-ארץ ישראל, וואו ער איז דאָרט נפטר געוואָרן.



אַ ברית אין מאָסקווע

צווישן אונזביידן, איז וועלוול געווען דער גרעסערער ספּעציאַליסט וואָס אָנבאַלאַנגט אַדורכפירן בריתין, און דערפאַר טאַקע פלעגט ער בעיקר מַל זיין די קינדער, און איך פלעגאַרבעטן מיט אים אין איינעם.

## איך האָב חתונה – בזיווג שני – מיט אַ בראַסלעווער אייניקל

אין זיין אויבנדערמאָנטן בריוו האָט הרב לעווין אויך צוגעגעבן, אַז עס איר פאַר מיר כדאי צו קומען קיין מאָסקווע צוליב נאָך אַ סיבה: נאָכן אָפּגטין זיך בין איך דאָך פאַרבליבן איינער אַליין אין חאַרקאָוו, און אין מאָסקווע – שרייבט ער מיר – איז פאַראַן אַ מיידל וועלכע ער קלערט, אַז זי וואָלט געווען אַ פּאַסיקער זיווג פאַר מיר.

אַ צייט נאָך מיין אָנקומען קיין מאָסקווע האָט מען מיר טאַקע געשדכינט די דאָזיקע מיידל. איר נאָמען איז געווען **חיי׳ שרה ראָזענוואַלד**. זי איז געווען אַן אייניקל פון בראַסלעווער רבין (און אַזוי אַרום – אַן אייניקל פון בעש״ט).

דער שידוך איז טאַקע געקומען לידי פּועל און איך האָב מיט איר חתונה-געהאַט בשעה טובה ומוצלחת.

תשכ"ז – איך ווער שוחט און מוהל אין מאָסקווע

– פרק סז –

# די מאָסקווער אידישע קהילה

## אַריינפיר

אין די קומענדע פרקים וועל איך דערציילן – לכל הפחות בקיצור – וועגן מיין תקופה אין מאָסקווע. לאחרי הכל בין איך דאָרט געווען שוחט און מוהל במשך פון 26 יאָר (פון תשכ״ז ביז תשנ״ג), און במשך דאָס רוב פון די דאָזיקע יאָרן בין איך דאָרט געווען איינער אליין; דער איינציקער שוחט און מוהל אין מאָסקווע.

אין די קומענדע פרקים וועל איך אויך ברענגען עטלעכע אינטערעסאַנטע עפּיזאָדן וואָס האָבן פּאַסירט אין יענער תקופה – סיי אַלגעמיינע עפּיזאָדן בשייכות מיט דער מאָסקווער אידישער קהילה און סיי עפּיזאָדן וועלכע האָבן געהאַט אַ דירעקטע שייכות מיט מיר און מיט מיין אַרבעט דאָרט.

* * *

### די אידישע רעליגיעזע קהילה פון מאָסקווע אונטער קאָמוניסטישער אויפזיכט...

אַזוי ווי די קאָמוניסטן האָבן זיך געוואָלט אַביסל אויספּיינען פאַר דער מערב-וועלט, און מאַכן דעם איינדרוק, אַז אין דעם סאָוועטן-פאַרבאַנד הערשט ״פרייהייט פון רעליגיע״, און אַז מען דערלויבט דאָרט צו פּראַקטיצירן די אידישע רעליגיע – האָבן די קאָמוניסטישע מאַכט-אָרגאַנען געלאָזט גרינדן די אַזוי-גערופענע ״**אידישע רעליגיעזע קהילה פון מאָסקווע**״, וועלכע האָט געזאָלט אָנפירן מיט אַלע אידישע רעליגיע-אָנגעלעגנהייטן פון מאָסקווע.

פאַרשטייט זיך, אַז דאָס גרינדן די אידישע רעליגיעזע קהילה דורך די קאָמוניסטן איז געווען אין דער בחינה פון ״אלי׳ וקוץ בה״, וואָרום די קהילה איז געשטאַנען אונטער זייער אויפזיכט, און זיי האָבן אין איר שפּיץ געשטעלט בלויז ״זייערע״ מענטשן.

### דער מאָסקווער ראש-הקהל – אַ געוועזענער ״ק.ג.ב.״-נאַטשאַלניק

איך געדענק נאָך ווי אַלס ראש-הקהל פון דער מאָסקווער אידישער קהילה האָט אַנומעלט געדינט איינער מיטן נאָמען **מיחאלקאַוויטש**.

**די מאָסקווער אידישע קהילה**

זייענדיק אין חערסאָן, איז דער דאָזיקער מיחאלקאוויטש געווען אַ נאַטשאַלניק פון דער "ק.ג.ב.". – צי ער איז דאָרט געווען אַ גרויסער נאַטשאַלניק צי נישט – דאָס ווייס איך נישט; אָבער דאָס האָבן די מאָסקווער אידן געוואוסט צו דערציילן, אַז ער איז דאָרט געווען אַ "ק.ג.ב."-נאַטשאַלניק!

אויף אַזויפיל איז דער דאָזיקער ראש-הקהל געווען ווייט פון אידן און אידישקייט, אַז בעת ער פלעגט האַלטן אַ סידור אין האַנט – פלעגט ער עס האַלטן מיטן קאָפּ אַראָפּ, ווי מען האַלט אַ גוי'אישן בוך! ביז מען האָט אים דערויף אופמערקזאַם געמאַכט, אַז עס פּאַסט נישט פאַר אַ ראש-הקהלה פון דער אידישער קהילה נישט צו וויסן ווי אַזוי מען דאַרף האַלטן אַ סידור.

### די תשמישי-קדושה קלייטל אין דער מאָסקווער שול

אין דער מאָסקווער שול האָט זיך אויך געהאַט געשאַפן אַ קלייטל וואו מען האָט פאַרקויפט תשמישי-קדושה.

פון וואַנען האָבן זיך געשאַפן די דאָזיקע תשמישי-קדושה אין דער קאָמוניסטישער מאָסקווע? – איז די מעשה דערפון אַזוי:

אין יענע יאָרן האָבן צוביסלעך אָנגעפאַנגען צו קומען אויף אַ באַזוך אין רוסלאַנד (און ספּעציעל אין מאָסקווע), רבנים פון אויסלאַנד[70]. טאַקע די דאָזיקע רבנים פלעגן מיט זיך מיטברענגען כלערליי תשמישי-קדושה, ווי צום ביישפּיל: טליתים, ציצית, סידורים און אפילו תפילין.

די דאָזיקע תשמישי-קדושה זענען אין קאָמוניסטישן סאָוועטן-פאַרבאַנד געווען אַ יקר-המציאות, און עס האָבן זיך אין דעם שטאַרק גענויטיק די רוסישע אידן – ספּעציעל די גרוזינער אידן, וועלכער זענען במשך די אַלע יאָרן געבליבן פרום אויך אונטער דעם קאָמוניסטישן רעזשים.

אָבער אין דער צייט וואָס די רייזענדע רבנים פון האָבן די דאָזיקע תשמישי-קדושה אָפּגעגעבן צו דער מאָסקווער אידישער קהילה **במתנה**, כדי זיי זאָלן עס פאַנאַנדערטיילן צו די רוסישע אידן **אומזיסט** – האָבן עס די מאָסקווער ראשי-הקהל אומאָפיציעל פאַרקויפט צו די

---

70) מער וועגן די באַזוכן אין רוסלאַנד פון די רבנים פון אויסלאַנד און וועגן כלערליי כשר'ע פראָדוקטן (אין צוגאב צו די תשמישי-קדושה) וואָס זיי פלעגן מיט זיך מיטברענגען – זעט, ביטע, ווייטער קאַפּיטל עב.

אידן פאַר **געלט**.

אַזוי אַרום האָבן די ראשי-הקהל זיך אויך איינגעהאַנדלט "פון דער זייט" אַ פיינע מטבע.

– פרק סט –

## דער "ק.ג.ב."-אַגענט אין דער מאָסקווער שול

ווי באַוואוסט, איז אין דער מאָסקווער שול (ווי אין אַלע אַנדערע צענטראַלע שולן אין סאָוועטן-פאַרבאַנד) געווען אַן אָנגעשטעלטער "משגיח" פון דער "ק.ג.ב.", וועלכער פלעגט באַריכטן צו זיינע ממונים אין דער "ק.ג.ב." אַלע "נישט-כשר'ע" אַקטיוויטעטן וואָס קומען-פאָר אין שול.

דער דאָזיקער ק.ג.ב.-"משגיח" פלעגט אויך איבערגעבן זיינע ממונים טאָמער עס האָט זיך אין שול פלוצלונג באַוויזן אַ "פנים חדשות" – נישט פון די רעגולערע באַזוכער אין שול.

באַזונדערס פלעגט זיך דער דאָזיקער "משגיח" גוט צוקוקן צי עס איז פלוצלונג נישט אָנגעקומען אין שטאָט קיין גאַסט פון אויסלאַנד (אין די יאָרן ווען עס האָבן שוין צוביסלעך אָנגעפאַנגען צו קומען קיין רוסלאַנד באַזוכער פון אויסלאַנד), און טאָמער יאָ – פלעגט ער וועגן דעם פרעמדן גאַסט באַלד איבערגעבן צו זיינע ממונים אין דער "ק.ג.ב.", כדי זיי זאָלן קענען נאָכקוקן מיט וועמען דער דאָזיקער פרעמדער טרעפט זיך וכו' וכו'.

אין צוזאַמענהאַנג מיט דאָס אויבנדערמאָנטע – ברענג איך דאָ עטליכע עפּיזאָדן וועגן דער "אַרבעט" פון דער "ק.ג.ב." אין דער מאָסקווער שול; עפּיזאָדן אין וועלכע איך זעלבסט בין געווען אַריינגעמישט.

* * *

### דער "ק.ג.ב."-אַגענט פון שול פרעגט ביי מיר, צי איך שטיי אין בריוון-קאָנטאַקט מיט שניאורסאָן אין אַמעריקע

אַמאָל אין די זיביציקע יאָרן רופט מיך אַריין דער "ק.ג.ב."-אַגענט פון דער מאָסקווער שול און, להבדיל, קירכער, און נאָכדעם וואָס ער פרעגט זיך ביי מיר נאָך, ווי אַזוי איך פיל זיך און ווי אַזוי גייט די

אַרבעט – גיט ער מיר פּלוצלונג אַ פרעג:

– מיט שניאורסאָהן אין אַמעריקע – מיינענדיק דערביי דעם רבי׳ן – שרייבסטו זיך דורך?

– ניין! – האָב איך אים באַלד געענטפערט.

אין יענער צייט האָט מען טאַקע מורא-געהאַט צו שטיין אין בריוו-קאָנטאַקט מיטן רבי׳ן אין אַמעריקע.

## דער ״ק.ג.ב.״-אַגענט פון שול פאָרשט מיר, ווער עס האָט מיך באַזוכט שפּעט אין אָוונט

דערנאָך גיט ער אַ פרעג: ווען זענען עס געווען די צוויי פּערזאָנען (אַ הויכער מאַן מיט אַ מיידל) וועלכע זענען געקומען דיך באַזוכן אַנומעלט שפּעט ביינאַכט (און ער גיט-אָן די פּינקטלעכע דאַטע און שעה ווען די דאָזיקע מענטשן האָבן אָפּגעשטאַט אַ באַזוך אין מיין הויז).

– דאָס איז געווען מיין שווער׳ס אַ פריינט (מיט זיין טאָכטער) – האָב איך אים געענטפערט – וועלכער איז געקומען צופאָרן קיין מאָסקווע, און ער איז געקומען צו אונז אַהיים צו זען וואָס מאַכט זיין פריינד׳ס טאָכטער (מיין פרוי).

– וואָס האָב איך דען געדאַרפט טאָן? – פרעג איך צוריק ביים ״ק.ג.ב.״-אַגענט – נישט אַריינלאָזן אים אין מיין הויז?! דאָס וואָלט דאָך געווען אַ בזיון! מיר זענען דאָך עפּעס פיינע מענטשן!

אגב, וואָס איך האָב אים געענטפערט איז נישט געווען קיין ליגן. דאָס איז גראַדע געווען דער אמת: עס איז דעמולט צו אונז געקומען באַזוכן (פון אויסלאַנד) אַ בראַסלעווער איד מיטן נאָמען **גדלי׳**. ער איז געווען אַ גוטער פריינט פון מיין שווער (אויך אַ בראַסלעווער חסיד) וואס האט ביי אים אויסגענדיקט די געלט או איז געקומען קלייבן געלט אויף צוריק פארן. און היות ווי מיין שווער האָט שוין דעמאָלט נישט געלעבט (ער איז נפטר געוואָרן ערב סוכות תשכ״ו), איז ער דעריבער געקומען באַזוכן מיין שווער׳ס טאָכטער (מיין פרוי).

עס איז מיר כלל וכלל נישט געווען קיין וואונדער, פון וואַנען דער ״ק.ג.ב.״-אַגענט פון דער שול האָט געוואוסט פּינקטלעך די דאַטע און די שעה ווען די אויבנדערמאָנטע אורחים האָבן מיך באַזוכט אין מיין היים – וואָרום ווי שוין אויבן דערמאָנט, האָט מען נאָכגעקוקט יעדן ״פנים חדשות״ וואָס איז געקומען אין שטאָט; אים נאָכגעגאַנגען

**דער ״ק.ג.ב.״-אַגענט אין דער מאָסקווער שול**

(אָדער נאָכגעפאָרן) אויף טריט און שריט, און אַזוי אַרום האָט די "ק.ג.ב." געוואוסט פּינקטלעך וואוהין דער פרעמדער גאַסט גייט און מיט וועמען ער באַגעגנט זיך.

* * *

**דער "ק.ג.ב."-אַגענט פון שול האָט טענות, הלמאי די יוגנט גיט נישט אָפּ דעם געהעריקן "כבוד התורה" צו הרב שאַיעוויטש**

דער פאָלגענדער עפּיזאָד איז זיך פאַרלאָפן אין אָנפאַנג פון די אַכציקער יאָרן, ווען דער הויפּט-רב פון מאָסקווע איז געווען **הרב אברהם (אַדאָלף) שאַיעוויטש** (דער לעצטער הויפּט-רב אונטערן קאָמוניסטישן רעזשים).

אין דער מאָסקווער שול האָט זיך דעמאָלט געהאַט געשאַפן אַ גרופּע פון יונגע בחורים וועלכע פלעגן דאָרט זיצן און לערנען. פאַרשטייט זיך, אַז די "ק.ג.ב." האָט אויף דעם געקוקט מיט אַ קרומע אויג.

די דאָזיקע יונגע בחורים האָבן, זעלבסטפאַרשטענדליך, נישט געקוקט אין דער זייט פון הרב שאַיעוויטש, און אים נישט אָפּגעגעבן כלל קיין כבוד, וואָרום הרב שאַיעוויטש איז דאָך געווען אַ "רב מטעם", וואָס איז נתמנה געוואָרן אויף דעם פּאָסטן פון הויפּט-רב דורך די קאָמוניסטישע מאַכטהאָבער.

אַנומעלט רופט מיך אַריין דער "ק.ג.ב."-אַגענט פון דער מאָסקווער שול, און זאָגט צו מיר:

– וואָס פאַר אַ מעשה איז דאָס, אַז בשעת הרב שאַיעוויטש קומט-אַריין אין שול – גיבן אים די יונגע בחורים נישט אָפּ דעם געהעריקן "כבוד התורה": זיי שטעלן זיך פאַר אים נישט אויף, און זיי גייען נישט צו אָפּצוגעבן אים "שלום עליכם"?

– וואָס אָנבאַלאַנגט מיך פערזענליך – ענטפער איך אים – איז בשעת הרב שאַיעוויטש קומט-אַריין אין שול, באַגריס איך אים אַלעמאָל מיט אַ "שלום-עליכם". וואָס אָנבאַלאַנגט אָבער צו די יונגע בחורים – וואָס קען איך דען דערצו טאָן?

– דו ביסט דאָך אַן אויטאָריטעט אין מאָסקווע – טענה'ט ער מיט מיר – דעריבער ליגט אויף דיר אַ פליכט צו מחנך זיין די יוגנט, אַז זיי זאָלן זיך אויפפירן מיטן געהעריקן "כבוד התורה" צו הרב שאַיעוויטש.

**דער "ק.ג.ב."-אַגענט אין דער מאָסקווער שול**

– וואָס וועט דען העלפן מיין "ארבעטן" מיט דער יוגנט – ענטפער איך אים – אַז זיי לאָזן זיך נישט "מחנך" זיין!

נו, ווי געפעלט אייך דאָס: די "ק.ג.ב." נעמט זיך אָן די קריוודע פון דעם "כבוד התורה" פון אַ רב...

– פרק ע –

# טויזנטער ספרים אין דער מאָסקווער שול

## פון וואַנען קומען אַזויפיל ספרי-קודש אין דער מאָסקווער שול?

אין דער מאָסקווער שול האָבן זיך געפונען – אויסער סידורים, חומשים און אַנדערע "פשוט'ע" ספרים (אַזעלכע ספרים וואָס געפינען זיך אין יעדער שול) – אויך טויזנטער "חשוב'ע" ספרי-קודש, ווי צום ביישפּיל: גמרות, ראשונים, אחרונים, ספרי שאלות-ותשובות און נאָך און נאָך.

פון וואַנען קומען טאַקע דאָרט אַזעלכע ספרי-קודש? – איז די מעשה דערפון אַזוי:

אין מאָסקווע (ווי איבער גאַנץ רוסלאַנד) האָבן געוואוינט פיל טויזנטער עלטערע אידן, וואָס האָבן אין זייערע היימען געהאַט כלערליי ספרי-קודש – נאָך פון דער תקופה איידער עס איז געשאַפן געוואָרן דער קאָמוניסטישער רעזשים, אָדער וואָס זיי האָבן געירש'נט פון זייערע עלטערן, דור אחר דור.

בעת אָבער די דאָזיקע עלטערע אידן זענען נפטר געוואָרן – פלעגן זייערע קינדער (וועלכע זענען שוין צום רוב נישט געווען רעליגיעז, אָדער צוליב מאַנגל פון פּלאַץ אין דער הויז) אַריינוואַרפן זייערע ספרים אין דער איינציק-פאַרבליבענער שול אין מאָסקווע – אין דער צענטראַלער מאָסקווער שול.

אַזוי אַרום האָט זיך דאָרט אָנגעקליבן אַ וועלט מיט גאָר פיינע ספרים.

## די יונגע בעלי-תשובה אין רוסלאַנד "גנב'ענען" ספרים פון דער מאָסקווער שול כדי צו קענען לערנען

ווי באַקאַנט, איז אין סוף פון די זעכציקער יאָרן, אַלס רעזולטאַט פון דעם ניסים'דיקן נצחון פון די אידן איבער די אַראַבער אין דער

זעקס-טאָגיקער מלחמה, זענען פיל יונגע אידן אין סאָוועטן-פאַרבאַנד נתעורר געוואָרן מיט אַ תשוקה עולה צו זיין קיין ארץ-ישראל, און צוזאַמען דערמיט איז ביי זיי אויך אַנטשטאַנען אַ דורשט נתקרב צו ווערן צו אידישקייט, דאָס הייסט צו לערנען תורה און אויף ווי ווייט מעגליך – צו מקיים זיין מצוות (כאָטש זיי האָבן כמעט גאָרנישט געוואוסט וועגן מצוות בכלל, און באַזונדערס – ווי אַזוי צו מקיים זיין די מצוות).

אין צוגאָב צו דער הויפט-שוועריקייט וואָס די דאָזיקע יוגנטליכע האָבן אָנגעטראָפן אין זייער וועג נתקרב צו ווערן צו אידישקייט, צוליב דעם וואָס זיי האָבן, ליידער, נישט געקענט פאַרשטיין כמעט קיין איין וואָרט לשון-הקודש (און מערסטנס פון זיי האָבן אפילו נישט געקענט קיין אל״ף-בי״ת) – איז אויך צוגעקומען די שווערקייט וואָס די דאָזיקע יוגנטליכע האָבן נישט געהאַט קיין שום ספרי-קודש.

דערוויסנדיק זיך, אַז אין דער מאָסקווער שול געפינען זיך טויזנטער ספרים וואָס קיינער נוצט זיי נישט – האָבן די אידישע יוגנטליכע באַשלאָסן צו לייז
דעם ספרים
פּראָבלעם דור
״גנב׳ענען״ צוביסלע
ספרים פון דע
מאָסקווער שול.



לייענענדיק די כתובה ביי אַ חופה אין מאָסקווע מיט ר׳ געטשע

עס האָבן זי
טאַקע דאַן געשאַפ
קבוצות פון בחורי
און יונגעלייט וואָ
האָבן אָנגעפאַנגען צ
טרעפן זיך אי
פאַרשידענע ערטער
און לערנען צוזאַמען.

[איינע פון די דאָזיקע תורה-גרופן אין מאָסקווע איז דאַן אָנגעפירט געוואָרן פון דעם היינט-באַקאַנטן יונגערמאַן **אליהו אַסאַס**, וועלכער איז אַליין נתקרב געוואָרן (דורך ר׳ **אברהם מעלער**, אן ערליכע איד פון די תלמידים פון דעם **חפץ חיים** זצ״ל) צו אידישקייט און האָט דערנאָך אָנגעפאַנגען מקרב צו זיין אויך אַנדערע מאָסקווער יוגנטליכע].

**טויזנטער ספרים אין דער מאָסקווער שול**

### "ק.ג.ב." באַפעלט גבאי פון מאָסקווער שול צו פאַרשליסן די ספרים, כדי אידישע יוגנטליכע זאָלן זיי ח"ו נישט נוצן

ווי נאָר דער "ק.ג.ב."-אַנגעשטעלטער אין דער מאָסקווער שול האָט זיך דערוואוסט, אַז אידישע יוגנטליכע גנב'ענען פון דאָרט ספרים – האָט ער עס גלייך איבערגעגעבן צו זיינע ממונים.

אַז די "ק.ג.ב." האָט דערהערט, אַז אידישע יוגנטליכע גנב'ענען ספרים אין דער מאָסקווער שול, האָבן זיי גלייך פאַרשטאַנען, אַז זיי גנב'ענען די ספרים כדי צו לערנען אין זיי – און דאָס טויגט שוין נישט!

די "ק.ג.ב." האָט טאַקע תיכף באַפוילן דעם גבאי פון דער מאָסקווער שול, אַז ער זאָל די אַלע ספרים אַריינלייגן אין ספּעציעלע קאַסטנס, זיי פאַרשליסן מיט שלעסער און פאַרזיגלען זיי מיטן "ק.ג.ב."-שטעמפּל כדי קיינער זאָל צו זיי נישט האָבן קיין צוטריט. וכך הוה[71].

– פרק עא –

## ברית-מילה'ס אין סאָוועטן-פאַרבאַנד

### ברית-מילה אָן פרסום

אין דער צייט וואָס שחיטה אין סאָוועטן-פאַרבאַנד איז דאַן געווען האַלב לעגאַל, דאָס הייסט, אַז די קאָמוניסטישע מאַכט-אָרגאַנען האָבן

71) ענליך צו דעם דערציילט אויך **ר' יצחק קאָגאַן** ("דער צדיק פון לעני‏נגראַד"), אין "כפר-חב"ד" זשורנאַל נומער 737 (ג' כסלו תשנ"ז), אַז אין דער לענינגראַדער צענטראַלער שול האָבן זיך געפונען פיל ספרי-קודש, אָבער זיי זענען באַהאַלטן געוואָרן אין קעלער פון דער שול און פאַרזיגלט געוואָרן מיט דעם "ק.ג.ב."-שטעמפּל.

ער דערציילט דאָרט ווייטער, אַז אין יאָר תשמ"ד (אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם רבינ'ס תקנה צו לערנען רמב"ם), האָט זיך זיין קבוצה דערוואוסט, אַז אין דער קאָוונער שול געפינען זיך פיל אַלטע ספרי-קודש. זיי זענען דאָרט צוגעפאָרן מיט אַ לאַסט-אויטאָ, אָנגעלאָדן די ספרים און זיי צוריקגעבראַנגט און פאַרטיילט אין לעניניגראַד און אין מאָסקווע.

אגב, ר' יצחק קאָגאַן דערציילט אויך אין אַ פריערדיקן "כפר-חב"ד" זשורנאַל (נומער 736 – כ"ה חשון תשנ"ז), אַז אונזער ר' מאָטל ליפשיץ האָט אים אַנומעלט שטאַרק מעודד-געווען, ער זאָל זיך אויסלערנען שחיטת עופות. ר' מרדכי ליפשיץ האָט אים אפילו פאָרגעשלאָגן ער זאָל קומען צופאָרן צו אים קיין מאָסקווע, וואו ער וועט אים אַליין לערנען ווי אַזוי צו ווערן אַ שוחט.

**ברית-מילה'ס אין סאָוועטן-פאַרבאַנד**

זיך דערצו נישט געטשעפּעט – איז אָבער וואָס אָנבאַלאַנגט ברית-מילה׳ס, כאָטש אויך דאָס איז אָפיציעל נישט געווען פאַרבאָטן אין סאָוועטן-פאַרבאַנד, האָבן אָבער די קאָמוניסטישע מאַכט-אָרגאַנען אויף דעם געקוקט מיט אַ קרומע אויג, און דעריבער האָט עס געדאַרפט געטאָן ווערן בלא-פּרסום, מפני חשש עינא בישא.

אַז מען זאָל זיך דערוויסן, אַז אַ פאָטער האָט געלאָזט מַל-זיין זיין זון – האָט דאָס אים געקענט ח״ו קאָסטן מיט זיין אַרבעט! וואָרום אַלע אַרבעטס-פּלעצער זענען דאָך געשטאַנען אונטער קאָמוניסטישער קאָנטראָל.

דעריבער האָט טאַקע אַ ברית-מילה געדאַרפט דורכגעפירט ווערן אָן פּרסום, אין דער פּריוואַטער היים פון דעם פאָטער, און מיט דער באַטייליקונג פון בלויז די גאָר נאָענטע קרובים פון דער משפחה; אַזעלכע קרובים, וועלכע דער אבי הבן האָט געקענט גלויבן, אַז זיי וועלן אים נישט פאַרמסר׳ן.

## ״עת לעשות לה׳ הפרו תורתך״ – אמירת תחנון אין אַ טאָג ווען איך פיר דורך אַ ברית

אויף אַזויפיל פלעג איך זיך היטן מחשש עינא בישא, אַז אַזוי איז דאָך דער מנהג, אַז בשעת אַ מוהל געפינט זיך אין שול אין אַ טאָג ווען ער גייט מַל זיין אַ קינד – זאָגט מען דעמאָלט נישט קיין תחנון אין שול;

בעת איך אָבער פלעג זיין אין שול אין אַ טאָג וואָס איך גיי דורכפירן אַ ברית-מילה – פלעג איך מאַכן זיכער, אַז מען זאָל **יאָ** זאָגן תחנון יענעם טאָג אין שול, כדי די ״ק.ג.ב.״-אַגענטן וואָס געפינען זיך תמיד אין שול, זאָלן נישט אָנפאַנגען פרעגן: פאַרוואָס זאָגט מען עפּעס היינט נישט קיין תחנון? און אַזוי אַרום זיך דערוויסן, אַז איך מאַך היינט אַ ברית – אַ זאַך וואָס טויג לגמרי נישט. איך האָב דערמיט מקיים געווען וואָס עס שטייט[72] ״עת לעשות לה׳ הפרו תורתך״.

## מאָסקווער ראש-הקהל פאָדערט, אַז אַלע ברית׳ן זאָלן דורכגיין דורך דער מאָסקווער אידישער קהילה

אַנומעלט רופט מיך אַריין דער אויבנדערמאָנטער מאָסקווער ראש-

72) תהלים קיט, קכו. ובפרש״י ברכות נד, א: פעמים שמבטלים דברי תורה כדי לעשות לה׳.

**ברית-מילה׳ס אין סאָוועטן-פאַרבאַנד**

הקהל, **מיחאלקעוויטש**, און זאָגט צו מיר:

– דו ביסט דאָך דער מוהל פון שטאָט. נו, גאַנץ פיין. מילה איז ביי אונז אָפיציעל דערלויבט[73]. נאָר וואָס דען? – עס דאַרף זיין עפּעס אַ סדר אין דערויף.

– היתכן – זעצט ער פאָר – אַז עס קומען צו דיר צוגיין שטילערהייט, אין שול, פריוואַטע אידן און רעדן זיך צונויף מיט דיר פערזענליך וועגן דורכפירן שטילערהייט אַ ברית פאַר זייערס אַ קינד (אָדער אייניקל), און דו מעלדעסט אונז גאָרנישט, וואו דו ביסט געווען און ביי וועמען דו האָסט דורכגעפירט אַ ברית-מילה!

– דער ענין פון דורכפירן ברית-מילה׳ס – זאָגט ער ווייטער – איז דאָך אַ זאַך וואָס איז נוגע צו אַלע אידן פון מאָסקווע, דעריבער דאַרף עס גיין אין אַ מסודר׳דיקן אופן, דורך דער מאָסקווער אידישער קהילה. די מאָסקווער אידן דאַרפן וויסן, אַז דער ענין פון ברית-מילה׳ס ווערט אַראַנזשירט דורך דער מאָסקווער אידישער קהילה.

– פון היינט און ווייטער – פאַרענדיקט ער זיין געשפרעך – אַז עס וועט צו דיר קומען צוגיין אַ איד וואָס וויל מַל-זיין אַ קינד, זאָלסט אים שיקן צו אונז. מיר וועלן מיט אים כאַפּן אַ שמועס, אויסגעפינען ווער ער איז און דאָס גלייכן. און בשעת איך וועל דיר מודיע זיין אַז דו קענסט גיין דורכפירן דעם ברית-מילה – דאַן זאָלסט גיין!

איך האָב אויסגעהערט וואָס ער האָט צו זאָגן, און איך האָב אים געזאָגט, אַז מהיום והלאה וועל איך טאַקע זאָגן די מענטשן וואָס ווענדן זיך צו מיר פאַר אַ ברית-מילה, אַז זיי דאַרפן זיך ערשט רעגיסטרירן ביים ראש-הקהל! – איך האָב דען געהאַט אַ ברירה?! ער איז דאָך דער ראש-הקהל, דעריבער האָב איך אים געמוזט אַזוי ענטפערן – כאָטש אַז איך האָב כלל נישט געהאַלטן ביי עס מקיים צו זיין.

73) דאָס איז שוין געווען אין דער תקופה ווען עס איז שוין געוואָרן אַביסל גרינגער וואָס אָנבאַלאַנגט אידישקייט אין קאָמוניסטישן סאָוועטן-פאַרבאַנד. אָבער דאָך האָבן מערסטנס אידן נישט געוואָלט, אַז די ״ק.ג.ב.״ זאָל וויסן, אַז זיי לאָזן מַל-זיין זייערע קינדער.

### ברית-מילה'ס אין סאָוועטן-פאַרבאַנד

**דער ראש-הקהל האָט צו מיר טענות, הלמאי מענטשן קומען זיך נישט רעגיסטרירן צו אים פאַר ברית-מילה׳ס**

אין אַ צייט אַרום רופט מיך ווידער אַריין דער ראש-הקהל, און זאָגט צו מיר:

– דו געדענקסט דאָך זיכער וואָס מיר האָבן אָפּגערעדט צווישן זיך, אַז בשעת עס וועט צו דיר קומען צוגיין אַ איד צו מַל-זיין אַ קינד, וועסטו אים שיקן צו רעגיסטרירן זיך ביי מיר. איז היתכן, אַז דו ביסט נישט מקיים דיין וואָרט, און דו שיקסט זיי נישט צו מיר?!

– איך שיק זיי יאָ צו אייך! – האָב איך אים געענטפערט – אָבער זיי ווילן ווייזט-אויס צו אייך נישט גיין!

– דו טרעפסט זיך נאָך אַלץ – פרעגט ער מיר ווייטער – מיט אידן שטילערהייט, אין מאַרק, און רעדסט זיך צונויף מיט זיי צו מַל-זיין זייערע קינדער?

– ניין! – האָב איך אים געענטפערט – איך טו פונקט ווי מיר האָבן אָפּגערעדט. בשעת עס קומט צו מיר צוגיין אַ איד בעטן מַל-זיין אַ קינד – שיק איך אים תיכף צו אייך. אָן אייער רשות פיר איך נישט דורך קיין ברית׳ן!

– אויב דו ביסט נישט זייער מוהל – פרעגט ער ווייטער – צו וועמען דען גייען זיי צו מַל-זיין זייערע קינדער?!

– פון וואַנען זאָל איך דען וויסן – ענטפער איך אים – וואו די מאָסקווער אידן זענען מַל זייערע קינדער?! עס זענען אין מאָסקווע פאַראַן דאָקטוירים (כירורגן) וואָס קענען דורכפירן ברית-מילה׳ס, איז זייער מעגליך, אַז די מאָסקווער אידן זענען טאַקע מַל-זיין זייערע קינדער אין די שפיטעלער!

און דערמיט האָט זיך געענדיקט אונזער געשפרעך.

– פרק עב –

## 1972 – פרעזידענט ניקסאָנ׳ס באַזוך אין מאָסקווע

נאָך דער פטירה – אין צוויי און זיביציקטער יאר– פון **הרב יהודה ליב לעווין**, איז מאָסקווע געבליבן במשך אַ האלב יאר אָן אַ הויפּט-רב.

אָבער דאָ האָט זיך דער סאָוועטן-פאַרבאַנד גענומען גרייטן צום היסטאָרישן באַזוך אין מאָסקווע פון פרעזידענט **ריטשאַרד ניקסאָן**[74] – דער ערשטער אַמעריקאַנער פרעזידענט צו באַזוכן דעם סאָוועטן-פאַרבאַנד זינט דעם "קאַלטן קריג".

פאַרשטייט זיך, אַז די קאָמוניסטן האָבן געוואָלט ווייזן דער מערב-וועלט, אַז אין דער הויפּט-שטאָט פון רוסלאַנד פונקציאָנירט אַ אידישע קהילה, מיט אַ רב און דאָס גלייכן. אָבער וואָס זאָל מען טאָן, אַז די מאָסקווער אידישע קהילה האָט פּאָרט דעמולט נישט געהאַט קיין הויפּט-רב!

## מאָסקווער ראש-הקהל ווערט אויפגעפּאָדערט צו געפינען אַ נייעם הויפּט-רב

דער ראש-הקהל פון דער מאָסקווער אידישער קהילה איז דאַן געווען איינער מיטן נאָמען **קאַפּלון**. זיינע קאָמוניסטישע ממונים האָבן אים אַרויסגערופן און צו אים געזאָגט:

– היות דער אַמעריקאַנער פרעזידענט קומט צופאָרן אויף אַ באַזוך אין מאָסקווע – דעריבער מוז די מאָסקווער אידישע קהילה ממנה-זיין אַ נייעם הויפּט-רב, וואָרום עס וועט דאָך זיין אַ בזיון פאַר דער אידישער קהילה, אַז זיי האָבן נישט קיין רב! וואו איז עס דען געהערט געוואָרן אַ אידישע קהילה אָן אַ רב?!

– דעריבער – האָבן זיי פאָרגעזעצט – ליגט אויף אייך, אַלס ראש הקהל, די פליכט תיכף צו געפינען אַ נייעם הויפּט-רב.

דערביי האָבן זיינע קאָמוניסטישע ממונים אים נאָך צוגעגעבן אַ וואָרנונג: טאָמער וועט די מאָסקווער אידישע קהילה נישט האָבן קיין הויפּט-רב בעת דעם באַזוך פון דעם אַמעריקאַנעם פרעזידענט – דאַן ווערסטו אויס ראש-הקהל!

נו, פאַרשטייט זיך, אַז דער ראש-הקהל האָט כלל נישט געהאַט קיין חשק אויפצוגעבן זיין אַמט. באַזונדערס האָט ער נישט געוואָלט אַרויסלאָזן פון זיינע הענט דעם קאָנטראָל איבער דער תשמישי-קדושה

74) וואָס איז פאָרגעקומען אין מאָנאַט מאַי, 1972.

כאָטש ניקסאָן האָט שוין געהאַט אָפּגעשטאַט אַ באַזוך אין מאָסקווע פיל יאָרן פריער, דעם 24סטן יולי 1959, ער איז אָבער דעמאָלט געווען בלויז וויצע-פרעזידענט פון אַמעריקע.

**1972 – פרעזידענט ניקסאָנ'ס באַזוך אין מאָסקווע**

קלייטל...

ובכן האָט זיך אָנגעפאַנגען אַ העפטיקע זוכעניש פאַר אַ נייעם הויפּט-רב.

### טעאַטער-אָנגעשטעלטער ווערט הויפּט-רב פון מאָסקווע!

אין מאָסקווע איז געווען אַ איד מיטן נאָמען **פישמאן**. דער דאָזיקער איד איז געווען אַן אָנגעשטעלטער אין אַ טעאַטער. זיין אויפגאַבע אין טעאַטער איז געווען: אָפּצונעמען ביי די מענטשן זייערע מאַנטלען ווען זיי קומען צוגיין, און עס זיי אומקערן פאַרן אַוועקגיין.

טאַקע צו דעם דאָזיקן איד האָט זיך די מאָסקווער אידישע קהילה געוואָנדן, אַז ער מוז אָננעמען אויף זיך די אויפגאַבע פון הויפּט-רב פון מאָסקווע!

היות ווי דער דאָזיקער איד האָט גוט געוואוסט, אַז ער איז כלל נישט ראוי צו דער דאָזיקער חשוב׳ער איצטלא דרבנן – האָט ער זיך דעריבער קאַטעגאָריש אַנטזאָגט דערפון.

דער מאָסקווער ראש-הקהל איז אָבער צו אים שטאַרק צוגעשטאַנען, איינטענה׳נדיק מיט אים, אַז ער מוז אָננעמען די דאָזיקע פּאָזיציע לכל הפחות ביזן סוף פון ניקסאָנ׳ס באַזוך אין מאָסקווע. ״אַז עס וועט זיך ענדיקן ניקסאָנ׳ס באַזוך – האָט ער מיט אים איינגעטענה׳ט – דאַן קענסטו זיך אָפּזאָגן פון דעם רבנות-אַמט״.

און אַזוי האָט טאַקע דער ראש-הקהל מצליח געווען צו איבערצייגן דעם דאָזיקן טעאַטער-אָנגעשטעלטן, ער זאָל ווערן דער הויפּט-רב פון מאָסקווע.

מען האָט אים אָנגעטאָן אַ לאַנגע שוואַרצע זשופּיצע מיט ברייטע אַרבל [אַזוי ווי עס טראָגן – להבדיל – די גלחים], מיט אַ הויכע יאַרמולקע אויפן קאָפּ, און אַזוי איז ער געוואָרן דער נייער הויפּט-רב.

### נייער ״רב״ בלייבט הויפּט-רב אויך נאָך ניקסאָנ׳ס באַזוך

נו, ניקסאָנ׳ס באַזוך אין מאָסקווע איז אַדורך בשלום. די אידישע קהילה האָט אפילו לכבוד זיין באַזוך דורכגעפירט אַ סעודה.

דער נייער הויפּט-רב האָט איינגעזען, אַז עס איז גאָרנישט קיין שלעכטע זאַך צו זיין דער הויפּט-רב פון מאָסקווע, און דעריבער איז ער טאַקע פאַרבליבן הויפּט-רב אויך נאָכן שלוס פון ניקסאָנ׳ס באַזוך.

**1972 – פּרעזידענט ניקסאָנ'ס באַזוך אין מאָסקווע**

– פרק עג –

# רבנים פון אויסלאַנד באַזוכן רוסלאַנד

צום סוף פון די זעכציקער יאָרן – און ספּעציעל אין די זיבעציקער יאָרן – האָבן רבנים פון דער דעמאָקראַטישער מערב-וועלט אָנגעפאַנגען צו אָפּשטאַטן באַזוכן אין רוסלאַנד.

## אויסלענדישע רבנים ברענגען-מיט כשר'ע שפּייז-פּראָדוקטן

די דאָזיקע רבנים פלעגן מיט זיך מיטברענגען – אויסער תשמישי-קדושה – אויך כשר'ע שפּייז-פּראָדוקטן, ווי צום ביישפּיל וואורשט, שאָקאָלאַד, קעז און דאָס גלייכן. מיט די דאָזיקע כשר'ע שפּייז-פּראָדוקטן פלעגן די אויסלענדישע רבנים ממש מחי' זיין די דאָרטיקע אידן. וואָרום כאָטש אַז געלט האָט נישט געפעלט, איז אָבער אין דעם קאָמוניסטישן סאָוועטן-פאַרבאַנד נישט געווען צו באַקומען קיין כשר'ע שפּייז-פּראָדוקטן.

פאָלגענד זענען עטלעכע פון די רבנים פון דער מערב-וועלט וועלכע איך געדענק זייערע באַזוכן אין מאָסקווע:


הרב טייץ אין אַ געשפּרעך מיט'ן רבי'ן

**הרב יצחק העכטמאַן** ז"ל, דער עקזעקוטיוו-דירעקטאָר פון "ועד העיר" פון מאָנטרעאָל, קאַנאַדע, וועלכער פלעגט אָנברענגען כשר'ע שפּייז-פּראָדוקטן וואָס האָבן אונז ממש מחי' געווען. הרב העכטמאַן האָט גאָר אַ סך געהאָלפן די מאָסקווער אידן.

## הרב טייץ ברענגט-מיט מאמרים און שיחות פון רבי'ן

באַזונדערס געדענק איך **הרב פנחס מרדכי טייץ** ז"ל פון עליזאַבעט, ניו-דזשוירזי, וועלכער פלעגט מיט זיך אויך מיטברענגען מערערע שיחות און מאמרים פון רבי'ן. עס איז באַקאַנט דער

חסידישער טייטש אויפן מאמר חז״ל ״**והלא במאמר אחד יכול להבראות**״, אַז אפילו **איין מאמר** חסידות פון רבי׳ן טוט-אויף וועלטן – אָבער הרב טייץ פלעגט אונז ברענגען **אַ סך** שיחות און מאמרים פון רבי׳ן.

ועל כולם געדענק איך **הרב משה דאַווידאָוויטש** פון אַנטווערפּן, בעלגיע (אָדער ווי מיר פלעגן אים רופן: **משה בן גיטל**), וועגן וועמען איך וועל אַביסל מער מאריך-זייך.

[פאַרשטייט זיך, אַז אויסער די אויבנדערמאָנטע עטלעכע רבנים, זענען קיין מאָסקווע געקומען באַזוכן נאָך אויסלענדישע רבנים, צווישן זיי אויך ליובאַוויטשער חסידים – איך דערמאָן דאָ אָבער בלויז עטלעכע פון זיי אַלס ביישפּיל.

אגב, אַ טייל פון די אויסלענדישע רבנים וואָס האָבן באַזוכט מאָסקווע – צווישן זיי אויך ליובאַוויטשער חסידים – האָבן אפילו מורא געהאַט זיך ״מגלה״ זיין צו מיר, צוליב דעם וואָס איך בין דאָך געווען צו-גוט באַקאַנט ביי די קאָמוניסטישע מאַכט-אָרגאַנען אַלס שוחט און מוהל פון מאָסקווע, אַזוי אַרום אַז די באַזוכער האָבן פאַרדעכטיק – און מיט רעכט – אַז די ״ק.ג.ב.״ קוקט-נאָך מיט זיבן אויגן יעדן וואָס באַגעגנט זיך מיט מיר, און דאָס וואָלט, פאַרשטייט זיך, געשטעלט אין סכנה די סודות׳דיקע שליחות׳ן לטובת די אידן אין סאָוועטן-פאַרבאַנד וואָס די דאָזיקע באַזוכער פלעגן דורכפירן אין רוסלאַנד.

און זעלבסטפאַרשטענדליך, אַז איך דערמאָן דאָ נישט די פילע אויסלענדישע רבנים און ליובאַוויטשער חסידים וואָס האָבן אָנגעפאַנגען צו באַזוכן דעם סאָוועטן-פאַרבאַנד אין מיטן פון די אַכציקער יאָרן, ווען די באַזוכן האָבן זיך פאַרמערט].

### די שוועריקייטן פון די אויסלענדישע באַזוכער ביים איבערגעבן די כשר׳ע שפּייז-פּראָדוקטן צו די רוסישע אידן

אין יענע יאָרן איז געווען שטרענג פאַרבאָטן פאַר אידן (און דאָס זעלבע פאַר נישט-אידן) אין סאָוועטן-פאַרבאַנד צו באַגעגענען זיך מיט אויסלענדישע באַזוכער. אַזאַ באַגעגעניש צווישן אַן אויסלענדישן טוריסט מיט אַ היגן איד, איז געווען אַ סכנה סיי פאַר דעם אויסלענדישן באַזוכער, און גאָר ספּעציעל – פאַר דעם איד וועלכער האָט געוואַגט זיך צו באַגעגענען מיט אים.

**רבנים פון אויסלאַנד באַזוכן רוסלאַנד**

פאַר אַזאַ "חטא" וואָלט דער אויסלענדישער באַזוכער געקענט באַשטראָפט ווערן פון די קאָמוניסטן, צו זיין געצוואונגען תיכף צו פאַרקירצן זיין באַזוך אין סאָוועטן-פאַרבאַנד און צוריקפאָרן צו דער מדינה פון וואַנען ער איז געקומען. זעלבסטפאַרשטענדליך, אַז פאַר אַזאַ "אומגעוואונטשענעם" אויסלענדישן גאַסט וואָלט געווען גאָר שווער צו קענען באַקומען ווידער אַן אַריינפאָר-וויזע קיין רוסלאַנד – אַ זאַך וואָס איז אין גוטן מוט אָנגעקומען מיט פיל שוועריקייטן.

וואָס אָנבאַלאַנגט דעם היגן איד וואָס האָט געוואַגט זיך צו באַגעגענען מיט דעם אויסלענדישן באַזוכער – האָט געהערשט אַ סכנה באַשולדיקט צוווערן אין שפּיאָנאַז פאַר אַ פרעמדע מדינה!

אזוי שטרענג זענען די קאָמוניסטישע מאַכט-אָרגאַנען געווען אין זייער פאַרבאָט פון יעדן קאָנטאַקט מיט אַן אויסלענדישן באַזוכער – אַז אפילו אָפּצוגעבן "שלום-עליכם" צו אַן אויסלענדישן אורח וואָס איז געקומען צוגיין אין שול איז אויך געווען פאַרבאָטן, און ווער רעדט נאָך צו פאַרברענגען מיט אים באריכות. אַזאַ באַפעל איז געווען אין שול.

טיילמאָל פלעגט צו אונזער מזל פּאַסירן, אַז בעת עס איז געקומען צוגיין אין שול אַן אויסלענדישער אורח – איז פונקט דעמאָלט אין שול נישט געווען דער גבאי, וועלכער איז געווען אַן אָנגעשטעלטער פון דער "ק.ג.ב.".

אין אַזאַ פאַל פלעגן מיר גלייך אַרומרינגלען דעם אורח און כאַפּן מיט אים אַ פּאָר ווערטער, און דער עיקר – ביי אים בעטן פאַרשידענע בקשות: איינער פלעגט בעטן אַ דאָלער, אַ צווייטער פלעגט בעטן איבערגעבן אַ בריוו צו זיינע קרובים אין אויסלאַנד און אַזוי ווייטער.

אַזאַ געלעגנהייט איז אויך געווען גוט פאַרן אויסלענדישן גאַסט, וואָרום ער האָט געקענט אויסנוצן די דאָזיקע געלעגנהייט איבערצוגעבן די היגע אידן די פאַרשידענע פּעקלעך (סיי פון שפּייז-פּראָדוקטן און סיי אַנדערע) וואָס ער האָט פאַר זיי מיטגעברענגט.

וואָרום, ווי שוין אויבנדערמאָנט, איז פאַר אַן אויסלענדישן גאַסט צו באַזוכן אַ היגן אידן אין זיין היים, און ווער רעדט נאָך אים איבערגעבן אַ פּעקל – איז געווען אַ סכנה סיי פאַר דעם גאַסט און סיי פאַר דעם אידן וועמען ער וואָלט באַזוכט.

אויך צו אַריינטראָגן אַ פּעקל אין שול און עס דאָרט איבערגעבן פון

האַנט צו האַנט צו אַ היגן אידן איז געווען נישט אַזוי פּשוט – סיי פאַר דעם אויסלענדישן גאַסט און סיי פאַר דעם היגן אידן, וועלכער האָט מורא-געהאַט אָפּצונעמען דעם פּעקל פון די הענט פון דעם אויסלענדישן גאַסט מפּני "מראית העין"...

אַזוי אַרום, אַז דאָס איבערגעבן פּעקלעך פאַר די היגע אידן איז געווען פאַרבונדן מיט שרעק און מסירת-נפש.

מ'דאַרף דאָך אָבער פאָרט עפּעס העלפן. דעריבער איז געווען דער סדר, אַז דער אויסלענדישער גאַסט פלעגט מיטברענגען אומבאַמערקטערהייט דעם פּעקל אין שול אַריין, און פלעגט עס דאָרט אַוועקלייגן שטילערהייט ערגעץ-וואו אין אַ ווינקל, און נאָכדעם אַ ווינק-טאָן מיט די אויגן צו איינעם פון די מתפללים אין שול, אַז ער האָט דאָרט אין ווינקל אַוועקגעלייגט אַ פּעקל, און אַז מען זאָל עס פון דאָרט אומבאַמערקטערהייט אַוועקנעמען.

### די "משרתים" פון דעם "ק.ג.ב."-אַגענט אין שול

דער פּראָבלעם איז אָבער, אַז דער "ק.ג.ב." פון דער שול האָט געהאַט זיינע אייגענע "משרתים" צווישן די מתפללים פון דער שול גופא, ווי דער פסוק זאָגט "מושל מקשיב על דבר שקר, כל משרתיו רשעים"[75].

אַזוי אַרום, אַז עס האָט געטראָפן, אַז בשעת עס פלעגט אָנקומען אַן אויסלענדישער גאַסט אין שול בעת דער גבאי (וועלכער איז געווען אָנגעשטעלט פון דער "ק.ג.ב.") איז דאָרט נישט געווען, און מיר פלעגן אים אַרומרינגלען – פלעגן די "משרתים" פון דעם גבאי תיכף מודיע-זיין וועגן דעם צו דער "ק.ג.ב.".

די "ק.ג.ב." פלעגט זיך תיכף פאַרבינדן מיטן גבאי פון שול אין זיין ביוראָ, און האָבן צו אים טענות: וואָס טוט זיך דאָרט ביי אייך?! עס איז אָנגעקומען אַן אויסלענדישער גאַסט און די אידן פון שול האָבן אים אַרומגערינגלט! גיי גלייך זעען וואָס דאָרט קומט-פאָר!

---

75) משלי כט, יב. און אין "מצודות" אויפן פסוק: כאשר המושל מקשיב דבר שקר ומקבל דברי שקר, אז כל משרתיו מתהפכים לרשעים. כי למען ימצאו חן בעיניו מספרים לו שקרים וחוטאים בנפשותם. און אין רלב"ג דאָרט: כשיהי' המושל מקשיב על דבר שקר, אז יהפכו כל משרתיו להיות אנשי רשע. כי המשרתים ישתדלו לעשות רצון אדוניהם, וכאשר יראו כי רצונו ברשע, יתנהגו תכונת הרשע.

דער גבאי, נישט וויסנדיק אַז עס איז אָנגעקומען אַן אויסלענדישער אורח, פלעגט דאַן תיכף אַריינשפּרינגען אין שול און זיך ווענדן צו אונז, זאָגנדיק: אידן, וואָס טוט איר? מען טאָר נישט שטיין אין פאַרבינדונג מיט אַן אויסלענדישן גאַסט! האָט רחמנות, גייט זיך גלייך פאַנאַנדער.

עס האָט אפילו פּאַסירט, אַז בשעת דער גבאי האָט זיך דערוואוסט (דורך זיינע "משרתים" אין שול), אַז איינער פון די מתפללים האָט באַקומען אַ פּעקל פון שפּייז-פּראָדוקטן פון אַן אויסלענדישן גאַסט – פלעגט ער גלייך אַריינשפּרינגען אין שול און עס ביי אים צונעמען! וואָרום מ'דאַרף נישט פאַרגעסן, אַז דער גבאי אַליין איז דאָך אויך אויסגעגאַנגען פון הונגער!

**הרב משה דאַווידאָוויטש (משה בן גיטל) פון בעלגיע**

היות אַז "מצוה לפרסם עושי מצוה"[76], וויל איך דאָ אַביסל מצייר זיין דעם הייליקן אידן **משה בן גיטל דאַווידאָוויטש** פון אַנטווערפּן, בעלגיע, וועלכער פלעגט מיטברענגען קיין רוסלאַנד כשר'ע שפּייז-פּראָדוקטן, מיט וועלכע ער האָט ממש מחיי' געווען די היגע אידן.

זיין מסירת-נפש אַרויסצוהעלפן די רוסישע אידן אין אַזאַ ביטערער צייט איז געווען אין-לשער. מיר פלעגן אויף אים קוקן ווי אויף אַ "**בעל-מופת**". ער האָט אונז טאַקע ממש "מחיי-מתים" געווען מיט די כשר'ע שפּייז-פּראָדוקטן וועלכע ער פלעגט מיטברענגען קיין רוסלאַנד.

בעת משה בן גיטל פלעגט קומען צופאָרן קיין מאָסקווע פאַר פּסח, פלעגט ער מיט זיך מיטברענגען צו פאַנאַנדערטיילן פאַר די היגע אידן אַזעלכע שפּייז-פּראָדוקטן וועלכע זענען כלל נישט געווען בנמצא אין דעם סאָוועטן-פאַרבאַנד, ווי צום ביישפּיל: גערייכערטע פליישן; וויין; שמורה-מצה; כשר לפסח'דיקע קעזן און שאָקאָלאַדן; פאַרעוועע אינסטענט-סופּן און נאָך פיל כשר'ע שפּייז-פּראָדוקטן.

די דאָזיקע שפּייז-פּראָדוקטן וועלכע ער פלעגט אונז מיטברענגען אויף פּסח, פלעגן אונז סטייען ביז שבועות – ווען ער פלעגט נאָכאַמאָל קומען צופאָרן און מיטברענגען נאָך כשר'ע שפּייז-פּראָדוקטן, וועלכע פלעגן אונז סטייען ביז חודש תשרי. פאַרשטייט זיך, אַז אויף חודש

---

76) רמ"א יו"ד סימן רמ"ט סעיף י"ג, משו"ת הרשב"א ח"א סימן תקפ"א. מג"א או"ח סימן קנ"ד ס"ק כ"ג.

תשרי פלעגט ער אונז ווידעראַמאָל ברענגען כשר׳ע שפּייז-פּראָדוקטן. עס גייט דאָך עפּעס באַלד ראש-השנה און סוכות, ״זמן שמחתנו״ – דאַרף מען דאָך משמח זיין אויך די אידן אין רוסלאַנד!

פאַר די געהויבענע פּעולות פון משה בן גיטל פאַר אונז די רוסישע אידן קומט אים טאַקע, אַז דער אויבערשטער זאָל אים בענטשן מיט געזונט, פּרנסה און אריכות ימים ושנים טובות, מתוך אושר ועושר.

– פּרק עד –

## תשל״ג – מיין טאָכטערס חתונה

ז׳ כסלו תשל״ג איז אין ניו-יאָרק פאָרגעקומען די חתונה פון מיין טאָכטער **חי׳ה שרה** מיט איר מאַן **יוסף דוב (בערל) חזקלביץ׳** שיחיו.

### אין קען זיך נישט באַטייליקן אין מיין טאָכטערס חתונה

אין יענע יאָרן אַרויסצופאָרן פון סאָוועטן-פאַרבאַנד אויף אַ באַזוך קיין אַמעריקע (אָדער וואו עס זאָל נאָר זיין אין אויסלאַנד), אפילו כדי זיך צו באַטייליקן אין אַ משפּחה-שמחה – איז געווען כמעט אוממעגליך. די קאָמוניסטישע מאַכט-אָרגאַנען האָבן עס נישט דערלויבט. אַזאַ אַרויספאָר-דערלויבעניש איז געווען גאָר אַ זעלטענע זאַך אין סאָוועטן-פאַרבאַנד. כדי צו באַקומען אַזאַ דערלויבעניש האָט מען זיך געדאַרפט משתדל זיין במשך פון אַ יאָר צייט אין דעם ״אָווי״ר״-ביוראָ (דער ביוראָ וואָס איז פאַראַנטוואָרטליך פאַרן אַרויסגעבן אַרויספאָר-וויזעס). און נישט אַלעמאָל איז די השתדלות געקרוינט געוואָרן מיט הצלחה.

אַזוי אַרום, אַז ס׳איז נישט געקומען אין באַטראַכט איך זאָל קענען קומען קיין אַמעריקע זיך משתתף צו זיין אין מיין טאָכטערס חתונה.

### דער רבי איז נישט מסכים איך זאָל פאַרלאָזן רוסלאַנד אפילו אויף אַ קורצע ווײַלע

אַ יאָר-צוויי שפּעטער האָב איך אַוועקגעשריבן אַ בריוו צו מיין איידעם, אַז איך וויל קומען אויף אַ באַזוך אין אַמעריקע כדי זיך צו באַקענען מיט אים. איך האָב דאָך מיין איידעם אינגאַנצן נישט געקענט פון פריער.

מיין איידעם האָט, פאַרשטייט זיך, וועגן דעם אָנגעפרעגט ביים

רביין, און דער רבי האָט אים געענטפערט, אַז ער איז נישט מסכים איך זאָל פאַרלאָזן רוסלאַנד אפילו אויף אַ גאָר קורצע ווײַלע. דעם רבינ׳ס טעם אויף דעם איז געווען: היות אַז אין גאַנץ מאָסקווע און אומגעגנט זענען פאַרבליבן בלויז געציילטע אידן וואָס זענען שוחטים א.ד.גל. – דעריבער ווי אַזוי קען איך פאַרלאָזן די דאָרטיקע אידן אפילו אויף אַ גאָר קורצע ווײַלע, און ווי אַזוי קען איך פאַרקוקן – אפילו אויף אַ גאָר קורצע ווײַלע – דעם גאָר גרויסן זכות וואָס איך האָב צו זיין דאָרט שוחט און דאָס גלייכן. (לכאורה, דעם רביןס כוונה מיט די ווערטער ״און דאס גלייכן״ (וואס איז צוויי מאל דערמאנט געווארן אין דעם רביניס ענטפער) איז אויך בנוגע דעם ענין המילה...)




אַ צעטל וואָס דער סעקרעטאַר פון רביין, **הרב דר. ניסן מינדעל** ע״ה, האָט געשריבן צו **ר׳ יונה איידעלקאָפּ** וועגן איבערגעבן מיר אַ בריוו פון רביין: ״**כשישלח לו המכתב, בל יזכיר מפורש שם המשלח. כי אם בשם הידוע ורגיל בפי אנ״ש, דער טאַטע אָדער דער זיידע. ויודיע לפה האדריסה שלו**״.

אַ פרייע איבערזעצונג: ״**ווען ער [ר׳ יונה איידלקאָפּ] וועט אים שיקן דעם בריוו [פון רביין], זאָל ער נישט דערמאָנען בפירוש דעם נאָמען פון דעם שיקער [דאָס הייסט, דער רבי], מער נישט ווי אין דעם באַוואוסטן נאָמען וואָס איז געוואוינט ביי אנ״ש, ׳דער טאַטע׳ אָדער ׳דער זיידע׳. און ער זאָל לאָזן וויסן אַהער [צום סעקרעטאַריאַט פון רביין] זיין אַדרעס**״.

פאָלגענד איז דער פינקטליכער נוסח פון דעם ענטפער וואָס מיין איידעם האָט באַקומען פון רביין:

**״<u>בכל העיר וסביבותיה</u> נשארו רק מתי מספר ביותר כשוחט וכיו״ב – ואיך זה יעזבם אפילו לזמן קצר ביותר? ואיך זה ידלג – אפילו לזמן קצר ביותר – לא להביא בפועל הזכות <u>הכי גדול</u> שיש לו להיות שם שוחט וכו׳?״.**

[פרייע איבערזעצונג: **אין דער גאַנצער שטאָט און אין די אַרומיקע שטעט** זענען פאַרבליבן מערניט ווי געציילטע וואָס דינען אַלס שוחט א.ד.ג. – איז ווי אַזוי דען וועט ער זיי פאַרלאָזן

אפילו אויף אַ גאָר קורצע צייט? און ווי אַזוי וועט ער "איבערשפּרינגען" [דורכלאָזן די געלעגנהייט] – אפילו אויף אַ גאָר קורצע צייט – נישט צו ברענגען בפועל דעם **גאָר גרויסן** זכות וואָס ער האָט אויף צו זיין דאָרט אַ שוחט און דאָס גלייכן?].



**ביי אַ פאַרברענגען מיט ר' אברהם געטשע**

**תשל"ג – מיין טאָכטערס חתונה**

# פינפטער טייל

– פרק עה –

## תשמ״ז – איך גרייט זיך צו פאָרן צום רבי'ן אויף ר״ה תשמ״ח

צוביסלעך איז דער מצב אין סאָוועטן-פאַרבאַנד געוואָרן לייכטער, און מענטשן האָבן אָנגעהויבן אַרויסצופאָרן. דעריבער האָב איך זיך באַטראַכט, אַז עס איז געקומען די צייט צו פאָרן באַזוכן דעם רבי'ן. דאָס איז געווען אין יאָר תשמ״ז.

### ״אַז דער אויבערשטער וועט געבן געזונט און לעבן, וועלן מיר פאָרן צום רבי'ן״...

אין יענעם יאָר, תשמ״ז, האָט אין מאָסקווע באַזוכט אין שליחות פון רבי'ן **ר' משה קליין** שי', אַ סופר סת״ם און מוהל פון דער ליובאַוויטשער שכונה קראַון-הייטס.

עס איז דעמאָלט פאָרגעקומען אַ חסידישע פאַרברענגען, ביי וועלכער עס האָט זיך, צווישן אַנדערן, באַטייליקט אויך הרב החסיד **ר'**



**ביי אַ פאַרברענגען מיט ר' משה קליין**

**אברהם געטשע**. ביי דער דאָזיקער פאַרברענגען האָט הרב משה קליין אַוועקגעשטעלט אַ טעיפּ-רעקאָרדער און געבעטן יעדן פון די באַטייליקטע ביי דער פאַרברענגען, אַריינצוזאָגן עפּעס אין טעיפּ.

בעת עס איז געקומען מיין ריי אַריינצורעדן אין דעם טעיפּ, האָב איך דערציילט די באַוואוסטע מעשה (וועלכע איך האָב געהערט פון זקני התמימים), אַז בעת די חסידים אין רוסלאַנד האָבן זיך געזעגנט מיט **מוהר״ר מנחם מענדל מוויטעבסק** (ר׳ מענדעלע האָראָדאָקער) פאַר זיין עולה-זיין קיין ארץ-ישראל – האָבן זיי געזונגען אַ ניגון מיט די פאָלגענדע ווערטער (וועלכן איך האָב אַריינגעזונגען אין דעם טעיפּ): ״**אַז דער אויבערשטער וועט געבן געזונט און לעבן, וועלן מיר פאָרן צום רבי׳ן**״...

צוריקקומענדיק קיין ניו-יאָרק האָט ר׳ משה קליין איבערגעגעבן דעם רבי׳ן אַ דו״ח (און אַ טעיפּ) וועגן זיין באַזוך אין מאָסקווע, און וואונדער איבער וואונדער – טאַקע ביים ענדע פון דעם יאָר האָט זיך מיר איינגעגעבן צו באַקומען די לאַנג-דערוואַרטעטע דערלויבעניש צו פאָרן באַזוכן דעם רבי׳ן.

## איך לערן-אויס משה תמרין די אומנות הזביחה והמילה

גלייך ווי איך האָב אָנגעפאַנגען פלאַנירן צו פאָרן צום רבי׳ן, האָב איך גענומען אויסלערנען **משה תמרין** ווי אַזוי צו שחט׳ן עופות. ער איז אויך מיטגעגאַנגען מיט מיר אויף ברית׳ן און זיך אויסגעלערנט ווי אַזוי צו מאַכן ברית-מילה׳ס. אַזוי אַרום האָב איך געמאַכט זיכער (אין איינקלאַנג מיט דעם רבינ׳ס אָנווייזונג), אַז די מאָסקווער אידישע קהילה זאָל נישט בלייבן אָן קיין שוחט און מוהל בעת מיין אָפּוועזנהייט.

[אגב, שוין מיט אַ צייט פריער האָב איך זיך געהאַט געוואָנדן צו מיינע בעלי-בתים, די ראשי הקהל פון דער מאָסקווער אידישער קהילה, אַז זיי זאָלן זעען געפינען איינעם וועמען איך זאָל קענען איבערגעבן מיין אַרבעט, וואָרום איך וויל אַוועקפאָרן. ס׳האָט אָבער גאָרנישט געהאָלפן].

## איך קום צופאָרן צום רבי׳ן!

נאָך אַלע הכנות, בין איך אָנפאַנג חודש אלול תשמ״ז אָפּגעפלויגן פון מאָסקווע, אויפן וועג קיין ניו-יאָרק, און נאָך אַן אָפּשטעל פון

עטלכע שעה אין קאַנאַדע, בין איך בשעה טובה ומוצלחת אָנגעקומען אויפן לופט-פעלד פון ניו-יאָרק.

פון דאָרטן בין איך גלייך אָפּגעפאָרן צו קראון-הייטס, צום רבי'ן.

– פרק עו –

## חודש תשרי תשמ״ח ביים רבי׳ן

ווי באַוואוסט, איז חודש תשרי תשמ״ח געווען גאָר אַ געהויבענער חודש ביים רבי׳ן – צוליב דעם וואָס דער דאָזיקער יאָר האָט זיך אויסגעצייכנט דערמיט וואָס דאָס איז געווען אַ **״הקהל״-יאָר** און איז פּראָקלאַמירט געוואָרן ביים רבי׳ן אַלס **שנת ״תִּשְׂמַח״ ו״תְּשַׂמַּח״**.

פאַרשטייט זיך, אַז אין די קומענדע פּרקים בין איך נישט אויסן צו באַשרייבן אין אַלגעמיין וועגן די געהויבענע און פריילעכע מאָמענטן פון חודש תשרי תשמ״ח ביים רבי׳ן[77]; מערנישט ווי ברענגען עטלעכע אינטערעסאַנטע עפּיזאָדן וואָס האָבן געהאַט אַ דירעקטע שייכות צו מיר.

* * *

### איך בין עולה-לתורה ראש-השנה ביים רבינ׳ס מנין

ליל ראש-השנה איז צו מיר צוגעקומען **ר׳ יהושע פינסאָן**, דער גבאי פון ״*770*״, און מיר מודיע געווען, אַז מאָרגן, דעם ערשטן טאָג ראש-השנה, וועט מען מיך אויפרופן צו אַן עלי׳ ביים רבינ׳ס מנין. היות אָבער ווי אין רבינ׳ס שול אין אַלגעמיין, און ספּעציעל אַרום דער בימת הקריאה, הערשט ראש-השנה אַ גאָר שטאַרקע שטופּעניש (אין צוזאַמענהאַנג מיט די תקיעות פון רבי׳ן), אַזוי אַז עס וועט זיין אוממעגלעך צו געפינען מיר ווען מיין עלי׳ וועט קומען, און עס וועט אויך זיין אוממעגליך פאַר מיר צוצוקומען צו דער בימה בעת מען וועט מיך אויסרופן – דעריבער איז ער מיר מציע, איך זאָל אַרויפגיין אויף דער בימה שוין פאַרן אָנפאַנג פון קריאת-התורה, און דאָרט פאַרבלייבן ביז מען וועט מיך אויפרופן.

---

77) וועגן דעם קענען די חשוב׳ע לייענער געפינען פיל איינצלהייטן אין דעם ספר **״יומן שנת ׳הקהל׳ תשמ״ח בבית חיינו״** (קראון-הייטס, תשרי תשמ״ט).

פאַרשטייט זיך, אַז דאָס איז פאַר מיר געווען אַן אָנגענעמער סורפּרייז: איין קלייניקייט – אַן עליי׳ אין דעם רבינ׳ס מנין, און נאָך אום ראש-השנה!

וכך הוה, אויף מאָרגן בין איך שוין געשטאַנען אויף דער בימה פון אָנפאַנג פון קריאת-התורה, און מען האָט מיך מכבד געווען מיט אַן עליי׳.

## איך בלייב אויף דער בימה צו דעם רבינ׳ס תקיעות

זייענדיק שוין אויף דער בימה האָב איך באַשלאָסן, אַז איך וועל פון דאָרט נישט אַוועקגיין, און פאַרבלייבן דאָרט אויך פאַר דעם רבינ׳ס מפטיר, און דערנאָך קענען זיך צוקוקן פון דער נאָענט ווי אַזוי דער רבי פראַוועט די הכנות צו תקיעת-שופר; הערן פון דער נאָענט דאָס זאָגן פון די פסוקים דורך דעם רבי׳ן און אַזוי אויך הערן פון דער נאָענט תקיעת-שופר פון רבי׳ן!

ווי נאָר דער רבי איז אַרויפגעקומען אויף דער בימה צו מפטיר – זענען נאָך אים אַרויף אויף דער בימה נאָך פיל ״מיוחסים״, אַזוי אַרום אַז ס׳איז דאָרט געוואָרן אַ שטאַרקע ענגשאַפט. איך האָב אָבער באַשלאָסן, אַז יהי מה, איך בלייב דאָרט פאַר די תקיעות.

וכך הוה, איך האָב געזעען און געהערט פון דער נאָענט די תקיעות פון רבי׳ן.

## איך זיץ אויף דעם רבינ׳ס פאַרברענגען-בימה

גלייך אָנקומענדיק קיין ״770״, האָב איך דאָרט באַגעגנט **ר׳ אברהם יעקב לעוויטין** ע״ה – אַ זון פון הרב החסיד **ר׳ שמואל לעוויטין** (ר׳ שמואל כותאַיסער) ע״ה – וועלכער האָט מיך געקענט נאָך פון מיינע יוגנט-יאָרן, ווען איך בין געווען אין קיעוו.



הרה״ח ר׳ אברהם יעקב לעוויטין ע״ה

נאָך אונזער וואַרים באַגריסן זיך, האָט ער מיר פאָרגעשלאָגן, אַז אַזוי ווי זיין אָרט ביים פאַרברענגען איז אויף דעם רבינ׳ס פאַרברענגען-בימה, הינטער דעם רבי׳ן – וועט ער זען צו מאַכן דאָרט אַן אָרט אויך פאַר מיר, כדי איך זאָל קענען זעען און הערן

דעם רבינ׳ס פאַרברענגען פון דער נאָענט.

פאַרשטייט זיך, אַז איך האָבן גערן אָנגענומען זיין אָנבאָט, און אים דערפאַר האַרציק באַדאַנקט.

און טאַקע באַלד ביים ערשטן שבת׳דיקן פאַרברענגען זינט מיין אָנקומען צום רבי׳ן, האָב איך זיך דורכגעשטופּט צום אויבן-אָן און זיך דאָרט געזעצט הינטערן רבי׳ן.

## דער רבי גיט מיר אַ שטיקל מזונות ביים פאַרברענגען פון שבת שובה

שבת שובה תשמ״ח איז אויסגעפאַלן אויף מאָרגן נאָך ראש-השנה, ג׳ תשרי. אַזוי אַרום אַז אין דעם שבת זענען פאָרגעקומען צוויי פאַרברענגענס: איינע שבת בייטאָג – די שבת-שובה פאַרברענגען, און די צווייטע – שבת אין אָוונט. די צווייטע פאַרברענגען – וועלכע איז געקומען בהמשך צו ראש-השנה – האָט זיך אָנגעפאַנגען פאַר שקיעה און זיך אַריינגעצויגן אין דער נאַכט.

גלייך אין אָנפאַנג פון דער ערשטער פאַרברענגען, שבת בייטאָג, האָט דער רבי גענומען אין זיין הייליקער האַנט אַ שטיקל מזונות און זיך אַרומגעדרייט צו מיין ריכטונג. די אַרומיקע האָבן מיר גלייך אויפמערקזאַם געמאַכט, אַז דער רבי מיינט מיך. איך בין טאַקע באַלד צוגעגאַנגען צום רבי׳ן און דער רבי האָט מיך מכבד געווען מיט אַ שטיקל מזונות.

צו אַזאַ קירוב פון רבי׳ן האָב איך זיך כלל נישט גערעכנט!

אויף מיין אָנפראַגע ביי מיינע פריינט וואָס איך זאָל טאָן מיט דעם דאָזיקן מזונות – האָבן זיי מיך אויפגעקלערט, אַז איך קען אַ טייל פון דעם צערייבן אויף ברעקלעך און נוצן עס פאַר פיל אַנדערע מזונות׳ן וואָס איך וועל באַקן.

ביים שלוס פון דעם צווייטן פאַרברענגען, האָט דער רבי געבענטשט אויף אַ כוס. דערנאָך האָט מען געדאַוונט מעריב. נאָך מעריב האָט דער רבי געמאַכט הבדלה, און נאָך הבדלה האָט דער רבי פאַנאַנדערגעטיילט צום עולם ״כוס של ברכה״.

– פרק עז –

# איך באַקום ד׳ מינים פון רבי׳ן

## די חלוקה פון ד׳ מינים דורכן רבי׳ן ערב סוכות

ווי באַוואוסט, פירט זיך דער רבי יעדן יאָר ערב סוכות אויסצוטיילן ד׳ מינים צו פאַרשידענע מענטשן, צווישן זיי זקני און חשובי אנ״ש; רבנים-אורחים; הויפּט-שלוחים און אַזעלכע וואָס האָבן זוכה-געווען בגורל צו קומען צופאָרן צום רבי׳ן.

אַ טייל פון די אויבנדערמאָנטע מיוחסים באַקומען פון רבי׳ן סיי אַ לולב, סיי אַן אתרוג און סיי הדסים. אַנדערע ווידער באַקומען בלויז הדסים.

כדי אַז די חלוקה זאָל אָנגיין מיט אַ סדר, ווערט פון דעם רבינ׳ס ״מזכירות״ צוגעגרייט – לויט דער הוראה פון דעם רבי׳ן במשך פון די יאָרן – אַ ליסטע אין וועלכע עס זענען אויסגערעכנט די נעמען פון די מענטשן וועלכע דאַרפן באַקומען פון רבי׳ן די ד׳ מינים, און אויך – פּינקטלעך וועלכע פון די מינים יעדערער פון זיי דאַרף באַקומען.

פאַרשטייט זיך, אַז די דאָזיקע רשימה בייט זיך פון יאָר צו יאָר – אַלץ לויט דער פּינקטליכער אָנווייזונג פון רבי׳ן. אָפטמאָל טרעפט אפילו, אַז דער רבי אַליין, בכתב יד קדשו, לייגט-צו צו דער רשימה נעמען פון מענטשן וועמען ער וויל געבן ד׳ מינים.

רוב פון די מענטשן וואָס דערשיינען אויף דער רשימה צו באַקומען די ד׳ מינים פון רבי׳ן, ווייסן שוין וועגן דעם פון פריער – אָדער צוליב דעם וואָס זיי זענען שוין געווען אויף דער ליסטע אין די פריערדיקע יאָרן, אָדער דורך דעם וואָס מען האָט זיי באַצייטנס וועגן דעם געמאָלדן פון דעם רבינ׳ס ״מזכירות״.

די דאָזיקע מובחרים בעם גייען אַריין, מיט אַ סדר, אין ״גן עדן התחתון״, וואו עס איז שוין פון פריער אָנגעגרייט אויף אַ טיש סיי אתרוגים, סיי לולבים און סיי הדסים, און יעדערער פון זיי נעמט וואָס ער דאַרף נעמען. ביי דער חלוקה איז אָנוועזנד דער רבי, וועלכער קוקט זיך צו ווי אַזוי יעדערער נעמט זיינע ד׳ מינים, און אָפטמאָל ווינטשט דער רבי זיי אָן אַ ברכה.

דאָס זעלבע איז, פאַרשטייט זיך, פאָרגעקומען אויך ערב חג

הסוכות תשמ״ח – דאָס יאָר וואָס איך האָב זוכה-געווען צו פאַרברענגען חודש תשרי ביים רבי׳ן.

### איך באַקום פון רבי׳ן אַ לולב, אַן אתרוג און 18 הדסים!

ערב סוכות הער איך ווי אַזוי מען רופט-אויס אין שול מיין פאַמיליע-נאָמען. אויף מיין אָנפראַגע וועגן וואָס עס האַנדלט זיך – האָט מען מיר מודיע געווען, אַז איך האָב זוכה-געווען צו זיין איינער פון די מיוחסים וואָס וועלן היי-יאָר באַקומען די ד׳ מינים פון רבי׳ן.

אין דער באַשטימטער צייט האָב איך זיך געשטעלט אין דער אָטשעריט (אין דער ריי) אינדרויסן פון ״גן עדן התחתון״, צוזאַמען מיט די אַלע אַנדערע וואָס האָבן זוכה-געווען אויסגעקליבן צו ווערן צו באַקומען די ד׳ מינים פון רבי׳ן.

נאָך אַ קורצע צייט, עפנט זיך אויף די טיר פון ״גן עדן התחתון״, און דעם רבי׳ןס מזכיר, **ר׳ יהודה ליב (לייבל) גראָנער** רופט מיך איך זאָל אַריינגיין אין ״גן עדן התחתון״.

אַריינגייענדיק אין ״גן עדן התחתון״, זע איך ווי אַזוי דער רבי שטייט ביים טיש פון די ד׳ מינים און קלייבט דאָרט הדסים. איך האָב געטראַכט, אַז זיכער קלייבט איצט דער רבי הדסים פאַר זיך זעלבסט, און דעריבער וועל איך צוואוואַרטן אַ ווײַלע.

אָבער דאָ פלוצלונג נעמט דער רבי דעם גאַנצן פעקל הדסים וואָס ער האָט געקליבן און גיט עס מיר אַוועק. ערשט איצט האָב איך פאַרשטאַנען, אַז דער רבי האָט געקליבן די הדסים ספעציעל פאַר מיר.

אויסער די הדסים, האָט מיר דער רבי אויך געגעבן אַן אתרוג מיט אַ לולב.

ווען איך האָב, שפּעטער, איבערגעציילט די הדסים – האָב איך איינגעזעען, אַז דער רבי האָט מיר געגעבן **אַכצן הדסים**!

### איך ווינטש דעם רבי׳ן ער זאָל האָבן נחת פון די חסידים

שטייענדיק נעבן רבי׳ן – כאָטש איך בין געווען שטאַרק צעטראָגן פון די וואַרימע קירובים וואָס איך באַקום פון רבי׳ן – האָב איך אָנגעוואונטשן דעם רבי׳ן בזה הלשון: **דער אויבערשטער זאָל העלפן, איר זאָלט האָבן נחת פון די חסידים!**

אָנווייזנדיק מיט זיין הייליקער האַנט אויף זיך אַליין – זאָגט צו

**איך באַקום ד׳ מינים פון רבי׳ן**

מיר דער רבי (בלשון שאלה): **און נחת פון מיר**?! – מיינענדיק דערמיט, אַז די חסידים זאָלן האָבן נחת פון דעם רבי'ן.

איך האָב דעם רבי'ן אויף דעם געענטפערט: נחת פון אייך?! **אַז איר וועט זיין געזונט – וועט עס זיין דער בעסטער נחת פאַר די חסידים!**

דערנאָך זאָג איך דעם רבי'ן: בעת מיר זאָגן אין דעם רבינ'ס קאַפּיטל (פ"ו) "**עשה עמי אות לטובה ויראו שונאי ויבושו**" – זענען מיר מכוין אויף... (און איך האָב אָנגעגעבן דעם רבי'ן דעם נאָמען פון איינעם פון די גאָר שטאַרקע מנגדים און לוחמים קעגן חב"ד און קעגן דעם רבי'ן).

דער רבי האָט געגעבן אַ שמייכל און געזאָגט: **וואָס דאַרף מען רעדן פון נישט-גוטע פריינט; מ'דאַרף רעדן פון גוטע פריינט!**

דערמיט האָט זיך פאַרענדיקט מיין געשפרעך מיטן רבי'ן, וואָרום מער האָב איך דעם רבי'ן נישט געקענט פאַרהאַלטן – עס זענען דאָך



**איך רייד מיט'ן רבי'ן בעת איך באקום די ד' מינים**

**איך באַקום ד' מינים פון רבי'ן**

געווען נאָך מענטשן וואָס האָבן געוואַרט אַריינצוגיין צום רבי׳ן צו באַקומען די ד׳ מינים.

**מען איז מיר מכבד מיט דאַווענען פאַרן עמוד ביים רבינ׳ס מנין די ערשטע נאַכט סוכות**

סוכות פאַרנאַכט קומט צו מיר צו דער גבאי פון ״770״, ר׳ יהושע פינסאָן, און איז מיר מכבד מיט דאַווענען היינט ביינאַכט, די ערשטע נאַכט יום-טוב, פאַרן עמוד אין דעם רבינ׳ס מנין, אין דער גרויסער שול.

איך האָב טאַקע אָנגענומען דעם כיבוד, און געדינט אַלס חזן די ערשטע נאַכט יום-טוב.

אגב, אַדאַנק מיין דאַווענען ביים עמוד, האָב איך אויך געהאַט אַ גוטן פלאַץ נעבן דער בימה פון רבי׳ן, און אַזוי אַרום האָב איך געקענט הערן בעסער די הייליקע שיחה פון דעם רבי׳ן, וועלכע ער זאָגט יעדע נאַכט פון סוכות נאָך מעריב.

– פרק עח –

## שמיני-עצרת און שמחת-תורה ביים רבינ׳ס הקפות

ווי באַוואוסט, איז בעת מען פלעגט צוגרייטן די שול פאַר דעם רבינ׳ס הקפות, פלעגט מען – אין די לעצטע יאָרן – צוגרייטן אַ ספעציעלן פלאַץ – אין דעם מזרח-דרום׳דיקן ווינקל פון שול, צווישן דער דרום׳דיקער וואַנט מיט דעם רבינ׳ס בימה פון הקפות – וועלכער איז געווען באַשטימט בלויז פאַר די עלטערע אידן, כדי זיי זאָלן פון דאָרט קענען זעען ווי אַזוי דער רבי פירט-אָן מיט די הקפות פון זיין בימה, און נישט דאַרפן זיך מסכן-זיין דורך שטופן זיך צווישן די יונגע.

**מיין פלאַץ ביי הקפות נעבן דעם רבינ׳ס בימה**

חול-המועד סוכות האָט מיר דער גבאי דערציילט וועגן דעם דאָזיקן אָרט, און מיך גע׳עצה׳ט, אַז איך זאָל ליל שמיני-עצרת קומען באַצייטנס אין שול, כדי צו קאָנען פאַרכאַפּן דאָרט אַן אָרט.

איך האָב זיך טאַקע משתדל געווען צו זיין פון די ערשטע עלטערע אורחים וואָס זענען געקומען ביינאַכט אין שול, און איך האָב אַריינגעשפּרונגען אין יענעם באַשטימטן פלאַץ. נו, ברוך השם.

צוביסלעך אָבער האָבן אָנגעהויבן אַריינצוקומען אין יענעם

באַשטימטן אָרט פאַר די עלטערע אידן, נאָך און נאָך אידן. און נישט בלויז עלטערע, נאָר אויך אינגערע! בקיצור, אין אַ קורצער ווײַלע איז דאָרט געוואָרן אַזוי געפּאַקט – אַז מ׳איז דאָרט געשטאַנען ווי הערינג אין אַ פעסל.

אַזוי איז אַדורך דאָס זאָגן דריי מאָל די פּסוקים פון ״אתה הראת״ און מען האָט זיך גענומען גרייטן צו דער ערשטער ״הקפה״.

**מען איז מיר מכבד מיט אַ ספר-תורה ביי דער ערשטער הקפה**

מיטאַמאָל גייט-צו **הרב יהודה ליב (לייבל) גראָנער** צום ווינקל וואו עס שטייען די עלטערע אורחים און קוקט און קוקט, ביז ער געפינט מיך, און ווינקט מיר מיטן פינגער, איז זאָל אַרויפקומען אויף דער בימה. מען וויל מיך מכבד-זיין מיט אַ ספר-תורה צו דער ערשטער הקפה!

היות עס איז דאָרט געווען אַזוי געקוועטשט – האָב איך, זעלבסט-פאַרשטענדליך, אַליין נישט געקענט אַרויסקריכן פון מיין אָרט און אַרויפקריכן אויף דער בימה. עס זענען מיר געקומען צו הילף די יונגעלייט פון ״ועד המסדר״ וועלכן האָבן מיך ״אַריבערגעוואָרפן״ אין דער הויך.

דאָרט האָט מען מיר מכבד געווען מיט אַ קליינע ספר-תורה, און



**איך באקום וויין פון דעם רבינ׳ס ״כוס של ברכה״ מוצאי שמחת תורה**

**שמיני-עצרת און שמחת-תורה ביים רבינ׳ס הקפות**

צוזאַמען מיט די אַנדערע זקני און חשובי אנ״ש וואָס זענען מכובד געוואָרן מיט אַ ספר-תורה ביי דער ערשטער הקפה, האָב איך גענומען נאָכגיין דעם רבי׳ן צום הקפות-פּלאַץ.

פאַרשטייט זיך, אַז וואָס נעענטער צום פּלאַץ וואו דער רבי גייט אָפּריכטן די ערשטע הקפה – אַלץ שטאַרקער איז געוואָרן די שטופּעניש. אָבער ווי עס איז האָבן מיר זיך געשטופּט און נאָכגעגאַנגען דעם רבי׳ן.

אָנקומענדיק אָבער נעענטער צום הקפות-פּלאַץ – האָט אונז דאָרט אַ מיטגליד פון ״ועד המסדר״ אָפּגעשטעלט און ווייטער נישט געלאָזט גיין. ווייטער גייט נאָך דער רבי אַליין.

נו, וואָס קען איך דען טאָן? צוריקגיין צו מיין פּלאַץ איז דאָך איצט אוממעגליך! ובכן בין איך געבליבן שטייט דאָ ביז סוף פון דער הקפה, ווען יעדערער גייט זיך צוריק צו זיין פּלאַץ.

צוריקקומענדיק צו מיין הקפות-פּלאַץ האָב איך אַ טאַפּ-געטאָן מיינע ביינער, צו זעען צי אַלץ איז ביי מיר גאַנץ: מיינע הענט, מיינע פיס א.ד.גל. – נו, איך בין, ברוך השם, אַרויס אַ גאַנצער!

נו, אַזוי האָב איך פאַרבראַכט אַ גאָר פריילעכן שמיני-עצרת און שמחת-תורהביים רבי׳ן.

– פרק עט –

## איך געזעגן זיך מיטן רבי'ן

אויף מאָרגן נאָך שבת בראשית (וואָס איז היי-יאָר אויסגעפאַלן "אסרו חג") האָב איך זיך געגרייט צו געזעגענען מיטן רבי'ן. [צו וואַרטן אויף דער "יחידות" כללית פאַר די אורחים, וואָס האָט געזאָלט פאָרקומען אויף מאָרגן, מאָנטאָג ביינאַכט – האָב איך נישט געקענט, וואָרום מיין רייזע צוריק איז געווען באַשטימט אויף מאָנטאָג נאָכמיטאָג].

פון "מזכירות" פון רבי'ן האָט מיר מודיע געווען, אַז כדי צו געזעגענען זיך מיטן רבי'ן, זאָל איך אָפּוואַרטן דעם רבי'ן אין "גן עדן התחתון", ביים אַריינגאַנג צו זיין הייליקן צימער, און בעת דער רבי וועט צוריקקומען פון דאַווענען, איידער ער וועט אַריינגיין אין צימער, זאָל איך אים מודיע זיין, אַז איך האַלט ביים אַוועקפאָרן.

איך האָב טאַקע אָפּגעוואַרט דאָרט דעם רבי'ן, און בעת דער רבי איז אַריינגעקומען אין "גן עדן התחתון" (אין דער באַגלייטונג פון **הרב יהודה ליב (לייבל) גראָנער**), האָב איך אים מודיע געווען, אַז איך פאָר מאָרגן צוריק קיין מאָסקווע.

### דער רבי גיט מיר אַ פלעשל משקה און 36 דאָלאַר!

דער רבי האָט מיר געגעבן אַ פלעשל משקה מיטצונעמען מיט זיך קיין מאָסקווע. דאַן האָט דער רבי מיר געזאָגט, אַז איך זאָל שפּעטער אַריינגיין אין "מזכירות" און דאָרט וועל איך באַקומען 36 דאָלאַר, אויף צו פאַנאַנדערטיילן צוריקקומענדיק קיין מאָסקווע צו די דאָרטיקע אידן.

דער רבי האָט צוגעגעבן, אַז אָנקומענדיק קיין מאָסקווע זאָל איך די דאָזיקע דאָלאַרן לעגאַל אויסבייטן אויף רוסישע וואַלוטע, און די אויסגעביטענע רוסישע געלט זאָל איך דאָרט פאַרטיילן.

איך האָב געפּרואווט זאָגן דעם רבי'ן, אַז היות די רוסישע בענק גיבן כמעט גאָרנישט פאַרן אַמעריקאַנעם דאָלאַר (די אָפיציעלע ראַטע פון דעם אַמעריקאַנעם דאָלאַר אין רוסלאַנד איז דאַן געשטאַנען אויף בלויז 62 קאָפּקעס!) – דעריבער איז אפשר כדאי איך זאָל די דאָזיקע דאָלאַרן אויסבייטן אומלעגאַל...

**איך געזעגן זיך מיטן רבי'ן**

דער רבי האָט אָבער קאַטעגאָריש צוריקגעוויזן מיין פאָרשלאַג, און אומבאַדינגט געפאָדערט, איז זאָל די דאָלאַרן אויסבייטן בלויז אויפן לעגאַלן מאַרק, נישט געקוקט אויף דעם וויפל די אָפיציעלע ראַטע פון דעם דאָלער איז.

**דער רבי זאָגט מיר, איך זאָל איבערגעבן אין מאָסקווע, אַז "משיח גייט, און מ'זאָל זיך גרייטן צו זיין קומען"!**

דערנאָך האָב איך געזאָגט דעם רבין, אַז היות צוריקקומענדיק קיין מאָסקווע וועט מען דאָך ביי מיר זיכער פרעגן "וואָס האָט דער רבי געזאָגט?" – וויל איך דעריבער דער רבי זאָל מיר זאָגן וואָס זיי צו ענטפערן.

דער רבי האָט מיר אויף דערויף געענטפערט, אַז איך זאָל אויף דער דאָזיקער פראַגע ענטפערן, אַז דער רבי האָט געזאָגט, אַז "**משיח גייט, און מ'זאָל זיך גרייטן צו זיין קומען**!".

נאָכדעם האָב איך זיך געזעגנט מיטן רבי'ן; אַרויסגעגאַנגען פון "גן עדן התחתון" און אָנגעפאַנגען אַרויסצוגיין פון "770". אָבער נאָך איידער איך האָב באַוויזן אַראָפצוגיין די טרעפּ פון דרויסן פון "770", האָט מיר אָנגעיאָגט הרב גראָנער און מיר אָפּגעגעבן די 36 דאָלאַר וואָס דער רבי האָט געהייסן איך זאָל אָפּנעמען פון "מזכירות", און זיך געזעגנט מיט מיר.

**ברוקלינער אידן בעטן מיר מיטנעמען געלט א.ד.גל. פאַר זייערע קרובים אין מאָסקווע**

במשך פון דער צייט וואָס איך האָב פאַרבראַכט אין ניו-יאָרק (קרוב צוויי חדשים), האָבן פאַרשידענע מענטשן מיך געבעטן, אַז צוריק-פאָרנדיק קיין מאָסקווע זאָל איך זיי אַ טובה-טאָן און מיטנעמען מיט זיך געלט וואָס זיי ווילן איבערשיקן צו זייערע קרובים אין מאָסקווע.

היות אָבער, אַז אַריינצופירן דאָלאַרן קיין רוסלאַנד (און ספּעציעל נאָך אַ סך דאָלאַרן) איז אַ גרויסע ריזיקע, און טאָמער פאַקט מען עס ביי מיר, וועל איך זיין געצוואונגען עס אומצובייטן אויף דער אָפיציעלער רוסישער וואַלוטע-ראַטע (אַ זאַך וואָס וואָלט גורם געווען אַ גאָר גרויסן געלט-היזק) –

דעריבער האָב איך – ווי דער שטייגער איז אין ענליכע געלעגנהייטן – מיט די אַמעריקאַנער דאָלאַרן אָנגעקויפט מערערע עלעקטראָנישע

**איך געזעגן זיך מיטן רבי'ן**

און טעכנאָלאָגישע ווערט-זאַכן (ווי טעלעוויזיעס, פאָטאָ-אַפּאַראַטן א.ד.גל.), וועלכע איך וועל צוריקקומענדיק קיין מאָסקווע פאַרקויפן, און דאָס געלט פאַנאַנדערטיילן צו די צו וועמען מען האָט מיר געבעטן עס איבערגעבן.

– פרק פ –

## די נסיעה צוריק קיין מאָסקווע

נו, ברוך השם, איך קלייב זיך אין וועג אַריין.

מאָנטאָג נאָכמיטאָג בין איך אָפּגעפלויגן – מיט דער רוסישער לופט-ליניע "עראָפלאָט" – פון ניו-יאָרקער לופט-פעלד, און אויף מאָרגן, דינסטאָג האָט דער עראָפּלאַן געלאַנדעט אין פראַנקפורט, וואו ער האָט געזאָלט זיך אָפּהאַלטן עטלעכע שעה, און דערנאָך פאָרזעצן זיין רייזע קיין מאָסקווע.

### עראָפּלאַן פאַרהאַלט זיך אין פראַנקפורט צוליב שלעכטן וועטער

אָבער דאָ גייען-דורך דריי שעה, פיר שעה, פינף שעה – און דער עראָפּלאַן רוקט זיך נישט פון אָרט!

מיר האָבן אויסגעקליבן פון צווישן אונז איינעם אַן עלטערן פּאַסאַזשיר, וועלכער זאָל צוגיין צום אינפאָרמאַציע-ביוראָ אויסצוגעפינען פאַרוואָס דער עראָפּלאַן זעצט נישט פאָר זיין רייזע קיין מאָסקווע.

אונזער שליח איז צוריקגעקומען מיט דער אינפאָרמאַציע, אַז אין מאָסקווע איז זייער פאַרוואָלקנט, און עס איז אוממעגליך דאָרט צו לאַנדן, און דעריבער קען אונזער עראָפּלאַן נישט פאָרזעצן זיין רייזע קיין מאָסקווע.

### פּאַסאַזשירן נעכטיקן-איבער אין אַ האָטעל אין פראַנקפורט

אַז עס האָט גענומען צופאַלן די נאַכט און אונזער לופט-ליניע האָט איינגעזען, אַז מען וועט שוין היינט נישט קענען פאָרזעצן די רייזע קיין מאָסקווע – האָבן זיי אונז אַוועקגעפירט צו אַ האָטעל אין שטאָט, און אונז דאָרט איינגעאָרדנט איבערצונעכטיקן. אין האָטעל האָט מען אונז צוגעטיילט צימערן, יעדערן לויט זיין פאַרלאַנג – אָדער צוויי-פערזאָניקע צימערן (דאָס הייסט, פאַר אַ פּאָרפאָלק אָדער פאַר צוויי

יחידים וואָס זענען מסכים איבערצונעכטיקן צוזאַמען אין איין צימער), אָדער איין-פערזאָניקע צימערן (פאַר די וואָס ווילן איבערנעכטיקן ביחידות).

די רעפּרעזענטאַנטן פון אונזער לופט-ליניע האָבן מיט אונז אָפּגערעדט, אַז אויף מאָרגן, מיטוואָך, צען אַזייגער אינדערפרי, זאָלן מיר זיך ווידער צונויפקלייבן אין פראַנקפורטער לופט-פעלד, און דאַן וועט מען זען וואָס וועט זיין ווייטער.

אַזוי איז דורכגעגאַנגען די דינסטאָגדיקע נאַכט.

אויף מאָרגן צו דער באַשטימטער צייט, האָבן מיר זיך אומגעקערט פון האָטעל צום לופט-פעלד, זיך צו באַגעגענען דאָרט מיט די רעפּרעזענטאַנטן פון אונזער לופט-ליניע, כדי צו הערן פון זיי צי זיי האָבן פאַר אונז גוטע נייעס וועגן דער פאָרזעצונג פון אונזער רייזע קיין מאָסקווע.

אָבער צו אונזער באַדויערן האָבן זיי פאַר אונז נישט געהאַט קיין גוטע נייעס. זיי האָבן אונז געמאָלדן, אַז אין מאָסקווע איז נאָך אַלץ פאַרוואָלקנט, און דעריבער איז אוממעגליך דאָרט צו לאַנדן. אַזוי אַרום, אַז מיר קענען נישט פאָרזעצן אונזער רייזע קיין מאָסקווע.

### "לופטהאַנזאַ" איז גרייט צו פליען קיין מאָסקווע

מיטוואָך בייטאָג האָט מען אונז פּלוצלונג מודיע געווען, אַז די גערמאַנישע לופט-ליניע "לופטהאַנזאַ" איז גרייט צו פליען קיין מאָסקווע, און וועט דאָרט פּרובירן לאַנדן טראָץ דעם שלעכטן וועטער. אַזוי אַרום, אַז אויך מיר קענען צושטיין צו דער רייזע.

צופרידענע האָבן מיר אַלע אַרויפגעשטיגן אויף דעם עראָפּלאַן, און מיר זענען אין אַ מזל'דיקער שעה אָפּגעפלויגן פון פראַנקפורט אויפן וועג קיין מאָסקווע.

אַזוי זענען מיר געפלויגן בשלום, און אָט דערנענטערט זיך שוין אונזער עראָפּלאַן צו מאָסקווע און פאַנגט-אָן צו לאַנדן.

ווי דער שטייגער איז בעת אַן עראָפּלאַן לאַנדעט, האָבן די פּאַסאַזשירן אָנגעפאַנגען צו פּאַטשן מיט די הענט. איך האָב אָבער אַ זאָג-געטאָן צו די פּאַסאַזשירן וואָס זענען געזעצן נעבן מיר: פּאַטשט נאָך נישט! עס איז נאָך צו פרי צו פרייען זיך; מיר האָבן זיך נאָך נישט אַראָפּגעזעצט.

**די נסיעה צוריק קיין מאָסקווע**

**עראָפּלאַן באַשליסט אין לעצטער מינוט, אַז עס איז אוממעגלעך צו לאַנדן אין מאָסקווע און קערט זיך אום קיין פראַנקפורט!**

ווי עס האָט זיך באַלד אַרויסגעוויזן, בין איך לײדער געווען גערעכט. נאָכדעם ווי אונזער עראָפּלאַן האָט שוין געהאַלטן אינמיטן אַראָפּלאָזן זיך – האָט ער פּלוצלונג זיך ווידער געגעבן אַ הויב-אויף און אָנגעפאַנגען צו פליען צו די הויכן!

קורצליך האָבן מיר זיך צו אונזער באַדויערן דערוואוסט, אַז צוליב דעם שלעכטן וועטער אין מאָסקווע, נעמט נאָך מאָסקווע אַלץ נישט אָן קיין עראָפּלאַנען צו לאַנדן, און אַז די פּילאָטן פון אונזער לופט-ליניע האָבן מורא צו פּרובירן לאַנדן, כדי נישט איינצושטעלן אין געפאַר די לעבנס פון די פּאַסאַזשירן.

אַזוי אַרום אַז מיר קערן זיך אום צוריק קיין פראַנקפורט!

**איך האָב נישט געגעסן כשר׳ע עסן אויף דער פאַרלענגערטער רייזע**

דאָס פאַרלענגערן זיך פון דער רייזע קיין מאָסקווע איז פאַר מיר געווען גאָר אַ גרויסער פּראָבלעם – אַ סך מער ווי פאַר די אַנדערע – גוי׳אישע – פּאַסאַזשירן. וואָרום כאָטש אַז אויך זיי וואָלטן שוין גערן געוואָלט אָנקומען צוריק צו זייערע היימען און פאַמיליעס אין מאָסקווע – האָט זיי אָבער דערווייַלע דאָ, אין פראַנקפורט, גאָרנישט געפעלט: מען האָט זיי דאָ – אויפן חשבון פון אונזער לופט-ליניע – מכבד געווען מיט עסן און טרינקען א.ד.גל. אַזוי אַרום, אַז זיי זענען געווען לוסטיג און לעבעדיק, און עס האָט זיי כלל נישט געאַרט דאָס פאַרהאַלטן זיך אין וועג.

פאַר מיר אָבער האָט דאָס פאַרהאַלטן זיך אין וועג געשאַפן אַ גאָר שווערן פּראָבלעם. און דאָס – צוליב צוויי סיבות:

צום אַלעם ערשטן – דאָס פּראָבלעם פון כשר׳ע שפּייז. וואָרום עסן דעם שפּייז וואָס די לופט-ליניע האָט סערווירט פאַר אַלע פּאַסאַזשירן האָב איך נישט געקענט – דאָס איז דאָך געווען נישט-כשר (קיין כשר׳ע עסן ביי דער לופט-ליניע האָב איך דאָ נישט מצליח געווען צו באַקומען). און ווידער פון מיין טאָכטער׳ס היים אין ברוקלין האָב איך מיטגעבראַכט בלויז געווענליך שפּייז וויפל אַ מענטש דאַרף האָבן פאַר אַ רייזע פון צען שעה (אַביסל מזונות, קעז א.ד.גל.). וואָרום ווער האָט זיך דען געקענט ריכטן, אַז די רייזע וועט זיך אַזוי פאַרשלעפּן?!

**די נסיעה צוריק קיין מאָסקווע**

און צווייטנס – דאָס דערנענטערן זיך פון שבת! עס איז שוין איצט מיטוואָך שפּעט ביינאַכט. אָט גייט דאָנערשטאָג, און אָט איז שוין ערב שבת!

### מען מעלדעט אונז, אַז מיר וועלן פאָרזעצן אונזער רייזע ערשט פרייטאָג נאָך מיטאָג!

דאָנערשטאָג האָבן די רעפּרעזענטאַנטן פון אונזער לופט-ליניע אונז געמאָלדן, אַז מאָסקווע דערלויבט נאָך אַלץ נישט פאַר עראָפּלאַנען צו לאַנדן, און אַז מיר וועלן ערשט אָפּפליען אויף מאָרגן, פרייטאָג, צוויי אַזייגער בייטאָג.

דערהערנדיק דאָס, איז מיר געוואָרן ביטער אויפן האַרצן: ווי אַזוי קען איך דען אָפּפליען ערב שבת נאָך מיטאָג – דער עראָפּלאַן וועט דאָך אָנקומען קיין מאָסקווע ווען עס וועט שוין זיין שבת!

### עס איז מער נישטאָ קיין אָרט אין די האָטעלן – און מיר זענען געצוואונגען צו נעכטיקן אין לופט-פעלד

היות ווי יעדן טאָג האָבן געהאַלטן אין איין אָנקומען קיין פראַנקפורט נאָך עראָפּלאַנען וואָס האָבן צוליב דעם שלעכטן וועטער נישט געקענט פאָרזעצן זייער רייזע קיין מאָסקווע – האָבן זיך אַזוי אַרום די פראַנקפורטער האָטעלן נעבן דעם לופט-פעלד אָנגעפילט מיט פּאַסאַזשירן, ביז אַז ס'איז דאָרט מער נישט געווען קיין אָרט אויף צו איינקוואַרטירן נייע פּאַסאַזשירן.

פאַרשטייט זיך, אַז די האָטעל-צימערן אין וועלכע אונזער גרופּע האָט גענעכטיקט דינסטאָג ביינאַכט, האָבן מיר שוין מער נישט געקענט צוריק-באַקומען, וואָרום אינצווישן זענען זיי אָנגעפילט געוואָרן מיט נייע פּאַסאַזשירן.

ובכן האָט מען טאַקע דאָנערשטאָג נאָכמיטאָג געמאָלדן אונזער גרופּע, אַז היות ווי די האָטעלן זענען שוין איבערפילט, וועלן מיר מוזן בלייבן איבערנעכטיקן אין לופט-פעלד. די לופט-ליניע רעפּרעזענטאַנטן האָבן אונז אָנגעוויזן אויף די זיץ-פּלעצער אין לופט-פעלד און אונז געזאָגט: אָט דאָ, אויף די בענקלעך, וועט איר פאַרברענגען היינטיקע נאַכט, און מאָרגן וועט מען אָפּפליען קיין מאָסקווע!

## איך פרוביר – אָן הצלחה – באַקומען אַ פּלאַץ אין אַ האָטעל איבערצונעכטיקן

איך האָב באַשלאָסן זיך אָפּצושיידן פון מיין גרופּע, וואָרום איך האָב געטראַכט, אַז אפשר פאַר אונזער גאַנצער גרופּע איז טאַקע נישטאָ קיין פּלאַץ אין האָטעל – אָבער פאַר איין פּערזאָן וועט זיך אפשר יאָ געפינען אַ פּלאַץ, און אַזוי אַרום וועל איך קענען נעכטיקן אין אַ האָטעל.

אומר ועושה. איך בין טאַקע באַלד צוגעגאַנגען צום אינפאָרמאַציע-דעסק פון דער אַמעריקאַנער לופט-ליניע ״פּאַן-אַם״. אַזוי ווי ענגליש האָב איך דאָך נישט געקענט רעדן, האָב איך, ווי עס איז, אויף ״שטום-שפּראַך״ מצליח געווען אויפצוקלערן זיי, אַז איך האָב קאָפּ-שמערצן און אַז דעריבער נויטיק איך זיך אין אַ צימער וואו זיך צו לייגן שלאָפן.

איך האָב אָבער נישט מצליח געווען. די ״פּאַן-אַם״ רעפּרעזענטאַנטן האָבן מיר געענטפערט, אַז זיי קענען מיר נישט העלפן, און מיך צוריקגעשיקט צו די ״לופטהאַנזאַ״-רעפּרעזענטאַנטן, וועלכע האָבן מיר ווידעראַמאָל אָנגעוויזן אויף די זיץ-פּלעצער פון לופט-פעלד, אַז דאָ וועל איך דאַרפן פאַרברענגען די נאַכט.

[שפּעטער האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, אַז ״כל דעביד רחמנא לטב עביד״, אַז דאָס נישט באַקומען קיין צימער אין אַ האָטעל און דאָס פאַרבלייבן אין לופט-פעלד – איז גאָר געווען פאַר מיין טובה ווען].

## איך דאַווען מעריב מיט בכיות

צעבראָכן דערפון וואָס איך וועל דאַרפן בלייבן זיצן אַ גאַנצע נאַכט אויף אַ בענקל אין לופט-פעלד, און באַזונדערס פון דער מעגלעכקייט אַז מיין עראָפּלאַן וועט ערשט אָפּפליען קיין מאָסקווע אויף מאָרגן, ערב שבת נאָכמיטאָג – האָב איך זיך געשטעלט דאַווענען מעריב אין אַ ווינקל און איך האָב זיך שטאַרק צעוויינט.

אין מיין געוויין האָב איך זיך אויסגעטענה׳ט מיט אויבערשטן, זאָגנדיק צו אים: רבונו-של-עולם! אָט ערשט האָב איך זוכה-געווען צו אַזעלכע געהויבענע גילויים פון חודש תשרי ביים רבי׳ן, און דאָ בין איך אין גאַנצן נכשל צו ווערן ח״ו מיט חילול-שבת דורך אָנקומען אין מאָסקווע אום שבת?! היתכן?! השופט כל הארץ לא יעשה משפט?!

אַזוי האָב איך זיך גוט אויסגעוויינט, און נאָכן פאַרענדיקן מעריב

האָב איך זיך אַ פאַרזאָרגטער אַוועקגעזעצט אויף אַ בענקל.

## דער אויבערשטער הערט מיינע תפילות און איך ווער געהאָלפן

ווי עס ווייזט-אויס, זענען מיינע תפילות תיכף נתקבל געוואָרן ביים אויבערשטן, און דער אויבערשטער האָט אויף מיר רחמנות-געהאַט. נישט אומזיסט האָבן חז״ל געזאָגט, אַז ״שערי דמעה לא ננעלו״, אַז טרערן גייען נישט פאַרפאַלן.

פלוצלונג דערזעע איך, ווי איינע פון די פּאַסאַזשירן פון אונזער גרופּע לויפט ערגעץ-וואו. איך האָב זיך באַטראַכט, אַז מן הסתם לויפט זי נישט סתם אַזוי אומזיסט, נאָר זיכער לויפט זי דאָרט צוליב אַ סיבה. דעריבער האָב איך באַשלאָסן נאָכצולויפן איר.

און אַזוי זענען מיר אָנגעקומען צו אַ ווינקל וואו עס איז געשטאַנען אַ רעדל מיט אַ סך מענטשן. אויף מיין אָנפראַגע וואָס דאָ קומט פאָר, האָב איך זיך דערוואוסט, אַז דאָס איז אַ גרופּע פון חשוב׳ע מענטשן (מעגלעך ספּאָרטלער) וועלכע זענען דאָ געבליבן שטעקן אויף זייער וועג קיין מאָסקווע, און אַז מאָסקווע האָט אַרויסגעשיקט אַ ספּעציעלן עראָפּלאַן כדי זיי צו ברענגען פון פראַנקפורט קיין מאָסקווע. מען האָט מיר דערציילט, אַז אָט אָט קומט שוין צופליען זייער עראָפּלאַן און באַלד וועלן זיי טאַקע אָפּפאָרן קיין מאָסקווע.

## איך פלי קיין מאָסקווע מיט ספּעציעלן עראָפּלאַן

איך בין באַלד צוגעגאַנגען צום אינפאָרמאַציע-דעסק, זיך געוואָנדן צו די רעפּרעזענטאַנטן פון דער גרופּע, זיי דערקלערט מיין ספּעציעל שווערן מצב און זיך געבעטן זיי זאָלן מיך דערלויבן מיטצופליען מיט דער דאָזיקער גרופּע. איך האָב זיי אויך געגעבן צו פאַרשטיין, אַז איך בין דאָ געבליבן שטעקן אינגאַנצן אָן געלט (וואָרום ווי שוין אויבנדערמאָנט, איז דאָך נישט געווען כדאי מיטצונעמען מיט זיך אַמעריקאַנער דאָלאַרן, און רוסישע געלט וועט דאָך, זעלבסטפאַרשטענדלעך, קיינער פון מיר נישט וועלן נעמען).

אויסהערנדיק מיך, האָבן זיי איינגעשטימט מיר מיטצונעמען, אָבער מיט איין תנאי: זיי זענען נישט גרייט מיטצונעמען מיין באַגאַזש! דער באַגאַזש מיינער וועט דאַרפן געשיקט ווערן מיט מיין רעגולערער לופט-ליניע.

אויסער מיר זענען געווען נאָך פּאַסאַזשירן וואָס האָבן זיך געוואָלט

אַרויפכאַפּן אויף דעם דאָזיקן ספּעציעלן עראָפּלאַן. אָבער דערהערנדיק, אַז זיי ווילן זיך דאַרפן שיידן – כאָטש צייטווייליק –מיט זייער באַגאַזש, האָבן זיי מוותר געווען אויף דער נסיעה. מען דאַרף נישט פאַרגעסן, אַז רוב פּאַסאַזשירן האָבן מיט זיך מיטגעבערענגט פון אויסלאַנד עלעקטראָנישע און טעכנאָלאָגישע ווערט-זאַכן, אַזוי אַרום אַז די מענטשן האָבן זיך נישט געוואָלט שיידן מיט זייער באַגאַזש, מורא-האָבנדיק, אַז זייער באַגאַזש וועט פאַרלוירן גיין.

היות אָבער ווי מיין הויפּט דאגה איז דאָך געווען נישט אָנצוקומען ח״ו אין מאָסקווע אום שבת, און דאָס וואָס איך בין געווען הונגעריק, נישט האָבנדיק דאָ קיין כשר׳ע שפּייז – האָב איך דעריבער זיך אָנגעכאַפּט אויף זייער הצעה מיט ביידע האַנט.

און וואָס אָנבאַלאַנגט מיין באַגאַזש, האָב איך זיך פאַרלאָזן אויפן אויבערשטן, אַז אַזוי ווי ער האָט מיר געהאָלפן ביז איצט, וועט ער מיר זיכער אויך העלפן אויף ווייטער, אַז מיין באַגאַזש זאָל אָנקומען צו מיר גאַנצערהייט.

אַ צופרידענער בין איך אַרויפגעשטיגן אויף דעם עראָפּלאַן. קורצליך נאָכדעם זענען מיר אָפּגעפלויגן פון פראַנקפורט, און אין אַ מזל׳דיקער שעה זענען מיר אָנגעקומען קיין מאָסקווע פרייטאָג בייטאָג, אַזוי אַז איך האָב ברוך השם באַוויזן אָנצוקומען אַהיים באַצייטנס, פאַר שבת.

## אַלץ איז בהשגחה-פּרטית!

דורך דער גאַנצער אויבנדערמאָנטער פּאַסירונג האָב איך ווידער איינגעזען, ווי אַזוי דעם אויבערשטנ׳ס השגחה-פּרטית האָט מיך באַגלייט אויף טריט און שריט.

וואָרום שטעלט זיך פאַר וואָס וואָלט פּאַסירט, ווען מיינע בקשות צו באַקומען אַ צימער אין אַ האָטעל וואָלטן זיך ח״ו **יאָ** איינגעגעבן: מען וואָלט מיר טאַקע צוגעטיילט אַ צימער אין אַ האָטעל; איך וואָלט דאָרט אַוועק, זיך געלייגט שלאָפן און זיך גוט אויסגערוט, און אויף מאָרגן וואָלט איך זיך דערוואוסט, אַז במשך פון דער נאַכט איז אָפּגעפלויגן אַן עראָפּלאַן קיין מאָסקווע! – איך וואָלט דאָך דערפון געווען אַזוי צעבראָכן, אַז איך וואָלט זיך אַזש ח״ו געוואָלט דאָס לעבן נעמען.

**די נסיעה צוריק קיין מאָסקווע**

נו, ברוך השם, דער אויבערשטער ברוב רחמיו וחסדיו, וויסנדיק וואָס עס איז גוט פאַר מיר, האָט אַריינגעגעבן אין געדאַנק פון די גויים, אַז זיי זאָלן זיך **נישט** רחמנות-האָבן אויף מיר און זיך **נישט** צוהערן צו מיינע בקשות, און איך בין געבליבן זיצן ביינאַכט אין לופט-פעלד, אַזוי אַז עס האָט זיך מיר איינגעגעבן זיך אָנצושליסן אין דער ספעציעלער רייזע קיין מאָסקווע און אָנקומען דאָרט פאַר שבת.

## איך נעם-אָפּ מיין באַגאַזש מוצ״ש פון מאָסקוועער לופט-פעלד

מוצאי-שבת קודש האָב איך גענומען אַ טעקסי, און צוזאַמען מיט מיין שוואָגער זענען מיר צוגעפאָרן צום מאָסקוועער לופט-פעלד, אָפּצונעמען דאָרט מיין באַגאַזש.

און דער אויבערשטער האָט טאַקע געהאָלפן, אַז אַלץ איז אָנגעקומען בשלום און עס האָט גאָרנישט געפעלט פון מיין באַגאַזש.

## איך טייל-פאַנאַנדער דעם רבינ׳ס משקה און דעם רבינ׳ס דאָלאַרן

קורצליך נאָך מיין צוריקקערן זיך קיין מאָסקווע, האָב איך אויסגעביטן די 36 דאָלאַר וואָס דער רבי האָט מיר מיטגעגעבן פאַר מיין אַוועקפאָרן, און עס פאַנאַנדערגעטיילט צו די היגע יונגעלייט.

איך האָב אויך אויסגעטיילט דעם עולם פון די משקה וואָס דער רבי האָט מיר מיטגעגעבן פאַרן אַוועקפאָרן. אגב, די דאָזיקע משקה האָט מיר געסטייעט פאַר אַ לענגערע צייט, וואָרום איך האָב כסדר געהאַלטן אין איין צוגיסן נאָך משקה אין דעם רביניס פלעשל, ווי דער שטייגער איז.

צוביסלעך האָב איך אויך פאַרקויפט די עלעקטראָנישע און טעכנאָלאָגישע ווערט-זאַכן וואָס איך האָב מיט זיך מיטגעברענגט, און דאָס געלט פאַנאַנדערגעטיילט צו די צו וועמען מען האָט מיר געבעטן עס איבערגעבן.

– פרק פא –

# תשמ״ט – דער סאָוועטן-פאַרבאַנד צעברעקלט זיך

## אידן, כאַפּט אַריין מסירת נפש!

אין דעם פאַרברענגען פון **י״ט כסלו תרפ״ז** האָט דער פריערדיקער ליובאוויטער רבי, **כ״ק אדמו״ר ר׳ יוסף יצחק נ״ע**, געזאָגט, צווישן אַנדערן, דאָס פאָלגענדע (געדרוקט אין זיין ספר השיחות – תרפ״ז, ע׳ 121):

**״הזמן של מסירת נפש עובר וחולף, כי בקרוב ילמדו נערי ישראל בריש גלי.**

**אידן, כאַפּט אַריין מסירת נפש, כאַפּט. כי עובר והולך הזמן של מסירת נפש. עוד מעט ויבוא זמן של חופש גמור בעניני הדת, ואז תחפשו אופן דמסירת נפש ולא תמצאו. עוד מעט ויבוא זמן שתדברו במעלתו של מי שזכה ״לשבת״ (בבית האסורים) בגלל היותו מלמד, בגלל החזיקו חדר, ישיבה או מקוה טהרה, תתקנאו בהם ותצטערו על עצמכם שאתם לא זכיתם לכם...**

**אידן, כאַפּט אַריין מסירת נפש״.**

די אויבנדערמאָנטע שיחה האָט דער רבי מוהריי״צ געזאָגט אין אַ צייט ווען די קאָמוניסטן האָבן געהערשט אין סאָוועטן-פאַרבאַנד אַ שלטון ללא מיצרים, און זיי האָבן נישט דערלאָזט קיין שום ענינים פון אידישקייט.

אויף אַזוי ווייט איז געווען זייער הערשאַפט און קעגנערשאַפט צו אידישקייט, אַז בלויז אַ האַלבן יאָר נאָך דער דאָזיקער שיחה, איז דער רבי מוהריי״צ אַליין אַרעסטירט געוואָרן דורך דעם קאָמוניסטישן רעזשים, צוליב זיין ״חטא״ פון פאַרשפרייטן אידישקייט אין סאָוועטן-פאַרבאַנד, און עס האָט אים געדראָט טויט-שטראָף אָדער ״בלויז״ פאַרשיקט צו ווערן אויף צען יאָרן (אָדער לכל הפחות אויף דריי יאָר). מערנישט ווי בחסדי השם יתברך איז אים געלונגען באַפרייט צו ווערן פון זייערע רשעות׳דיקע הענט און שפּעטער – צו פאַרלאָזן דעם סאָוועטן-פאַרבאַנד.

אין אַזאַ שווערער צייט פאַר אידן און אידישקייט, ווען די קאָמוניסטן מיט זייערע אַרויסהעלפער, די ״יעווסעקציע״ ימ״ש, האָבן

זיך פאַרמאָסטן עוקר מן השרש צו זיין (״כלחוך השור״) אידן און אידישקייט אין אַלגעמיין, און באַזונדערס חב״ד, היל״ת – ווער האָט זיך דעמאָלט געקענט פאָרשטעלן, אַז עס וועט קומען אַ צייט ווען מען וועט אין דעם סאָוועטן-פאַרבאַנד מער נישט דאַרפן האָבן קיין מסירת-נפש אויף אידישקייט!

בלויז אַ רבי, אַ **נביא**, אויף וועמען עס שטייט ״**אנכי הרואה**״ – בלויז ער האָט געקענט פאָראויסזעען, אַז עס וועט קומען אַ צייט (מער ווי זעכציק יאָר שפּעטער), ווען אין דעם סאָוועטן-פאַרבאַנד, אין דעם ״אבי-אבות הטומאה״ – אין דעם דאָזיקן אָרט וועט ווידער הערשן פרייהייט פון רעליגיע און מען וועט קענען לערנען מיט אידישע קינדער בריש גלי!

זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל, אמן.

– פרק פב –

## תשנ״ג – איך פאַרלאָז רוסלאַנד און באַזעץ זיך אין אַמעריקע

### כ׳ שבט תשנ״ג – מיין פרוי איז נפטר געוואָרן

כ׳ שבט תשנ״ג איז נפטר געוואָרן מיין פרוי – בזיווג שני – **חי׳ שרה** ע״ה.

איך האָב תיכף מודיע געווען די מאָסקווער ראשי-הקהילה, אַז היות איך בין געבליבן אַן אלמן און איך האָב דאָ מער קיינעם נישט – דעריבער פלאַניר איך תיכף צו פאַרלאָזן רוסלאַנד, און דעריבער זאָלן זיי זעען צו געפינען איינעם וועמען איך זאָל קענען איבערגעבן מיין אַרבעט אַלס שוחט און מוהל, כדי איך זאָל קענען אַוועקפאָרן.

די אָנפירער פון דער מאָסקווער קהילה האָבן זיך טאַקע תיכף געוואָנדן צו דעם ״**דזשאָינט**״, וועלכער האָט טאַקע אַהערגעשיקט אַ פיינעם יונגערמאַן פון ארץ-ישראל, וואָס איז געווען סיי אַ שוחט און סיי אַ מוהל.

### דער רבי דערלויבט מיך צו פאַרלאָזן רוסלאַנד

באַלד ווי עס איז אָנגעקומען קיין מאָסקווע דער נייער שוחט און מוהל איבערצונעמען מיין אָרט – האָב איך תיכף אַוועקגעשריבן צום

רבי׳ן, אַז היות ווי איך בין געבליבן אַן אלמן, און איך בין שוין אויף די עלטערע יאָרן, און אויף די עלטערע יאָרן ווילט זיך זיין נעבן די קינדער וועלכע געפינען זיך אין ניו-יאָרק – דעריבער איז נפשי בשאלתי, דער רבי זאָל מיך דערלויבן צו פאַרלאָזן רוסאַלד און קומען זיך באַזעצן אין די פאַראייניקטע שטאַטן.

איך האָב זעלבסטפאַרשטענדלעך אויך מודיע געווען דעם רבי׳ן, אַז מען האָט שוין צוגעגרייט אימעצן ווער עס זאָל דאָ איבערנעמען מיין אַרבעט אַלס שוחט און מוהל.

איינער פון דעם רבינ׳ס סעקרעטאַרן האָט מיין בריוו פאָרגעלייענט פאַרן רבי׳ן – דאָס איז דאָך שוין געווען אַ יאָר נאָך כ״ז אדר-ראשון תשנ״ב – און דער רבי האָט צוגעשאָקלט מיט זיין קאָפּ אַז ער איז מסכים דערצו.

## איך באַזעץ זיך אין קראַון-הייטס

און אַזוי האָב איך, אין אַ מזל׳דיקער שעה, פאַרלאָזן דעם געוועזענעם סאָוועטן-פאַרבאַנד, און אין חודש אדר בין איך, בשעה טובה ומוצלחת, אָנגעקומען קיין אַמעריקע, וואו איך האָב זיך באַזעצט אין דעם רבינ׳ס שכונה, שכונת קראַון-הייטס, ״כאן צוה ה׳ את הברכה״.



מיט די באבאני, הומינער, חזקלביץ' און ליפשיץ אייניקלעד און אור-אייניקלעד



ביי דער בר-מצוה פון מיין אייניקל אלי מיט מיין איידים ר' שמחה ווינער



מיט מיינע אייניקלעך לוי יצחק ליפשיץ און לוי יצחק חזקלביץ׳



מיט מיינע אור-אייניקלעך מנחם מענדל און מאיר שלמה חזקלביץ׳ פון פילאַדעלפיא



ביי דער חתונה פון לוי יצחק ליפשיץ צו באַשי סעמיולס אין תשס״ד

Photo by: Alfred Savarani



מיט מיינע קינדער און אייניקלעך ביי דער  בר-מצוה פון מיין אייניקל שמעי׳ שיי׳ חזקלבי׳

ספר זה נדפס באדיבות
נכדתי **נחמה דינה** ובעלה **יצחק** שי' **הומינער**
בניהם, **מנחם מענדל ומשה דוד**
ובתם, **דבורה**
שיחיו

"רבונו-של-עולם, האָב רחמנות, ברענג מיר צו קבר ישראל!", – האָט אויסגעשריען אין ר' מאָטל'ס קאָפּ, בשעת ער האָט געזעען ווי מען לאָדנט אָן אויף דער באַן די טויטע קערפּער פון די טויזנטער אַרעסטירטע וואָס האָבן אויסגעהויכט זייער נשמה פון דער שווערער אַרבעט אין דעם פאַרפרוירענעם קאַלימען ווינטער. "די רשעים זאָלן מיט מיר ח"ו ניט מקיים-זיין וואָס עס שטייט אין תהלים "נתנו את נבלת עבדיך מאכל לעוף השמים בשר חסידיך לחיתו-ארץ" (ווי זיי טוען עס מיט די דאָזיקע מתים, אַרויסוואַרפנדיק זיי פאַר די חיות פון וואַלד)! איך טראַכט שוין נישט וועגן דורכלעבן דעם לאַגער און אויפשטעלן אַ משפחה, וועגן צוריקקומען צו מיין משפחה; וואָס לעבן? ווער משפחה? – כאָטש קומען צו קבר ישראל און ליגן צווישן אידן! איך טראַכט זיך: 'זאת היתה לי כי פיקודיך נצרתי'".

געבוירן געוואָרן ל' מנחם-אב תרע"ו (אויגוסט דעם 29טן, 1916), אין קיעוו, איז ר' מאָטל דער שוחט (**ברוך מרדכי ליפשיץ**) אויפגעצויגן געוואָרן און געלערנט פון די עלטערע ליובאַוויטשער חסידים באַהאַלטענערהייט, אין די "אונטערגרונט-חדרים" וואָס האָבן דעמאָלט עקזיסטירט אין קיעוו אונטער קאָמוניסטישן רעזשים. כ"א אדר תרצ"ט (מערץ דעם 12טן, 1939), גלייך נאָכדעם ווי דער 23 יאָריקער ר' מאָטל שליסט אַ שידוך, ווערט ער אַרעסטירט און "באַשולדיקט" מיט זאַמלען געלט פאַר משפחות פון אַרעסטאַנטן; פירן אַ קאַמפּעין, אַז אידן זאָלן זיך אַרויסדרייען פון דינען אין דער רוסישער אַרמיי; פאַר אָנהאַלטן אַ בריוון-קאָנטאַקט מיט אַן "אַגענט פון פוילישער געהיים-פּאָליציי – שניאורסאָהן" [דער פריערדיקער ליובאַוויטשער רבי, **כ"ק אדמו"ר מוהריי"צ נ"ע**] און פאַר לערנען מיט

יונגע בחורים די פאַרבאָטענע שיחות און מאמרים פון [הרב] שניאורסאָהן. די רוסן האָבן אים פאַרשיקט אין אַרבעטס-לאַגער אין **סיביר** און דערנאָך אין די נאָך מער פאַרפרוירענע **קאַלימאַ**-בערג אויף זיבן יאָר. נאָכן באַפרייט ווערן פון פאַרשיקונג (נאָכן שלוס פון צווייטן וועלט-קריג), דערוויסט זיך דער יונגער ר' מאָטל, אַז זיין גאַנצע משפחה איז דערמאָרדעט געוואָרן אין באַבי-יאַר. ר' מאָטל לערנט זיך אויס שחיטה און מילה און פאָרט אַרום אין די רוסישע שטעט אַרויסצוהעלפן אָפּגעלאָזענע אידישע קהילות מיט אידישקייט. מיט דער צייט איז ער געוואָרן דער שוחט און מוהל אין מאָסקווע, אָנגערופן מיט ליבשאַפט "**ר' מאָטל דער שוחט**".

דער פאָרליגענדער בוך דערציילט די אינטערעסאַנטע געשיכטע פון דער מסירות-נפש פון אידן אין סאָוועטן-פאַרבאַנד אונטערן קאָמוניסטישן רעזשים און פון אַ איד וואָס זיין איינציקער וואונטש איז געווען צו באַגראָבן ווערן אין קבר ישראל, און האָט זוכה געווען, מיט ג-ט'ס הילף, צו דערלעבן דעם צוזאַמענפאַל פון קאָמוניסטישן רעזשים, צו פאַרברענגען חודש תשרי ביים **ליובאַוויטשער רבי'ן נשיא דורינו** און צו זעען אייניקלעך און אור-אייניקלעך וואָס גייען אין זיינע פוס-טריט.